STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08140

# A SHTURMISH LEBN

Boris Lavrenev

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפן פראָנט פון ביר-
גער-קריג אין רוסלאַנד

ב. לאַוורעניעוו

# א שטורמיש לעבן

ראָמאַן

פון רוסיש: — יאַך

פאַרלאג א. שקליאר, ווארשע
1930

105
Coolidge
PUBLIC LIBRARY
BROOKLINE MASS.

B. ŁAWRENIEW / BUJNE ŻY-
CIE / NAKŁADEM A. SZKLA-
RA / WARSZAWA / 1930 R.
DRUK. „GRAFJA" WARSZAWA

## קאַפּיטל איינס

## דער נייער פּאַרוואַלטער

די זון איז געשטאַנען הויך. פון די בלומענבייטן האָט זיך געטראָגן אַ זויערער ריח פון פיילכן און ערד-רויזן. אויף דער באַגלעזערטער הויז-טעראַסע האָט זיך צונויפגעזאַמלט די פאַמיליע צום פרישטיק. פון גאָרטן איז אַרויפגעקומען מיט שווערע טריט, אונטער וועלכע ס'האָבן געסקריפּעט די טרעפּ, דער הויפּט פון דער פאַמיליע מיכאַיל איוואַנאָוויטש טקאַטשענקאָ, אַ פעסטער, ווי אַן אַרבוז אָנגעגאָסן מיט ווייכקייט, מוסקולן און פעטס, אין אַ זומערדיקן טשעסונטשאַענעם רעקל.

ער האָט זיך נאָר-וואָס אומגעקערט פון באַקוקן די פערד-שטאַלן און איז אַריין אויף דער טעראַסע אַ פינצטערער, קוים איינהאַלטנדיק זיך פון כּעס. זיין באַליבטער זשרעבאַק האָט זיך פאַרשטאָכן אַ פוס. דער דינער האָט פאַרזען, די פוס האָט באַקומען אַן אָנצינדונג, אָנגעהויבן צו פוילן, און דער אַרויס-גערופענער וועטערינאַר האָט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט, אַז מ'דאַרף דעם זשרעבאַק דערשיסן. טקאַטשענקאָ איז געוואָרן אויסער זיך, ווען ער האָט דערהערט, אַז ער פאַרלירט דעם פערד, פאַר וועלכן ער האָט באַצאָלט צוויי טויזנט רובל. ער האָט זיך מיט פויסטן געוואָרפן אויפן דינער, נאָר דער דער-שראָקענער כאָכאָל איז אַנטלאָפן און טקאַטשענקאָ האָט נישט געהאַט צו וועמען אויסלאָזן דעם כּעס.

מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט אַ ברום געטון אונטערן נאָז אין ענטפער אויף דער באַגריסונג פון דער פרוי און די צוויי טעכטער, האָט אַ ריס געטון אַ שטול און זיך שווער אַ וואָרף געטון אין אים מיט זיין גאַנצן באַרג מוסקולן און פעטס. די

פרוי האָט אים צוגעדרוקט זיין באַליבטע צייטונג „דרוך", אין וועלכער דער רעדאַקטאָר קרושעוואַן, אַ פריינט און גוטער ברו־דער פון מיכאַיל איוואַנאָוויטש, האָט טאָג־טעגלעך אַגיטירט פאַר פּאָגראָמען.

היינט האָט אָבער אַפילו דער „דרוך" נישט געפרייט דעם דערבייזערטן באַלעבאָס. אויף שנעל איבערגעקוקט דעם פּאָ־גראָם־העצערישן לייט־אַרטיקל, האָט מיכאַיל איוואַנאָוויטש אי־בערגעדרייט די זייט און זיך פאַרטיפט אין די אינטערנאַציאָ־נאַלע טעלעגראַמעס. זיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן די ידיעה „אַ שרפה מיט מענטשלעכע קרבנות אין אַריזאָנאַ". מי־כאַיל איוואַנאָוויטש האָט איבערגעלייענט די טעלעגראַמע ביז צום סוף און האָט זיך דערוווסט וועגן אַ שרפה אין אַ ישוב, ווו ס'זיינען אומגעקומען ביי אַ פירהונדערט מענטשן.

ער האָט אַ קיי געטון מיט די ליפּן, אָנגעשטרענגט דעם שטערן און פּלוצלונג אַ פרעג געטון דער עלטערער טאָכטער, אַ גימנאַזיסטקע פון זיבעטן קלאַס:

— אַנטאָנינאַ!... ווו איז אַזאַ אָרט, אַריזאָנאַ?

די פּלוצלונג איבערראַשטע אַנטאָנינאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן פון דעם טעלער מיט צוואָרעך, האָט אַ ווײַלע גע־טראַכט און געענטפערט:

— כ'ווייס באמת נישט. אָדער אין אַמעריקע אָדער אין אַוסטראַליע.

דאָס איז געווען גענוג, אַז דער פאַרשטיקטער אין טקאַ־טשענקאָ כעס זאָל ווידער אויסברעכן מיט אַ כּוח פון אַריזאָנער שריפה. די צייטונג האָט אַ פלי געטון אין אַ זייט. מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט אַזאַ קנאַק געטון מיטן קולאַק אין טיש, אַז די געשיר איז אונטערגעשפּרונגען און פון איין טעצל האָט זיך אויפן פרישן סערוועט אויסגעגאָסן אַ שטראָם שוואַרצע קאַווע.

— דו ווייסט נישט? דו ווייסט נישט, נאַרישער קאָפּ! אָדער, אָדער... דאָס אָבער, וואָס פאַר דיר ווערט אין דער גימנאַזיע געצאָלט, ווייסטו, בהמה איינע? וואָס, אידיאָטקעס, לערנט מען איך דאָרט? איינאָרדענען ליגעס פון פרייע ליבע,

שיכורן, זיך וואַלגערן מיט יינגלעך אין בעטן און דערנאָך מאַכן אַבאָרטן... איך וועל דיך צונעמען פון גימנאַזיע. גענוג! אַלץ איינס וועסטו קליגער נישט ווערן. התונה מאַכן וועט מען דיך אַזוי אויך קאָנען. אלא נישט, וועט מען זיך נאָך דערוואַרטן פון דער העלער הויט אַ ממזר. ווער וועט דאַן אַזאַ פּרי נעמען?

אַנטאָנינאַ האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און מיט פאַר־וווּנדערונג געקוקט אויפן פאָטער. ווי אַ שטאָך פון אַ שפּילקע מיט בלוט, אַזוי האָבן אירע אויגן פּאַמעלעך זיך אָנגעפּילט מיט שווערע טרערן. די מוטער האָט זיך אָנגענומען פאַרן מיידל.

— וואָס האָסטו זיך אויף איר אַרויפגעוואָרפן? וואָס איז זי שולדיק? אַלץ קאָן דאָך דאָס מיידל נישט וויסן. און דערצו, וואָסער אומאָנשטענדיקייט? אין דער אָנוועזנהייט פונם קינד וועגן אַבאָרטן... שעם זיך!...

דאָס אַריינמישן זיך פון דער פרוי האָט אָבער פאַרגרע־סערט דעם גרימצאָרן פונם פאָטער. דאָס בלוט איז אים אַריין אין פּנים און, זיך ווערגנדיק, האָט ער אַ רעווע געטון:

— שטיל זאָל זיין! ווער איז דאָ באַלעבאָס? וואָס איך וויל, דאָס טו איך!

די יינגערע טאָכטער, אַ דרייצן־יעריק מיידל, דערשראָקן, אויסגעקרימט די ליפּן, איז מיט אַ פאַרצווייפלטן געוויין אַרויסגעשפּרונגען פון הינטערן טיש און אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין. די מוטער האָט זיך איבערגעצלמט און איז אַנט־שוויגן געוואָרן. טקאַטשענקאָ האָט ווייטער געבורמט אויף אַנ־טאָנינאַן:

— איך וועל דיר ווייזן אַ גימנאַזיע! איך ווייס, מיט וואָס איר פאַרנעמט זיך דאָרט. איר פאַרשאַפט זיך געליבטע, גאַנצע נעכט זיצן ביי אייך גימנאַזיסטן, איר קושט זיך, האַלדזט זיך. האָסט שוין מסתמא געפּאַקט אַ בחור? זאָג!

ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול און קרעפּטיק אַ דריק געטון דעם מיידלס האַנט. זי איז אויך אויפגעשטאַנען און, קוקנדיק דעם פאָטער אין די אויגן מיט נישט־פאַרבאַהאַלטע־נעם האַס, האָט זי מיט ציטערנדיקע ליפּן אַ זאָג געטון:

— קיין שום געליבטע האָב איך נישט, נאָר פון אייער באַהאַנדלונג וועל איך מיך גיך וואַרפן אויפן האַלדז דעם ערשטן בעסטן שלעפּער, כּדי זיך צו באַפרייען.

טקאַטשענקאָ איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַזאַ אומדערהערטע חוצפּה! ער האָט אויפגעהייבן די האַנט און זיך איינגעגראָבן אין דעם מיידלס האָר. זי האָט אַ געשריי געטון, און דערדאָזיקער אומבאַהאָלפענער געשריי האָט דעם פאָטער אַנטגילטיק אַרויסגעשלאָגן פון גלייכגעוויכט. ער האָט אָנגעהייבן שלעפּן אַנטאָנינאַן פאַר די האָר פון איין זייט אין דער צווייטער, ברומענדיק מיט די אָנגעבלאָזענע ליפּן:

— נאַ דיר, אַ שלעפּער, נאַ דיר!... נאַ דיר!

די מוטער איז אומעטיק געזעסן אויפן שטול, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף די הענט, און איר מאָגערער קערפּער האָט זיך געטרייסלט פון ספּאַזמעס. אַריינמישן זיך האָט זי אָבער נישט געוואָגט, כּדי נישט צו מאַכן ערגער. זי האָט געוווּסט, אַז ווען אויפן מאַן פאַלט-אָן אַזאַ משוגעת, איז גלייכער צו פאַרשווייגן, ווייל דעמאָלט איז ער בכוח אַפילו צום טויט הרגענען.

אַנטאָנינאַ, וועלכע האָט זיך הילפלאָז געטרייסלט אונטער מיכאַילס איוואַנאָוויטשעס הענט, האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַ פאַל געטון אויף דער פאָדלאָגע, צעקלאַפּנדיק דעם פּנים אָן עק טיש.

טקאַטשענקאָ האָט אָפּגעלאָזן איר צאָפּ און אויסגעזידלט.

— מאַך אַן אָנשטעל, דער טייוול זאָל דיך נעמען! שטיי-אויף, אויב נישט וועל איך דיך מיט דער פוס אויפהייבן, — און האָט אויפגעהייבן אַ פוס, כּדי אַ קלאַפּ צו טון דעם מיידל אין אַ זייט. די מוטער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו אים, נאָר אין דערזעלבער מינוט האָט פון הינטער דער טעראַסע, פון די טרעפּ, זיך דערהערט אַ שטאַרקער און פול מיט בייסיקער אי-ראָניע קול:

— גאָט העלף! ס'איז אָנגענעם צו זען, ווי אַ פאַמיליע לעבט בשלום.

טקאַטשענקאָ האָט זיך שנעל אויסגעדרייט אין דער זייט פון דער שטים און איז צוגעלאָפן צום ברעג פון דער טעראַסע, גרייט אויסצולאָזן זיין כעס צום נייעם פאַרשוין.

אויפן אונטערשטן טרעפל פון גאַנעק האָט ער דערזען אַ ברייט-פלייציקן, פאַרברוינטן יונגנמאַן אין אַ בלויער סאַטינענער בלוזע, אין אַ ווייסער היטל און ברעזענטענע שטיוול. דער יונגערמאַן האָט געקוקט אויפן דערצאָרנטן באַלעבאָס און האָט אַ שמייכל געטון מיט אַן אָפענעם, דרייסטן שמייכל, ווייזנדיק ציין, ווייס ווי צוקער.

— איר ווילט זיך מסתמא? — האָט ער געפרעגט אויף אוקראַיניש מיט דעמזעלבן פולקלינגענדיקן קול און האָט תיכּף צוגעגעבן אויף רוסיש: — מיושבדיקע פאַרוויילונגען פאַרלייכטערן דאָס לעבן.

— וואָס ביסטו פאַראַ איינער? — האָט אין פאַרלעגנהייט אַ ברום געטון טקאַטשענקאָ.

— לאָמיר אָננעמען, אַז נישט „דו" נאָר „איר", דאָס איז אָבער נישט וויכטיק...

אינם קול פון דעם פרעמדן האָט זיך דערהערט אַזאַ טעמבער, אַז טקאַטשענקאָן האָט זיך געדאַכט, דאָס צו זיין קאָפּ האָט מען צוגעלייגט אַ בלאָז מיט אייז. ער האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען און שוין מיט אַ נידעריקערן טאָן געפרעגט:

— ווי אַזוי זענט איר אַהער געקומען?

— אָט אַזוי. כ'בין געגאַנגען פאַרביי, זע איך, ביי לייטן איז פריילעך, און איך אַליין בין אַ פריילעכער מענטש. לאָמיר אַ קוק טון, טראַכט איך מיר, אפשר וועל איך אויך געניסן פון דער שמחה.

— אָבער ווער זענט איר? — האָט שוין גאָר שטיל אַ פרעג געטון טקאַטשענקאָ.

— איך בין, האַר-לעבן, דער נייער פאַרוואַלטער. דאָס איז אייער בריוו? איר האָט געבעטן ביים דירעקטאָר פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול, ער זאָל אייך שיקן אַ פאַרוואַלטער. אָט בין איך דאָס טאַקע געקומען.

טקאַטשענקאָ איז געוואָרן אומבאַקוועם פון דעם דאָזיקן זיכער-רויקן קול, פון דעם אָפענעם און העלן שמייכל פונם מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אויף די טרעפּ, און ער האָט בייז אַ באָמקע געטון:

— נישט אין דער ריכטיקער צייט זענט איר געקומען. איך האָב היימישע עגמת נפש.

— ס'טרעפט, — האָט מסכים געווען דער נייער פּאַר־וואַלטער און פלומרשט גלייכגילטיק, נאָר מיט דעמזעלבן פּאַר־גיכטנדיקן קאַלטן שמייכל האָט ער צוגעגעבן: — פאַר די האָר טאָר מען אָבער נישט שלעפּן, ווייל איך ווייס פון אַזאַ פאַל, ווען אַ פאָטער האָט אַ טאָכטער אויסגעריסן דעם צאָפּ, און מיט אַ פליך וויל מען פאַר קיין ווייב נישט נעמען.

— איך בעט אָן עצות! — האָט אויפגערעגט אַ זאָג גע־טון טקאַטשענקאָ.

— איך גיב נישט קיין עצות. איך דערצייל נאָר, וואָס האָט פּאַסירט, — האָט רויק אָפּגענירט דער פאַרוואַלטער.

טקאַטשענקאָ האָט אַ רוגצל געטון דעם שטערן און געזאָגט:

— גייט הינטערן הויז צו דער אָפיצינע, פרעגט דאָרט אויף דער עקאָנאָמקע גאָרפינאַ גריגאָריעוונאַ, זי וועט אייך ווייזן אַ צימער. אָרדנט זיך איין, און מאָרגן קומט אין קאַנטאָר אַריין. דאָרט וועלן מיר זיך צענויפשמועסן.

— אַ דאַנק, — האָט געענטפערט דער פאַרוואַלטער און, זיך אויסדרייענדיק, איז ער לייכט און שנעל אַוועקגעגאַנגען הינטערן הויז.

— אויך אַ פויגל! — האָט אים נאָכגעברומט טקאַטשענקאָ. הינטער זיין פּלייצע האָבן עקשנותדיק נאָכגעקוקט דעם אַוועק־גייענדיקן פאַרוואַלטער אַנטאָנינאַס פאַרווײנטע אויגן, וועלכע האָבן אויפגעפלאַמט מיט אַ מאָדנעם פייער.

## קאַפּיטל צוויי

# די באַגעגעניש אין גאַרטן

ס'איז אַריבער אייניקע וואָכן. דער שטרענגער עקזאַמען, וואָס טקאַטשענקאָ האָט געמאַכט דעם נייעם פאַרוואַלטער אויף צומאָרגנס נאָך זיין פלוצלונגדיקן קומען, האָט באַפרידיקט אַפילו אַזאַ פּעדאַנטישן און קליינלעכן באַלעבאָס, ווי מיכאַיל איוואַנאָוויטש. דער נייער פאַרוואַלטער האָט געוווּסט אַלץ, וואָס האָט זיך געפאָדערט אין טקאַטשענקאָס גרויסער דאָרפישער ווירטשאַפט, און אויף אַלע פראַגן האָט ער געענטפערט נישט אייליק, רויק און פינקטלעך. מיכאַיל איוואַנאָוויטש איז אַזש געוואָרן גערירט און פאָרגעלייגט דעם פאַרוואַלטער צו עסן מיטאָג ביי אים, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געטון בנוגע די פריערדיקע פאַרוואַלטערס. צו זיין פאַרווונדערונג אָבער האָט דער פאַרוואַלטער העפלעך באַדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט.

— וואָס, איוואַן וואַסילעוויטש, איר מיאוסט זיך מיט מיין טיש? — האָט ברוגזדיק אַ פרעג געטון דער באַליידיקטער טקאַטשענקאָ. דער פאַרוואַלטער האָט אויף אים אויפגעהייבן די שוואַרצע פריילעכע אויגן.

— איך האָב עס אַפילו אין זינען נישט געהאַט, — האָט ער אַ זאָג געטון, הייבנדיק מיט די אַקסלען: — ס'איז אָבער גלייכער צו עסן פאַר זיך. כל זמן מיר קריגן זיך נישט איז נאָך נישקשה, וועלן מיר זיך אָבער אַמאָל צוקריגן, וועט איר מיר פאָרוואַרפן אייער טיש. איך האָב שוין געהאַט אַמאָל אַזאַ פאַל, וויל איך עס שוין מער נישט.

— נו, ווי איר פאַרשטייט, — האָט טרוקן געענטפערט טקאַטשענקאָ און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין.

איוואַן וואַסיליעוויטש האָט באמת זיך אַרויסגעוויזן אַלס אוצר פאַרן גוט. ס׳פלעגט נאָר אָנהייבן צו טאָגן, — פלעגט מען דערלאַנגען צו זיין גאַנעק אַ גרויען מיט עפּל-פלעקן פערד און ער פלעגט אויף אַ גאַנצן טאָג אַוועקרייטן אין די פעלדער. די אַרבעט האָט אונטער זיינע הענט געברענט, אַלעמען האָט ער געקאָנט אויפמונטערן און צוגעבן חשק צו דער אַרבעט. אויף די פעלדער זאָבן די פאַלטאַוער טאָג-אַרבעטערינס, קוים דערזען פונדערווייטנס דעם פאַרוואַלטערס ווייסע היטל, פריינטלעך געשמייכלט מיטן פולן מויל און גערעדט צווישן זיך:

— קוקט, די לויטערע זון גייט.

איוואַן וואַסיליעוויטש פלעגט אונטערקומען, אַריינוואַרפן אַ פּאָר וויצן, די מיידלעכס פּנימער פלעגן אויפשיינען, אַ נייער כּוח פלעגט צוקומען אין די אָנגעמאַטערטע הענט, ס׳פלעגן זיך גרינגער פונאַנדערבויגן די פּלייצעס, וואָס זיינען געווען פאַר־שרפעט פון דער תמוזדיקער סטעפּישער היץ און האָבן גע־בראָכן פון כּסדרדיקער איינגעבויגנקייט.

די פערד-דינערס האָבן אין דער אָנוועזנהייט פון איוואַן וואַסיליעוויטשן זיך איינגעסטאַטקעוועט און אויפגעהערט צו שיכּורן. דער עלטסטער פערדמייסטער אַפאַנאַסי, אַ ציגיינער, האָט לכתּחילה זיך אָנגעשיכּורט און אָנגעברויעט. ערהאָט זיך אָפּגעזאָגט צו רייניקן די פערד. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט דאָס דערהערט און איז תּיכּף אַריין אין שטאַל.

— הער-נאָר אַפּאָניאַ, וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? — האָט ער פריילעך געזאָגט: — דאָס איז, ברודער, קיין ענין נישט!

אַפאַנאַסי האָט אויפן פאַרוואַלטער אַ וואָרף געטון אַ קרו־מען קוק מיט די אָנגעגאָסענע מיט בלוט, אויסגעפּוטשעטע אויגן.

— טראָגט זיך אָפּ, איוואַן וואַסיליעוויטש, — האָט אַ שעפּטשע געטון צום פאַרוואַלטער דער צווייטער פערד-דינער גאַוורילקאַ: — ווייל ווען ער שיכּורט זיך אָן, קאָן מען אים נישט איינגעמען. ער וועט נאָך אַ קלאַפּ טון, און אין זיינע לאַפּעס... אָ-האָ! די רוקנביינער ביי פערד צעברעכט ער.

דער פּאַרוואַלטער האָט זיך אָבער אָפּגעטרייסלט פון גאַווריִלקאַן און האָט ווייטער איינגעטענהט מיט אַפאַנאַסיען.

— הער, אַפּאָניאַ! איך האָב עס נישט ליב. אַרבעט איז אַרבעט, און שיכּרות איז שיכּרות. ווען דו וועסט אָפּטון דיין אַרבעט, מעגסטו טרינקען כאָטש צום טויט. אָבער כּל-זמן ס'איז פאַראַן אַרבעט, זאָל דאָ ביי מיר נישט געדאַכט ווערן קיין שיכּרות. רייניק תּיכּף די פערד!

— אַוועק צום טייוול! — האָט געזעצט אַפאַנאַסי.

— דו זאָלסט נישט שרייען, — האָט געלאָסן געענטפערט איוואַן וואַסיליעוויטש: — פאַר שרייען האָב איך קיין מורא נישט. אויב דו וועסט אָבער די פערד נישט אויסרייניקן, טאָ נאַ-דיר מיין וואָרט, אַז דו באַקומסט מאָרגן דעם וועג.

אַפאַנאַסי איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט אַ כאַפּ געטון פון ווינקל אַ האָלאָבליע און מיט אַ ברומעריי האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויפן פאַרוואַלטער.

— איך וועל דיר געבן אַ וועג!

און אָט האָבן די פערד-דינערס דערזען עפּעס אומדערהער-טעס. די האָלאָבליע, וואָס האָט זיך שוין מיט אַ פייף אַראָפּ-געלאָזן, איז אין דער לופטן פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער רעכטער האַנט פון פאַרוואַלטער און איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אַפּאָניעס הענט, ווי אַ שטעקעלע. דערנאָך האָט דער פאַר-וואַלטער אָנגעכאַפּט אַפאַנאַסיען פאַרן קאָלנער פון דער העמד און, אויפגעהייבן אין דער לופטן, צוגעטראָגן צו די פער-דישע קאָריטעס און אַריינגעשטופּט דעם פּנים אין היי אַריין.

— וואַסער! — האָט ער אַ געשריי געטון צו די פערד-דינערס, וואָס האָבן געעפנט די מיילער פאַר וווּנדער. מ'האָט געבראַכט צעשלעפּן אַן עמער אייז-קאַלטע ברונען-וואַסער און איוואַן וואַסיליעוויטש, מיט איין האַנט צוגעדריקט אַפּאָניעס קאָפּ צו דער קאָריטע, האָט מיט דער צווייטער אויסגעגאָסן אויף אים דאָס וואַסער און ערשט דאַן אָפּגעלאָזט.

— אָט האָסטו דיר אויפן ערשטן מאָל אַן אָנלערנונג. די פערד זיינען נישט שולדיק, וואָס דו ביסט אַ שיכּור. אויף

זיי דאַרף מען אַכטונג געבן. און מיט מיר זאָלסטו גלייכער נישט פאַרפירן קיין געשלעג, ווייל איך וועל דיינע ביינער פונאַנ־דערשטעקן איבערן הויף, ווי זונבלומען.

שווער געאָטעמט און אָפגעטרייסלט זיך פונם וואַסער, האָט אַפאַנאַסי שווייגנדיק גענומען דאָס אייזערנע בערשטל און, אַראָפגעבייגן דעם קאָפּ, אַוועק רייניקן די פערד. ער האָט זיך געטרייסלט און געוואָרפן מיטן קאָפּ ווי אין קדחת, און דער פאַרוואַלטער איז מיט אַ געלעכטער אַרויס פון שטאַל.

— נו, אַפאַנקאַ, — האָט אַ זאָג געטון גאַווריל'קאַ: — רייניק! מאָרגן וועסטו אַרויספליען אויף האַלדז און נאַקן. מ׳וועט דיין געביין נישט זען. האָסט זיך דערשפּילט!

אָבער צו אַלעמענס חידוש איז אַפאַנאַסי געבליבן און דער פאַרוואַלטער האָט אַפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט טקאַ־טשענקאָן וועגן דעם צוזאַמענשטויס. נאָך דעם האָט איוואַן וואַ־סיליעוויטש באַקומען צווישן די הויפּישע אַרבעטער אַ שם פאַר אַן אייגענעם מענטשן. צו אים האָט מען אָנגעהייבן צו קומען נאָך עצות, און דערנאָך אויך נאָך מעדיצינישע הילף. איין מויד האָט אַ מאַשין איינגעשניטן אַ פוס, די וווּנד האָט אָנגע־הייבן צו פוילן, די מויד איז געלעגן אין היץ. איוואַן וואַסי־ליעוויטש האָט באַמערקט איר אָפּוועזנהייט און, דערוויסנדיק זיך וועגן פאַרפאַל, האָט ער געהייסן זי ברענגען צו אים אַהיים. ער האָט דורכגעוואַשן די וווּנד, זי פאַריאָדינירט, איבערגע־בונדן מיט אַ ריינעם לייוונט און די פוס האָט זיך שנעל פאַר־היילט. פון דעמאָלט אָן פלעגן יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט שטיין ביים גאַנעק פון זיין וווינונג אין דער ריי אַרבעטער, וואָס פלעגן קומען זיך היילן. דורכגייענדיק איינמאָל דורכן הויף, האָט טקאַטשענקאָ באַמערקט אַזאַ מין פאַרזאַמלונג און צומאָרגנס אַ פרעג געטון דעם פאַרוואַלטער:

— וואָס שטופּן זיך עפּעס ליידיקגייערס ביי אייער גאַ־נעק יעדן אָוונט?

— דאָס זיינען נישט קיין ליידיקגייערס. דאָס זיינען קראַנקע.

— קראַנקע? — האָט זיך פאַרווונדערט טקאַטשענקאָ: — טאָ וואָס טוען זיי ביי אייך?

— איך היילל זיי אונטער צוביסלעך. ביי מיר איז פאַראַן אַ שטוביק אַפטייקל.

— אַ בעלנות, — האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען טקאַטשענקאָ: — אויף זיי פאַרהיילט זיך אַלץ פון זיך אַליין, ווי אויף הינט. און אויב היילן זיי, וועלן זיי באמת ווערן פריצים. שפייט אויף דעמדאָזיקן ענין. דעם פויער דאַרף מען לערנען מיטן פויסט אין די ציין. מיר האָבן שוין געזען דעם רוסישן פויערל בעת דער רעוואָלוציע. ווער-ווער, נאָר מיר ווייסן, ווי אַזוי דעם פויער צו היילן און צו לערנען.

איוואַן וואַסיליעוויטש האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָר אַ קוק געטון אויף דער פלייצע פון אַוועקגעגאַנגענעם טקאַטשענקאָ מיט אויפגעבליצטע אויגן, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפ און, האַסטיק זיך אויסגעדרייט, איז ער אַוועק אין גאָרטן אַכטונג געבן, ווי מ'גראָבט אַרום בוימער צום באַגיסן. דורכגייענדיק די אַלעע פאַרביי דער אַלטאַנע פון מאַיבלומען, האָט ער פון דערווייטנס באַמערקט אויפן באַנק אַ פרויען-פיגור.

גלייך ווי דער פאַרוואַלטער האָט זיך באַוויזן, האָט אַנטאָנינאַ דערשפירט אין אים אַ מענטש פון אַן אַנדער אַרט, ווי איר פאָטער און די אַרומיקע פריצים. ער האָט איר דערמאָנט די סטודענטן, מיט וועלכע איר פלעגט אויסקומען זיך צונויפצוטרעפן ווינטערצייט, ווען זי האָט געלעבט אין אַ דירה אין שטאָט, לערנענדיק זיך אין דער גימנאַזיע. געקוועלט זומער אינם פאָטערס הויז, האָט דאָס מיידל, אַ דערשראָקענע און געפייניקטע, זיך פאַראינטערעסירט מיטן פאַרוואַלטער. ער האָט אָבער אויף איר נישט געלייגט קיין אַכט און האָט זי אַפילו ווי אויסגעמיטן. אייניקע מאָל אין גאָרטן, באַמערקנדיק פון דערווייטנס איר פיגור, האָט ער זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק שטעגל, ווי ער וואָלט נישט וועלן זי טרעפן, און ביי צופעליקע באַגעגענישן פנים אל פנים פלעגט ער העפלעך אויפהייבן די היטל און דורכגיין, נישט אַ קוק געבנדיק אַפילו.

דאָסמאָל אָבער איז דער פאַרוואַלטער געגאַנגען גלייך איבער דער אַלעע. אַנטאָנינאַ האָט פאַרמאַכט דעם ביכל און געקוקט אויף דעם זיך דערנענטערדיקן איוואַן וואַסיליעוויטש. ער איז נאָענט צוגעקומען און ווי שטענדיק האָט ער אָנגערירט מיט דער האַנט די היטל, איצט אָבער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און פּלוצלונג אַ פרעג געטון:

— איר טרוימט, פרײַלין?

אַנטאָנינאַ האָט אַ ציטער געטון פון זיין קול און, הילפלאָז אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט זי געזאָגט:

— וועגן וואָס קאָן איך טרוימען?

דער פאַרוואַלטער האָט אָפּגעווישט פון פנים דעם אָפיציעלהעפלעכן שמייכל און אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף דעם מיידלס רויט-געוואָרענע באַקן.

— איך האָב זיך נישט ריכטיק אויסגעדריקט. נישט איר טרוימט, נאָר איר קלערט אַרום די „היימישע אומאָנגענעמלעכקייטן״, — האָט ער אַ זאָג געטון אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט. אַנטאָנינאַ איז נאָך שטאַרקער רויט געוואָרן און האָט דערשפּירט, ווי טרערן לויפן איר אין די אויגן.

— איר לאַכט פון מיר. און מיר איז אַזוי שווער, אַזוי צרהדיק. איך בין גרייט צו אַנטלויפן וווהין עס איז פון דערדאָזיקן הויז. — זי האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און פּלוצלונג דערשפּירט, ווי איר האַנט האָט אָנגענומען אַ האַרטע און הייסע האַנט.

— אַזוי!? אָ-האָ! שלעכט, פרײַלין! ווייזט-אויס, נישט זיס איז דעם טאַטנס ברויט, — האָט זיך דערהערט אַ מיושבדיקער און צערטלעכער קול: — וואָס וועלן מיר טון? האַ?

— גיט אַן עצה, איוואַן וואַסיליעוויטש, — האָט זיך אַרויסגעריסן מיט טרערן ביי אַנטאָנינאַן: — חוץ אייך האָב איך דאָ קיינעם נישט. דער טאַטע און מאַמע זיינען פרעמדע. איך קען מיט זיי נישט לעבן. איך ווייס נישט, ווי בכלל מ׳דאַרף לעבן. איך ווייס גאָרנישט, ווייטער אָבער אַזוי לעבן קען איך נישט.

— יאָ, יאָ, — האָט אַ זאָג געטון איוואַן וואַסיליעוויטש: — אָט דאָס איז עס. די פּאָטערס און קינדער. אַן אידעישע קאַטאַסטראָפע. טאָ איז וואָס? לאָמיר זיך דורכשמועסן. קומט צו מיר אינאָוונט נאָכן אָוונטעסן. אפשר וועל איך אייך מיט עפּעס קאָנען העלפן. קיין גרויסער מענטש בין איך נישט, דאָך...

— גוט, — האָט געענטפערט אַנטאָנינאַ, נאָר פּלוצלונג איז זי געוואָרן אומעטיק: — ווי אַזוי מאַכט מען עס אָבער?

— וואָס?

— נאָכן אָוונטעסן ווערן דאָך ביי אונדז אַלע טירן פאַרשפּאַרט. אויב דער טאַטע וועט דערהערן עפּענען די טיר, וועט ער דערהרגענען. איך וועל נישט קאָנען.

איוואַן וואַסיליעוויטש האָט אַ שמייכל געטון.

— איר זענט נישט קיין דערפאַרענער פויגל. ס'איז דאָך פאַרטער? אַ פענצטער איז פאַראַן? נו, איינס צוויי און פאַרטיק. און דער פּאָטער זאָל זיך כראָפּען.

— אמת! אַלזאָ, וואַרט. איך וועל דורכויס קומען, — האָט געזאָגט דאָס פריילעך-געוואָרענע מיידל און איז אַנטלאָפן, אונטערשפרינגענדיק. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט איר נאָכגעקוקט.

— אַזוי איז טאַקע בעסער, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטון, — מירן אָנהויבן דעם קאַמף פון אַ קלאַפּ דעם שונא אין האַרצן.

---

## קאַפּיטל דריי

# ביינאַכטיקער שמועס

אַ שוואַרצע, זילבערשטערנדיקע נאַכט האָט זיך אַראָפּגע־לאָזט איבער טקאַטשענקאָס גוט. ס׳האָבן זיך פאַרלאָשן די פּיי־ערלעך ביי דער דינערשאַפט און אין פּריצישן הויז. הינטערן שייער האָט פלינק געשפּילט אויף אַ האַרמאָניק דער שטאַל־מייסטער אַפּאָנקאַ, דער פאַרפירער פון אַלע פּאָלטאַווער מוידן, וועלכע פלעגן קומען אויף די זומערדיקע אַרבעטן אין גוט אַריין. אויפן קלאַנג פון אַפּאָנקאָס שפּילן פלעגן זיך אונטער־גנבענען קוים באַמערקבאַרע אין דער פינצטער שאָטנס, קליינ־געַנדיק מיט גלעזערנע קרעלן.

סאָליד אָפּגעגעסן אויף ביינאַכט, האָט מיכאַיל איוואַנאָ־וויטש זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן און די טיר פון שלאָפצימער האָט שטיל געציטערט פון זיין העלדישן כראָפּען. אַנטאָנינאַ איז אויפגעשטאַנען פון בעט, זיך צוגעהערט, פאָרזיכטיק אַראָפּ־געלאָזט די פיס אויף דער פּאָדלאָגע און שנעל זיך אָנגעטון. זי איז אויפגעשטאַנען און, מיטן האַנט צוגעהאַלטן די האַרץ, וואָס האָט געפלאַטערט ווי אַ לעבעדיקער פויגל, האָט זי גע־מאַכט אַ טריט צום פענצטער. אונטער די פיס האָט צעצויגן אַ סקריפּע געטון, און דאָס מיידל איז געבליבן פאַרשטאַרט, מיט שרעק זיך צוהערנדיק. אַלץ איז אָבער געווען ווי פריער שטיל. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט זי אָן גערויש אָפּגערוקט די לאָדנס און געעפנט דעם פענצטער. די פרישע שמעקעדיקע לופט פון גאָרטן האָט איר אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין מיט אַ באַרויקנדיקער קילקייט. זי האָט זיך געשטעלט אויפן פענצ־טער, האָט אַראָפּגעהאָנגען די פיס און, אָנהאַלטנדיק זיך אויף

די מוסקולן, האָט זי שטילערהייט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער וואַקסנדיקער אונטערן פענצטער גראָז. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און מיט שנעלע טריט, אויף די שפּיץ פינגער, האָט זי זיך אַ יאָג געטון צום מויער, ווו אין פענצטער האָט געלויכטן אַ פייערל. צולויפנדיק צום פענצטער, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אַ ווײַלע זיך מישב געווען, דערנאָך האָט זי דעצידירט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַ טראָט געטון פאָרויס און שטיל אָנגערירט מיט די פינגער די שויב. הינטערן פאָרהאַנגל האָט זיך אַ וואָרף געטון אַ שאָטן, אַן עק פאָרהאַנגל האָט זיך אָפּגערוקט, ס'האָט אַ שווינדל געטון אַן אויג און דעם פאַרוואַלטער קול האָט אַ שעפּטשע געטון: — קומט! די טיר איז אָפן.

אויסער זיך פון שרעק און אויפרעגונג, האָט אַנטאָנינאַ זיך אַרײַנגעריסן אין דעם זייער קליינעם פאָדערצימער, האָט אַ ריס געטון די טירהענטל און איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, פאַרבלענדט פון דער לאָמפּנשיין.

— קומט אַרײַן, האָט נישט קיין מורא, — האָט זי באַגעגנט איוואַן וואַסילעיוויטשעס אַ פריילעכער אויסגעשריי און ער האָט איר שטאַרק אַ דריק געטון די האַנט: — זעצט זיך, זייט ווי אין דערהיים. דעם אמת געזאָגט האָב איך געצווייפלט צי איר וועט קומען. כ'האָב געקלערט, אַז איר וועט זיך שרעקן. איר זענט אָבער אַ דרייסטע.

די אויפגערעגטע און ציטערנדיקע אַנטאָנינאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער באַשיידענער קאָשעטקע. ס'האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט זי אָנגענומען פאַר די הענט.

— אוי, סאַראַ קאַלטע. איר זענט דורכגעפרוירן, טייערינקע. איך וועל אייך באַלד אָנטרינקען מיט טיי.

— ניין, ניין, — האָט פּראָטעסטירט אַנטאָנינאַ: — איך וויל גאָרנישט. דאָס איז נישט פון קעלט, נאָר פון אויפרעגונג.

— נו, אויפרעגן זיך איז נישט כדאי. קודם-כל — קאַלטבלוטיקייט. אויב איר ווילט נישט קיין טיי, טאָ לאָמיר תּיכּף אָנהויבן צו שמועסן. נו, וואָס דריקט אייער האַרץ, לייגט-אַרויס.

דאָס מיידל האָט אַ ווײַלע זיך געקווענקלט און נישט געפֿו-
נען קיין ווערטער. איר אין די אויגן האָבן געקוקט דעם
פֿאַרוואָלטערס אויפֿמערקזאַמע, גוטע, אַנגעשטרענגטע בליקן. און, ווי
שעפֿנדיק אין זייער וואַרעמער טיפֿקייט אי די נויטיקע כּוחות
אי די נויטיקע געדאַנקען, האָט זי שנעל, זיך פּלאָנטערנדיק,
טומלענדיק און צאַפּלענדיק, אָנגעהויבן צו רעדן, איילנדיק
אַרויסגעזאָגן אַלץ וואָס האָט אָנגעווייטיקט אין איר קליינעם
האַרצן.

זי האָט געענדיקט און זיך פֿונאַנדערגעוויינט. אויף איר
קאָפּ האָט, ווייך אָנרירנדיק, זיך געלייגט אַ פֿרײַנטלעכע האַנט.

— אַזוי! וויינט זיך אויס! דאָס איז גאָרנישט. לסוף
מעג מען זיך אויסוויינען, כּדי שוין דערנאָך מער קיינמאָל
נישט וויינען.

אַנטאָנינאַ האָט אויסגעווישט די טרערן און דורשטיק אַ
קוק געטון אויף איוואַן וואַסיליעוויטשן. אירע ליפּן האָבן נאָך
געציטערט. ער איז אומדערוואַרטעט געוואָרן שטרענג.

— איר וואַרט אויף אַן ענטפֿער? קלאָר! ס'איז דאָך אַ
גאַנץ געוויינלעכער ענין. טויזנטער מענטשן זוכן אַן ענטפֿער
אויף דיזעלביקע פֿראַגן, און דער ענטפֿער איז איינער. דער
אויסוועג איז אין קאַמף. אין קאַמף אומבארחמנותדיק און אָן
סענטימענטן. אַ זון קעגן אַ פֿאָטער און אַ ברודער קעגן אַ
ברודער אויף טויט. פֿאַרגעסן אַלע פֿאַרבינדונגען און פּענטעס,
אָפּזאָגן זיך פֿון אַלעם און גיין אין שלאַכט. אין דעם איז אויך
אייער רעטונג, ליבע מיידל. וועט אָבער אייך קלעקן דערצו
כּוחות און אַנטשלאָסנקייט?

— העלפֿט מיר, איוואַן וואַסיליעוויטש! איך בין אויף
אַלץ גרייט, אַבי נאָר אַוועקצוגיין פֿון אָטאָ דעם לעבן.

— אַוועקגיין פֿון לעבן איז לײַכט. מ'דאַרף קאָנען אָננע-
מען אַן אַנדער לעבן, וועלכעס, קאָן זיין, וועט זיך אַרויסווייזן
נאָך שווערער ווי דאָס איצטיקע. דאָס לעבן פֿון אַ געפּלאָגטער
חיה, וועלכע האָט נישט איר ווינקל, וועלכע...

— איר לעבט דאָך אָט אַזאַ לעבן, איוואַן וואַסיליע-

וויטש? — האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטון דאָס מיידל, איבער־שלאָגנדיק זיינע רייד. דער פּאַרוואַלטער איז אויף אַ ווײַלע בשתּומם געוואָרן.

— און ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איך לעב אָט אַזאַ לעבן? — האָט ער כמעט שטרענג געפרעגט.

— קיינער נישט. איך האָב זיך אַליין... משער געווען, — האָט זי געענטפערט, שרעקעוודיק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— גוט. לאָמיר אָננעמען. איך קאָן אָבער דעמדאָזיקן לעבן און ווייס, ווי מ'דאַרף גיין מיט אים אין פוס. דער־דאָזיקער וויסן האָט זיך מיר איינגעגעבן מיט שווערער דער־פאַרונג. וועט איר דען עס אויסהאַלטן?

אַ מאָמענטאַלע פויזע און אַ דעצידירטער ציטערדיקער קול:

— איך וועל אויסהאַלטן.

— אַפילו אויב מ'וואָלט אייך געזאָגט, אַז איר מוזט לטובת הכלל הרגענען אייער אייגענעם פאָטער, און מ'וואָלט אייך געגעבן אין האַנט אַריין געווער?

נאָך אַ שווער שטילשווייגן און ווידער אַ ציטערנדיקער פון אויפרעגונג קול:

— נאָר נישט מיטאַמאָל... דערנאָך... איצט קאָן איך נאָך נישט.

דער קנייטשן־קנויל אויפן פּאַרוואַלטערס שטערן איז פּאַ־מעלעך פונאַנדערגעשוווּמען, האָט זיך אויסגעגלייכט. ער איז אויפגעשטאַנען.

— ריכטיק. דאָס האָט איר אמת געזאָגט. נישט מיט־אַמאָל. מיטאַמאָל ווערט קיין זאַך נישט געמאַכט. מיטאַמאָל ווערן נאָר נאַראָנים דערטרונקען. זיכער, נישט מיטאַמאָל. קודם כּל דאַרפט איר זיך דערוויסן וועגן יענעם לעבן, וואָס שטייט אייך פאָר נאָכ'ן אָפּזאָגן זיך. און דערנאָך וועלן מיר זען.

— דערציילט, איוואַן וואַסיליעוויטש, — האָט דורכדרינגענד אַ זאָג געטון דאָס מיידל, צודריקנדיק די האַנט צום האַרצן.

— אָ, סאַראַ נייגעריקע איר זענט, — האָט ער אַ שמייכל געטון. — היינט איז שפּעט. שוין צוויי אַזייגער. אינגיכן וועט

אָנהייבן צו טאָגן. ביז פאַרטאָג דאַרפט איר שוין זיין צוריק אין דערהיים, אַנדערש ווייסט דער טייוול וואָס וועט זיין. איר ווייסט אַליין, אין אַ טאָג צוויי אַרום וועל איך אייך ווייטער זאָגן, ווען מ׳וועט מעגן קומען. און דערווייל נעמט אָט אָ דאָס, לייענט אין אַ פרייער צייט, אָבער חס וחלילה, אַז דער פאָטער זאָל נישט דערזען. דעמאָלט איז אי מיר אי אַ סך אַנדערע — אַ סוף. איר וועט קאָנען באַהאַלטן?

ער האָט אַנטאָנינאַן דערלאַנגט אַ פּעקל קאָלירטע ביכלעך. זי האָט עס פעסט אַ כאַפּ געטון.

— איך וועל קאָנען. מיר האָבן אין גימנאַזיע פון די דערציערינס שטענדיק באַהאַלטן ראָמאַנען אין בוזעם, — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטער און איז פלוצלונג רויט געוואָרן.

— נו, ראָמאַנען איז אַנדער זאַך, — האָט געענטפערט איוואַן וואַסיליעוויטש, ווי ער וואָלט נישט באַמערקט איר פאַר־לעגנהייט. — דאָס דאַרף מען בעסער באַהאַלטן. נו, אַנטלויפט!

— צום ווידערזען, איוואַן וואַסיליעוויטש. איך דאַנק אייך, — האָט אַ שעפּטשע געטון אַנטאָנינאַ און, פעסט אָנגע־כאַפּט זיין האַנט, האָט זי זיך נישט־ווילנדיק צוגעדריקט צו אים... ער האָט זי האַרציק אַ גלעט געטון איבערן אַקסל.

— וואַרט־צו, איך וועל אַרויסקוקן, צי איז עמיצער נישט פאַראַן אויפן הויף.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אין פאָדערצימער. איוואַן וואַ־סיליעוויטש האָט געעפנט די טיר און אַרויסגעקוקט אויפן הויף. ווייט אויפן מזרח דורך דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ בלויער פּאַס. אין הינערשטייג האָט פאַרשלאָפן אַ קריי געטון אַ האָן. דער צעפּאַטלטער הויף־הונט סענקאָ האָט זיך אַ דריי געטון ביים גאַנעק און, אויפגעשטאַ־נען, האָט ער זיך גענומען רייבן אָן דעם פאַרוואַלטערס פיס.

— נישטאָ קיינער, — האָט אַ שעפּטשע געטון איוואַן וואַסי־ליעוויטש, — לויפט!

— אַ דינער שאָטן האָט זיך אַ וואָרף געטון פון גאַנעק און אַוועקגעלאָפן איבער דער אַלעע. איוואַן וואַסיליעוויטש האָט

פאַרמאַכט די טיר. אַנטאָנינאַ איז געלאָפן גלייך, דורך דער לאָנקע, געשפּירט, ווי די נאַכט-טוי נעמט-אַרום די פיס דורך די זאָקן מיט אַ קילער פרישקייט. צוגעלאָפן צום פענצטער, האָט זי זיך אַ טאַפּ געטון ביים בוזעם. די ביכלעך זיינען דאָרטן געלעגן. זי האָט רויקער אָפּגעזיפצט, זיך אַרומגעקוקט, אַרויפ-געשטעלט אַ פוס אויפן געזימס פון דער וואַנט און מיט איין שפּרונג אונטערגעוואָרפן דעם קערפּער אין דערהויך אַרויף. פון אונטער דעם אייזערנעם פאַראַפּעט האָט מיט אַ גערויש זיך אַ שאָט געטון שטיקלעך מויער. זיצנדיק אויפן פאַראַפּעט, האָט אַנטאָנינאַ זיך צוגעהערט. דער גערויש פון די שטיקלעך איז אָבער געווען אַזאַ שוואַכער, אַז נאָר אירע אויפגערעגטע נערוון האָט זיך עס אויסגעדאַכט ווי אַ קנאַל פון אַ דונער.

די נאַכט איז געבליבן שטיל און נישט באַאומרויקט.

זיצנדיק אויפן פאַראַפּעט, האָט דאָס מיידל אויסגעטון די פאַנטאָפל און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע. אַוועק-געשטעלט די פאַנטאָפל אין ווינקל, אויסגעטון דאָס קלייד. צו-געגאַנגען צום ווינקל, ווו אונטערן הייליקן בילד האָט געברענט דער נר-תמיד, און האָט אַרויסגעשלעפּט פונם בוזעם די באַ-האַלטענע בראָשורן. זיי זיינען געווען וואַרעם פונם קערפּער און האָבן צאַרט געוואַרעמט די געפרוירענע הענט.ביים צי-טערדיקן פייערל פונם נר-תמיד האָט זי קוים איבערגעלייענט די נעמען פון די ביכלעך: „די פּאָליטישע פּאַרטייען אין רוס-לאַנד און זייערע פּראָגראַמען, פאַרלאַג פּאַראַמאָנאָוו". „פאַרוואָס געוועלטיקן איבער דער ערד פּריצים און נישט פּויערן".

אַ לייכטע מורא און איינציייטיק אַ פרייד האָבן אַ שטאָך געטון אין מיידלס האַרץ. זי איז צוגעגאַנגען צום שאַנק, אים געעפנט, אַרויסגענומען אַ שאַכטל, אויפגעהייבן די היט און הענטשקעס, וואָס זיינען דאָרט געלעגן, און טיף פאַררוקט אונ-טער זיי די ביכלעך. צוריק באַהאַלטן די שאַכטל, זיך איבער-געצלמט צו דעם הייליקן בילד, וועמענס טונקעלע אויגן האָבן זי פאַרווונדערט נאָכגעקוקט, און דורכגעשפּרייזט מיט די באָר-וועסע פיס די פּאָדלאָגע, האָט זי זיך געלייגט אין בעט אַריין.

## קאפיטל פיר

# די שלאַכט צווישן רוסישע און קאָאָרדינער

מיכאַיל איוואַנאָוויטשעס באַלעבאַטישקייט איז זיך געגאַנגען מיט איר גאַנג. מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט ווי פריער געזידלט די אַרבעטער; די פּאַסטוכער, וואָס פלעגן צו אים קומען אָפּבעטן די צוגעכאַפּטע בהמות, פלעגט ער מיטן הענטל פון אַראַפּניק שטופּן אין די בערד אַריין; די פאַמיליע זיינע האָט ער געהאַלטן אין מורא און פחד. ווי פריער האָט איוואַן וואַסיליעוויטש אָן אויפהער געאַרבעט ביים דרעשן און געהיילט די אַרבעטער. ווי פריער האָט אַנטאָנינאַ זיך איינגעקורטשעט אונטערן פּאַטערס קוק, ביינאַכט אָבער פלעגט זי שוין אָן פּחד לויפן איבער דעם אויסגעטרעטענעם וועג צום פאַרוואַלטערס דירה.

דאָרט פלעגן געלייגנט ווערן אויפן קול טריפענע ביכלעך, און איוואַן וואַסיליעוויטש האָט דעם מיידל פאַרטייטשט דאָס איבערגעלייענטע מיט פּאָפּולערע און פאַרשטענדיקע ווערטער און ביישפּילן. ביי אַנטאָנינאַן פלעגן זיך אָנצינדן די אויגן און זי פלעגט הערן, מורא האָבנדיק דורכצולאָזן כאָטש איין וואָרט.

אין איינער פון אַזעלכע נעכט האָט איוואַן וואַסיליעוויטש פאַרגעלייגט אַנטאָנינאַן:

— אָט וואָס, פריינט מיינער! איר דאַרפט האָבן וועלכע ס'איז באַשעפטיקונג, כאָטש די סאַמע קלענסטע. איר האָט אַ סאַך ענערגיע, איר האָט אָבער נישט קיין פאַרווענדונג פאַר דעם. מיט מיינע מעשיות אַליין וועט איר נישט זאַט ווערן. איר דאַרפט זיך מיט עפּעס פאַרנעמען. אָט האָב איך אויף

די ערשטע צייט פאַר אייך צוגעקלערט אַן אַרבעט. איך קאָן זיך נישט אַן עצה געבן מיט מיין מעדיצינישער פּראַקטיק. אַ לאַפּע האָב איך אַ שווערע, אַ גראָבע, און דאָס איז אַן אַר־בעט אַן איידעלע: גראַבלען אין אַ ווונד, אָפּווייקן אַ באַנדאַזש פונאַנדעררייבן, מאַסאַזשירן. איר וואָלט מיר געהאָלפן. האַ?

— איך? מיט פאַרגעניגן, איוואַן וואַסיליעוויטש, דער טאַטע וועט אָבער נישט דערלויבן.

— צו וואָס פאַר אַ גוט יאָר דאַרף מען אים פרעגן? דאָס איז דאָך נישט קיין קריגן ביינאַכט דורכן פענצטער. דאָ איז אַלץ אויבנאויף. און דער טאַטע אייערער מעג פאַרשטיין, אַז פאַר אים לוינט בעסער, ווען זיינע אַרבעטער וועלן נישט קרענקען. מאָרגן קומט גלייך צוגיין נאָכן מיטאָג. אויב אָבער דער פאָטער וועט זיך איינעקשנען, וועל איך אים איינעמען.

אויף צומאָרגנס נאָכמיטאָג, בעת איוואַן וואַסיליעוויטש האָט אויפגענומען די קראַנקע, איז געקומען אַנטאָנינאַ, אַביסל אַ שרעקעוודיקע, און האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט לויט זיינע אָנווייזונגען. לכתחילה האָט זי מורא געהאַט און זיך גע־פלאָנטערט. זי האָט זיך אָבער שנעל צוגעוויינט. די ווייכע פרויענ־הענט האָבן געפּאַסט צו אָטאָ דער אַרבעט, און איין מויד, וועלכער אַנטאָנינאַ האָט געטווישט דעם קאָמפּרעס אויף אַ ריזי־קער מכה, האָט איר מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון:

— אָט איצט איז גוט! ס'טוט גאָרנישט וויי, ווייל איר, פריילין, האָט אַ הענטל לייכט ווי אַ פליגעלע. איוואַן וואַסיליע־וויטש האָט אָבער אַ שווערע האַנט, נישט אויסצוהאַלטן.

אַנטאָנינאַ האָט אויפגעפלאַמט פון פרייד און האָט שרע־קעוודיק אַ קוק געטון אויף איוואַן וואַסיליעוויטשן. ער האָט צו איר ליבלעך אַ שמייכל געטון. האָט אַ ציטער געטון דאָס האַרץ ביים מיידל און, כדי צו באַהאַלטן דעם ציטער, האָט זי זיך נידעריק איינגעבויגן איבער דער ווייטערדיקער פּאַציענקע.

געענדיקט די אַרבעט, האָט זי צעוואַשן די הענט און געזעגנט זיך מיט איוואַן וואַסיליעוויטשן. זי איז אַרויס אויפן הויף. פול מיט מונטערער פרייד, איז זי בעגייסטערט געגאַנגען

איבערן הויף, נישט בעמערקט, אַז אויפן גאַנעק פון הויז שטייט איוואַן וואַסיליעוויטש און קוקט איר נאָך מיט אַ בייזער פאַרוווּנדערונג. זי האָט שוין געוואָלט אַריינגיין אין שטוב אַריין דורכן זייטיקן אַריינגאַנג, ווי זי האָט דערהערט דעם פאָטערס אויסגעשריי:

— אַנטאָנינקאַ!

זי איז געבליבן שטיין, ווי אַ צוגעשמיטע און מיט פּחד אַ קוק געטון אין דער זייט פון אויסגעשריי. אַראָפּגעגאַנגען פון גאַנעק, האָט מיכאַיל איוואַנאָוויטש צו איר געווונקען מיטן פינגער. זי האָט געפילט, אַז די פיס בויגן זיך איר אונטער. מיט נישט-זיכערע טריט איז זי צוגעגאַנגען צום פאָטער, און פעסט צוגעדריקט מיט די עלנבויגנס די זייטן, ווי געוואָלט זיך אונטערשפאַרן.

מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף איר מיט דורכדרינגענדיקע אויגעלעך.

— וואָס האָסטו דאָרט געטון? — האָט ער אַ פרעג געטון, פונאַנדערציענדיק אומאָנגענעם די ווערטער.

אַנטאָנינאַ האָט אַ הייב געטון מיט די ברעמען און האָט זיי תּיכּף צוריק אַראָפּגעלאָזט.

— איך... האָב געהאָלפן איוואַן וואַסיליעוויטשן באַנדאַזשירן די קראַנקע.

— ווי? און ווער האָט דיר דערלויבט, קלאַטשע? ווי האָסטו געוואַגט?

דערהערט די גראָבע באַליידיקונג, האָט אַנטאָנינאַ דערשפּירט, ווי צום גאָרגל אירן קייקלט זיך צו אַ הייסער קנויל כּעס, וואָס שטערט איר כאַפּן דעם אָטעם. זי האָט קורץ און רוישיק אָפּגעעטעמט.

— וואָס איז דאָ פאַר אַן עבֿירה, פּאַפּאַ? זיי זיינען דאָך אויך מענטשן און מאַטערן זיך, — זי האָט אָבער געפילט די האָפענונגסלאָזיקייט פון איר תּירוץ. און האָט צוגעגעבן איוואַן וואַסיליעוויטשעס ווערטער: — דיר איז דאָך אויך גלייכער, אַז די אַרבעטער זאָלן נישט קרענקען.

— וואָס? — האָט איבערגעפּרעגט מיכאַיל איוואַנאָוויטש און זיינע גראָבע באַקן האָבן אָנגעהייבן צו שפּרינגען פון כּעס. — וואָס ווידער? ווער האָט דיר דאָס אויסגעלערנט? דעם טאַטן רעדן אַנטקעגן, מנוול'טע? איך וועל דיר געבן!

ער האָט אויפגעהייבן די האַנט, כּדי צו באַשענקען די חוצפּהניצע מיט אַ פּאַטש. אין דערזעלבער רגע אָבער האָט זיך פון דער זייטיקער געביידע דערהערט דעם פּאַרוואַלטערס קול:

— וואַרט-צו, מיכאַיל איוואַנאָוויטש! אויב איר ווילט זיך שוין טאַקע שלאָגן, טאָ — מיט מיר און נישט מיטן מיידל.

מיכאַיל איוואַנאָוויטשעס האַנט האָט זיך אין מיטן וועג פּאַר-האַלטן. ער האָט זיך אויסגעדרייט. דער פּאַרוואַלטער איז שנעל, כּמעט לויפנדיק, צוגעקומען צו אים. מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט פּערגעסן אָן אַנטאָניִנאַן און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן פּאַרוואַלטער.

— וואָס איז אייער דאגה? ווער זענט איר, וואָס איר מישט זיך אַריין! פּאַנפּאַטש! צוציק!

— עהע, וויפל פאַרשידענע ווערטער איר ווייסט. מ'קאָן אייך גאָרנישט דעריאָגן, — האָט רויק דערווידערט איוואַן וואַ-סיליעוויטש, — ס'איז מיין דאגה דערפאַר, ווייל איך האָב אייער טאָכטער איינגעלאַדן מיר צו העלפן, טראָג איך די אחריות. זייט אַזוי גוט טאַקע מיט מיר זיך דורכשמועסן.

— אַהאַ! אַזוי גאָר? דעמאָראַליזירן קינדער? זיך פאַר-נעמען מיט רעוואָלוציע? איר האָט ווייניק באַקומען נאַגאַיקעס, הינטישע זין? ווייניק? וועט איר נאָך באַקומען. צום איס-פּראַווניק, אין טורמע אַריין, — האָט, אויסער זיך פון ווילדקייט, געשריגן מיכאַיל איוואַנאָוויטש.

— איך בין נישט קיין משפּחה אייערע, דעריבער בין איך נישט קיין הינטישער זון, — האָט אָפּגעענטפערט דער אויך אויפגעערעגט-געוואָרענער איוואַן וואַסיליעוויטש.

טקאַשענקאָ איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון באַליידיקונג. זיין האַנט האָט אָנגעטאַפּט דאָס הענטל פון אַראַפּניק הינטערן גאַרטל און, איידער איוואַן וואַסיליעוויטש האָט באַוויזן אויפ-

צוהייבן אַ האַנט, האָט אַ שמיץ פון אַראַפּניק איבערגעלאָזט אויף זיין באַק אַ הייסן רויטן צייכן.

דאָס, וואָס שפּעטער איז פאָרגעקומען בפני כל עם ועדה, האָט אויסגעזען ווי אַ לעגענדע.

איוואַן וואַסיליעוויטש איז מיט אַ קאַלך־ווייסן פּנים צוגע־שפּרונגען צו טקאַטשענקאָ, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן גאַרטל, אויפגעהייבן דעם זעקס־פודיקן קערפּער איבערן קאָפּ און האַס־טיק אים אַ וואָרף געטון אין דער פאַרמאַכטער הויז־טיר. זי פילאָנג איז מיט אַ קנאַק אַרויסגעפלויגן און טקאַטשענקאָ איז נעלם געוואָרן אין דער לאַך.

איוואַן וואַסיליעוויטש איז געשטאַנען מיט געבייליטע פויסטן און האָט שווער געאָטעמט. אין אַ רגע אַרום האָט זיך פון הינטער דער טיר דערהערט טקאַטשענקאָס ריטשעדיקער קרעכץ:

— דערהרגעט... גוואַאַלט! מענטשן... ברענגט אַ ביקס, שיסט דעם גזלן. איך שטאַרב!

— נישקשה, וועסט נישט פּגרן, פּאַסקודניק, — האָט מיט אַ בייזן שמייכל אַ זאָג געטון דער פאַרוואַלטער און, אויס־געדרייט צו דער ציטערנדיקער אַנטאָנינאַ, האָט ער צוגעגעבן:

— אַנטשולדיקט, אַנטאָנינאַ מיכאַילאָוונאַ. נישט צו מאַכן. ס׳איז אויסגעקומען אַ שלאַכט צווישן די רוסישע מיט די קאַבאַרדינער (אַזאַ פעלקער־שטאַם אויף קאַווקאַז).

ער האָט אַ מאַך געטון מיטן האַנט און איז אַוועק צו זיך אין דירה.

מיכאַיל איוואַנאָוויטש איז טאַקע געקומען צו זיך. די שטאַרקע פּריצישע קאָפּ האָט נישט געפּלאַצט פון באַרירונג מיט דער טיר, אויפן שטערן נאָר איז אויפגעשפּרונגען אַ בייל. אויף שנעל צוגעלייגט אַ קאָמפּרעס, האָט מיכאַיל איוואַ־נאָוויטש געהייסן איינשפּאַנען די פערד.

— די מינוט איינשפּאַנען! איך וועל פאָרן צום איספּראַוו־ניק! כ׳וועל אים אויף קאַטאָרגע פאַרטרייבן! קראַמאַלניק, בונ־טאָוושטשיק! אויפהענגען אים!

ווען מ׳האָט דערלאַנגט די פערד, איז מיכאַיל איוואַנאָ־

וויטש אַרויסגעקראָכן אויפֿן גאַנעק מיט אַן אָנגעלאָדענעם ביקס אין די הענט, פּחדנותדיק וואַרפֿנדיק בליקן צו דער זייט פֿון פּאַרוואַלטערס דירה. דאָרט איז אָבער געווען אינ־גאַנצן שטיל. מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט זיך אַ וואָרף געטון אין געזעס פֿון דער קאַרעטע און נישט מיט זיין קול אַ גע־שריי געטון צו אַפּאָניען:

— טרייב!

און ביינאַכט האָט אין איוואַן וואַסילעוויטשעס, פּענצטער ווי שטענדיק, אָנגעקלאַפּט אַנטאָנינאַ. ער האָט געעפֿנט די טיר. דערזעענדיק איר פּנים, האָט ער זיך דערשראָקן:

— וואָס איז מיט אייך?

— איוואַן וואַסיליעוויטש! אַנטלויפֿט, טייערער! דער פּאַ־טער איז געפֿאָרן נאָכן איספּראַווניק. מ׳וועט אייך אַרעסטירן פֿאַר אַ בונט.

— אָט אַ צרה! אויב איך זאָל פֿון איספּראַווניקעס דאַרפֿן לויפֿן — וועט מיר נישט קלעקן קיין לעבן. וואָס האָט איר אָבער זיך אַזוי אויפֿגערעגט? איר זענט אַראָפּ פֿון פּנים!

— איך האָב פֿאַר אייך... איך בין זייער אויפֿגערעגט... איך קאָן נישט, — דאָס מיידל האָט זיך אינמיטן פֿאַרהאַקט און, דערזעענדיק דעם פּאַרוואַלטערס קוק, וועלכער איז געווען געווענדעט צו איר מיט ליבלעכער פֿאַרווּנדערונג, האָט זי אויסגע־שריען מיט דער פֿאַרצווייפֿלונג פֿון אַ מענטשן וואָס טרינקט זיך: — איך קאָן נישט אָן אייך, איך האָב אייך ליב, — און האָט פֿאַרדעקט דעם פּנים מיט די הענט.

אין דער שטילקייט, וועלכע האָט זיך איר אויסגעוויזן שרעקלעך, האָט זי דערהערט, ווי ער איז צוגעגאַנגען צו איר און זיינע פֿינגער האָבן צוגענומען אירע הענט פֿון פֿלאַמענדיקן פּנים. ער האָט אויפֿגעהייבן איר פּנים פֿאַרן קין און האָט אַריינגעקוקט מיט אַ באַפֿעלערישן קוק איר טיף אין די אויגן.

— האָסט מיך ליב? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ פֿאַר־טויבטן קול, — אמת? האָסט שטאַרק ליב?

דאָס מיידל האָט נישט געענטפערט און האָט נאָר אינגאַנצן געציטערט אין זיינע שטאַרקע הענט.

— און וועסט גיין מיט מיר? אויף מיין הינטיש היימלאָז לעבן? וועסט זיך אָפּזאָגן פון אַלעם?

— איך וועל גיין, וואַניאַ, — האָט זי היסטעריש אַ געשריי געגעבן, און זיינע ליפּן האָבן איבערגעכאַפּט פון אירע ליפּן דעמדאָזיקן קרענקלעכן געשריי און האָבן זיי דורכגעברענט מיט אַן אומגעוויינלעכן געפיל פון זיסקייט און ביטערקייט.

דאָס קליין לעמפל אויפן טיש האָט אַ שימער געטון און זיך אויסגעלאָשן.

צומאָרגנס אינדערפרי זיינען אין הויף פונם גוט האָסטיק אַריינגעפאָרן צוויי קאַרעטעס. אין איינער איז געזעסן מיכאַיל איוואַנאָוויטש מיטן איספּראַווניק און אין דער צווייטער — פיר סטראַזשניקעס. זיי זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון די קאַרעטעס און צוגעלאָפן צום פּאַרוואַלטערס דירה. די סטראַזשניקעס האָבן אָנגעהייבן צו קלאַפּן מיט די שיידן פון די שווערדן אין דער טיר אַריין. די טיר האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן איוואַן וואַסיליעוויטש.

— איר זענט איוואַן טווערדאָווסקי? — האָט געפרעגט דער איספּראַווניק און אויפן ענטפער, אַז יאָ, האָט ער גראָב אַ זאָג געטון, — קליבט אויף די זאַכן, איר זענט אַרעסטירט.

— איך האָב שוין אויפגעקליבן, — האָט פריילעך געענטפערט דער פּאַרוואַלטער, ווייזנדיק אַ קליין פּעקעלע.

— טאָ זעצט זיך!

— פיין! נאָר זייט אַזוי גוט מיטנעמען מיין פרוי. זי האָט זיך נישט ווו זי אַהינצוטון. טאַניאַ, קום!

און פאַר די אויגן פון דעם איבערראַשטן מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט זיך באַוויזן אַ בלאַסע אָבער רויקע אַנטאָנינאַ. מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט אַ פּישטש געטון:

— פּאַסקודניק!... מנוול!... אַרעסטירט אים!... פאַר בונט און פאַר דעמאָראַליזירן מינדעריאָריקע.

— נו, דאָס, פּאַפּאַ, זאָגט איר שוין אַ ליגן! זי איז מיין פרוי פּרייוווליק. זעץ זיך, טאָניאַ!

— איך וועל נישט לאָזן, — האָט אַרויסגעיאָמאַרט טקאַטשענקאָ, — הער איספּראַווניק, פאָלגט נישט! נעמט זי נישט! איך בין נישט מסכּים.

— איר האָט אַ דאָקומענט וועגן חתונה האָבן? — האָט געפרעגט דער איספּראַווניק דעם פּאַרוואַלטער?

— ניין.

— דאַן קאָן איך נישט גיין קעגן דעם פאָטערס ווילן. ס'וועט אייך אויסקומען, פריילין, צו בלייבן.

— נו איז וואָס? דו גיסט נישט אָפּ מיט גוטן, וועט ערגער זיין, ווען איך וועל קומען נאָך איר, — האָט מיט דראָונג געזאָגט טווערדאָווסקי און אַ קוש געטון די פאַרחלשטע טאָניאַ. דערנאָך איז ער ענערגיש אַריינגעשפּרונגען אין קאַרעטע, די סטראַזשניקעס האָבן זיך געזעצט ביי די זייטן און די פערד האָבן אַרויסגעפירט די קאַרעטע הינטערן טויער. אַנטאָנינאַ האָט אַ געשריי געטון און אַוועקגעפאַלן אויפן איספּראַווניקס הענט.

## קאַפּיטל פינף

# צום ווידערזען, גנעדיקע הערן!

אינם קרייז-שטעטל, וווהין די סטראַזשניקעס האָבן געבראַכט טווערדאָווסקין, האָט מען אים פאַרשפאַרט אין אַן אוראַלטער תּפיסה, וואָס איז פאַרבליבן פון אַלעקסאַנדערס צייטן,— אַ נידעריקע געביידע געל געפאַרבט מיט אומפאַרמיידלעכע ווייסע זוילן פון פאָרנט. די גרעב פון די תּפיסה-ווענט האָבן דערמאָנט די פעסטונג-קאַזאַמעטן, און די שמאָלע פענצטערלעך זיינען געווען פאַרשטעלט מיט אייזערנע שטאַכעטן אַ גרויסן פינגער די גרעב.

די סטראַזשניקעס האָבן טווערדאָווסקין אַריינגעשטופּט אין איינציקן קאַמער פון דער תּפיסה, וואָס האָט געטראָגן דעם ווילקלינגענדיקן נאָמען „שטינק-אָרט", און זיינען אַוועקגעגאַנגען. טווערדאָווסקי האָט זיך אַרומגעקוקט.

אינם גרויסן צימער מיט דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, ווו ס'האָט זיך געשפּירט אַ שטינקענדיקע פייכטקייט, און ס'איז געווען האַלב-פינצטער צוליב די קליינע פענצטערלעך, אויף די צוגעקלאַפּטע לענגאויס די ווענט נאַרעס זיינען געזעסן און געלעגן אייניקע צענדליק מענטשן. דאָ זיינען געווען אי פויערן, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן לויט פּריציםס אָנקלאַגעס, אי שלעפּערס אָן פּאַספּאָרטן, „וואָס האָבן נישט געדענקט ווער זיי זיינען", אי גנבים „מאַרוויכערס", אי אַנדערע קרימינעלע חברה.

צענדליקער אויגן האָבן זיך געווענדעט צום נייעם איינווינער און אים שווייגנדיק באַטראַכט.

— גוט מאָרגן, גוטע מענטשן, — האָט געזאָגט טווערדאָווסקי און אַראָפּגענומען דאָס היטל.

קיינער האָט זיך קיין ריר נישט געטון אויף דער באַגרי־סונג. אייניקע שטימען האָבן נישט גערנווילליק עפּעס אומפּאַר־שטענדלעכעס אַ ברום געטון אין ענטפער. טווערדאָווסקי איז צוגעגאַנגען צו די נאַרעס, זוכנדיק אַ פרייען אָרט, ווו אַוועק־צולייגן זיין פּעקל.

ער האָט אָבער נישט באַוויזן דאָס צו טון. דאָס פּעקל האָט מען בגוואַלט הינטערווייִלעכץ אַרויסגעריסן פון זיינע הענט.

טווערדאָווסקי האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען זיין פּעקל אין די הענט ביי אַ נידעריקן געלען פאַרשוין מיט אַ נידעריקן שטערן און פינצטער־קוקנדיקע בלייענע אויגעלעך. דאָס איז געווען דער דעלעגאַט פונם קאַמער, דער אַלטער קאַטאָרזש־ניק־מערדער שמאַטש. ער איז צום דריטן מאָל געלאָפן פון קאַטאָרגע און איצט, נאָכן כאַפּן אים אין דעם קרייז, האָט ער געוואַרט מ׳זאָל אים אָפּשיקן אין דער גובערניאַלער צענטראַלע.

זיין ריזיקער כּוח און נאָמען פון אַן אַלטן וואָלף האָבן פון אים געמאַכט אַ קייסער און גאָט אין דעמדאָזיקן המון, דער גרעסטער רוב פון וועלכן איז באַשטאַנען פון קליינע גנבימלעך און לייט, וואָס זיינען צופעליק, צום ערשטן מאָל, אַריינגעפאַלן אין דער תּפיסה־סביסה.

— גיב אָפּ דאָס פּעקל! — האָט טווערדאָווסקי אַ זאָג געטון אויפן הויכן קול און זיך דערנעטערט צו אים. שמאַטש האָט פאַרשטיקט אַ הירזשע געטון:

— אָט, סאַראַ פלינקער. שווייג, אויב נישט וועל איך דיר געבן, אַז דו וועסט פאַרזאָגן אַ צענטן.

— גיב אָפּ, זאָג איך!

— אַנו נעם, פּרווו, — האָט ווייטער געשפּעט שמאַטש. טווערדאָווסקי האָט אויסגעצויגן די האַנט, שמאַטש האָט האַס־טיק אַ קלאַפּ געטון איבער איר, טווערדאָווסקי האָט אָבער באַ־וויזן צו כאַפּן זיין האַנט און צוצוקוועטשן.

— נו, קוועטש, קוועטש, — האָט אַ ברום געטון שמאַטש מיט אַ שמייכל: — דו, פרייער נישט־דערוואַקסענער!

טווערדאָווסקי האָט שווייגנדיק ווייטער געדריקט די האַנט.

אויף שמאַטשעס פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסדרוק פון פאַרווונ־דערונג און אומצופרידנקייט.

— לאָז־אָפּ, — האָט ער פאַרשטיקט אַ זאָג געטון.

— גיב־אָפּ דעם פּעקל!

— לאָז־אָפּ, טייוול, אויב נישט וועל איך דיר די קיש־קעס אַרויסלאָזן.

טווערדאָווסקי האָט שטילערהייט געדריקט. די פאַראינ־טערעסירטע אַרעסטאַנטן האָבןביידן אַרומגערינגלט. שמאַטשעס פּנים איז רויט געוואָרן און די ליפּן האָבן אַ ציטער געטון מיט אַ ווייטאָקדיקער גרימאַסע, ער האָט אָבער נישט געוואָלט־קאָמפּראָמיטירן זיין רעפּוטאַציע פאַר דער קאַמער. טווערדאָוו־סקי האָט געקוועטשט. אין דער שטילקייט האָט זיך נאָר גע־הערט, ווי עס קנאַקן די געלענקן אין שמאַטשעס האַנט, און פלוצלונג האָבן פון הינטער זיינע נעגל אַ שפּריץ געטון דינע שטראָמען בלוט. אין דערזעלבער מינוט האָט זיך דערהערט אַ פאַרצווייפלטער קרעכץ:

— לאָז־אָפּ!

טווערדאָווסקי האָט אַרויסגעריסן זיין פּעקל פון שמאַטשעס לינקער האַנט און אים אָפּגעלאָזט די האַנט. אָנגעכאַפּט זיך פאַר דער בלוי־געוואָרענער דלאָניע און פאַרשטיקט געריטשעט, איז שמאַטש פּאַמעלעך אָפּגעטרעטן אין אַ ווינקל און זיך אַוועקגעזעצט אויף די נאַרעס. טווערדאָווסקי האָט מיט רחמנות אַ קוק געגעבן אויף אים.

— געזאָגט האָב איך דיר, שוטה איינער, — גיב־אָפּ דעם פּעקל. האָסט נישט געפאָלגט, — ביסטו אַליין שולדיק.

די אַרעסטאַנטן האָבן אויפגערעגט געשמועסט צווישן זיך. דער נצחון איבער דעם שרעקלעכן שמאַטש איז אין זייערע אויגן געווען אַן אויסצערגעוויינלעכע גבורה. טווערדאָווסקין האָט מען שנעל אָפּגערייניקט אַן אָרט אויף די נאַרעס און פאַרגע־לייגט טיי. ער האָט גענומען אָפּזופּן די שיטערע בורדע, פאַרביסן מיט ברויט און צוקער און באַטראַכט זיינע שכנים. זיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן די פיגור פון אַ

העל-בלאָנדן פויער, אַ ריז וועלכער איז אומעטיק געזעסן נישט ווייט פון אים און האָט זיך מיט קיין זאַך נישט אינטערע-סירט. ער איז געזעסן, געקוקט אין איין פּינטל מיט די בלויע, ליכטיקע אויגן און, זיך שאָקלענדיק ריטמיש, געווען פאַר-קלערט אין עפּעס זיינעם אָן ענין. אָנטרינקענדיק זיך טיי, איז טווערדאָווסקי צוגעגאַנגען צום בלוי-אויגיקן און אים אַ ריר געטון פאַרן אַקסל.

— וועגן וואָס האָסטו זיך פאַרקלערט, בחור?

דער העל-בלאָנדער האָט אויפגעציטערט און אַ קוק געטון אויף טווערדאָווסקין מיט אַ שעמעוודיקן קינדערשן שמייכל.

אַזוי... כ׳קלער, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ שניידנ-דיקער ביטערקייט: — פאַרוואָס לייד איך, פאַרוואָס מאַטער איך מיך צווישן גנבים?

— און פאַרוואָס ביסטו אַהער אַריינגעפאַלן?

— די ווערבע, פאַרשאָלטן זי ווערן!

— וועלכע ווערבע?

— די וואָס ביים פאָן אויף דער גרעבלע. עמיצער האָט זי ביינאַכט אָפּגעזעגן. איך בין פאַרבייגעפאָרן. איך זע, אויף דער גרעבלע וואַלגערן זיך צווייגן. לאָמיר אויפקלייבן — ס׳וועט אין דערהיים צונוצקומען. ווי נאָר כ׳בין אַראָפּגעפאָרן פון דער גרעבלע, — דער פאָן אויף אַ פערד. ער האָט מיך דערזען און שרייט: „שטיי!" — נו, בין איך געבליבן שטיין. איז ער אונ-טערגעשפּרונגען און מיך מכבד געווען מיט אַ נאַגייקע איבער דער פּלייצע. „גנב, גזלן! אָט ווער ס׳זעגט ביי מיר אונטער די ווערבעס". איך זאָג: „איך שפּיי אויף אייער ווערבע. וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט?" און ער נעמט אַרויס אַ רעוואָל-ווער און זאָגט: „פאָר נאָך מיר"... צוגעפאָרן צום הויף, האָט ער געהייסן די טשערקעסן מיך שמייסן, און דערנאָך האָט ער מיך אַוועקגעשיקט צום סטאַנאָוואָי. אָט זיץ איך. או, אויסוווּרף, כאָלערע!

טווערדאָווסקי האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויפן בחור און מאַרקירט.

— און דו האָסט באמת נישט געזעגן די ווערבע?

— אָבער ניין, נעמט זי דער טייוול!

— הייסט עס, מ׳האָט דיך פאַר גאָרנישט געשמיסן? — האָט ווייטער איינגעטענהט טווערדאָווסקי מיט אַן אומשולדיקער מינע. ביים דערמאָנען וועגן די שמיץ איז דער בחור בלאַס געוואָרן און אַ סקריפּע געטון מיט די ציין.

— אוּ, — האָט ער אַ בורטשע געטון, — ווען דער פּאַן וואָלט אַריינגעפאַלן אין מיינע הענט איינער אַליין אין פעלד אָן געווער...

— וואָס וואָלסטו אים געטון?

דער בחור האָט זיך אַ ריס געטון.

— כ׳וואָלט אים די פיס אונטערגעזעגן, ווי יענער ווערבע.

טווערדאָווסקי האָט אַ שמייכל געטון.

— איך זע, אַז דו ביסט אַ ווילדער בחור, ווי רופט מען דיך?

— פעטראָ. דער פאַמיליע-נאָמען איוואַנישין.

טווערדאָווסקי האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך צוגעבויגן צו פעטראָס אַקסל.

— ווייסט שלעכט אָפּשניידן, — האָט ער אַ שעפּטשע געטון.

— וואָס, מ׳וועט פאַרמשפּטן? — האָט דער בחור געפרעגט, און געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— אי מ׳וועט פאַרמשפּטן אי מ׳וועט שמייסן. אויף דעם איז דיר טאַקע אַ פויערשע פעל געגעבן געוואָרן.

— אָי, ביטער. וואָס טוט מען?

— אָט וואָס. איך טאָר נישט וואַרטן ביזן משפּט, איך וועל אויך שלעכט אָפּשניידן. מ׳דאַרף מאַכן פּליטה. לאָמיר צוזאַמען. דו העלפסט מיר און איך דיר. אויפן פריצישן יושר איז אַ קנאַפּע האָפענונג. און ווען מיר וועלן אַרויסקומען אויף דער פריי, וועלן מיר זיך נישט פונאַנדערגיין. מיר מיט דיר וועלן אי דיין אי די אַנדערע פאַנעס אַזאַ יום-טוב מאַכן, אַז

זיי וועלן אונדז הונדערט יאָר געדענקען. מיט־פּאָנעס, ברודער, דאַרף מען נישט מיר ווערטער, נאָר מיט אַ פלאָקן שמועסן.

— גוט! דאָס רעדסטו ריכטיק. ס'וואָלט גוט געווען אַרויס אויף דער פריי, — האָט ער פריילעך אַ זאָג געטון און מיט־אַמאָל זיך אָנגעברוגזט.

— ווי אַזוי אַנטלויפן? קוק וואָסערע ווענט און שטאַכעטן זיינען געמאַכט פאַרן אָרעמען מענטשן. נישט מעגלעך צו אַנטלויפן.

נאַרישקייטן, — האָט געענטפערט טווערדאָווסקי, — הענט האָסטו נישט קיין ווייבערשע, מיך האָט אויך די מאַמע־ערד מיט קיין כּוח נישט פאַרטיילט. דו ווייסט, ווו איז דאָ דער קלאָזעט?

— איך ווייס. איבערן קאָרידאָר. אויפן הינטערשטן הויף.

— אָט וואָס. נאָכן אָוונטעסן, גיי כּלומערשט צוליב דיין באַדאַרף אין קלאָזעט און איך — נאָך דיר. דאָרט וועלן מיר צוזאַמען זיך אַרומקוקן און ביז האַלבע נאַכט וועלן מיר שוין אפשר זיין אויף דער פריי. אויב נישט אַזוי אַרום — וועלן מיר אויף אַן אַנדער אופן אַנטלויפן.

דעם בחורס אויגן האָבן אַ בליץ געטון מיט האָפענונג. ער האָט טווערדאָווסקי דערלאַנגט אַ האַנט.

— אַ דאַנק, גוטער מענטש. ווי רופט מען דיך?

— איוואַן.

— נו, ברודער איוואַן, ווען מיר וועלן אַרויס אויף דער פריי, וועל איך פאַר דיר אַלץ מאַכן.

— אַ וואָרט? — האָט געפרעגט טוואַרדאָווסקי.

— בנאמנות...

זיי האָבן איינער דעם אַנדערן געדריקט די הענט און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. נאָכן אָוונטעסן איז דער בחור, אויף טווערדאָווסקיס ווונק, צוגעגאַנגען צו דער טיר און זיך געבעטן ביים אינוואַליד־שליסער אַרויסצוגיין. דער אינוואַליד האָט געעפנט די טיר.

— גיי, אומגליקלעכער, — האָט ער אַ זאָג געטון. די מידות אין דער תּפיסה זיינען געווען פּאַטריאַרכאַלע און די

אַרעסטירטע האָט קיינער נישט באַגלייט אין קלאָזעט אַריין. אין איינִיקע מינוט אַרום האָט אויך טווערדאָווסקי זיך געבעטן אַרויסצוגיין. דער אינוואַליד האָט אים אַרויסגעלאָזן און אַ בורטשע געטון: — „אָט האָבן זיי זיך פונאַנדערגעלאָפן. מיט יושקע זיך איבערגעפּרעסן?״

ווי נאָר טווערדאָווסקי איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן צוויי גנבימלעך זיך אָנגעהייבן שלאָגן. דער געשלעג איז געווען פאַרפירט כּלומרשט. נאָכן שמועס מיט איוואַנישינען האָט טווערדאָווסקי אָנגעגרעט די גנבימלעך פאַר דריי רובל צו פאַרפירן אַ געשלעג, כּדי אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די היטערס. ביידע גנבימלעך האָבן זיך איינגעפלאָכטן איינער דעם אַנדערן אין די האָר אַריין און זיך געקייקלט איבער דער פּאָדלאָגע, אומברחמנותדיק קוויטשענדיק. אויפן גערויש האָט זיך פון הינטערן ווינקל אויפגעהייבן דער דעטראָניזירטער שמאַטש. ער איז צוגעגאַנגען צו די, וואָס האָבן פאַרפירט דעם געשלעג און, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער מיטן גאַנצן כּוח זיי אַ שטופּ געטון מיטן פוס. ביידע זיינען אויפגעשפּרונגען.

— דו, לעכערדיקער מלך, וואָס קריכסטו? — האָט אויף שמאַטשן אַ געשריי געטון איינער פון די גנבימלעך. שמאַטש האָט אים אויך שווייגנדיק אַ זעץ געטון מיטן פויסט אין פּנים. ער האָט אָבער געקאָנט רירן נאָר מיט איין האַנט — ער האָט פאַרגעסן וועגן דעם. די גאַנצע קאַמער האָט זיך אויפגעהייבן צו נעמען נקמה אָן שמאַטשן פאַר די איבערגעטראָגענע בזיונות. מ׳האָט אים אַ קלאַפּ געטון אונטער די קני, אומגעוואָרפן אויף דער ערד און ס׳האָט זיך אָנגעהייבן אַ געשלעג שוין אויף דעראמתן. ווען די אָנגעלאָפענע היטערס האָבן לסוף פון אונטער דעם באַרג קערפּערס באַפרייט דעם האַלב-דערשטיקטן שמאַטשן און אַלץ האָט זיך איינגעשטילט, ערשט דעמאָלט האָט מען זיך דערמאָנט, אַז צוויי אַרעסטאַנטן זיינען נישט צוריקגעקומען פון קלאָזעט. בורטשענדיק, איז דער אינוואַליד אַהין אַוועק און פּלוצלונג האָבן די יבעריקע היטערס דערהערט זיין געשריי:

— זיי זיינען אַנטלאָפן, די פאַרפלוכטע!

איז געקומען צולויפן דער טורמע-נאַטשאַלניק און זיך אַ וואָרף געטון צום קלאָזעט. די דיקע שטאַכעטן, וואָס די צייט האָט אויף זיי נישט געווירקט, זיינען געווען אויסגעריסן צוזאַמען מיט די ציגל. אויפן פּאַראַפּעט איז געלעגן אַ פּאַפּירל. דער טורמע-נאַטשאַלניק האָט עס שנעל אַ כאַפּ געטון.

דאָרט איז געווען נאָר איין שורה:

„צום ווידערזען, גנעדיקע הערן!"

## קאַפּיטל זעקס

## אַ שעפּסענע חתונה

מיכאַיל איוואַנאָוויטש טקאַטשענקאָ האָט שיער קיין שלאַק נישט באַקומען. אַזאַ חרפּה פאַר זיין פאַמיליע-ווילשטאַנד, אַזאַ סקאַנדאַל! דער רייכסטער פריץ פון גאַנצן קרייז, און פּלוצלונג איז זיין טאָכטער זיך צונויפגעקומען אָן חופּה וקדושין און מיט וועמען? מיט אַ בוכטאָוושיק, מיט אַ קראַמאָלניק, מיט אַ שלעפּער אָן אַ משפּחה און אָן אַ נאָמען. און ווער? אַנטאָנינאַ, די שטילע, דערשראָקענע, וואָס האָט געציטערט פאַרן טאַטן.

נאָכדעם, ווי די סטראַזשניקעס האָבן אַוועקגעפירט טוועראָווסקין, האָט מיכאַיל איוואַנאָוויטש אַפילו געפּרוווט אָנלערנען די טאָכטער, וואָס האָט אים קאָמפּראָמיטירט, מיט זיינע געווייַנלעכע מיטלען. ער האָט אָבער נאָר אויפגעהייבן אַ האַנט, כּדי צו געבן דער שולדיקער פּעטש, איז אַנטאָנינאַ מיט ברענענדיקע אויגן צוגעשפּרונגען צו דער וואַנט און אַראָפּגעריסן פון דאָרט אַ יעגערשן בערישן מעסער.

— דערנענטערט זיך נישט, פאָטער, — האָט זי אַ געשריי געטון: — אַנדערש גיב איך אייך מיין וואָרט, אַז איך וועל זיך שטעכן מיטן מעסער. גענוג האָב איך מיך אָנגעליטן פון אייערע קלעפּ. מער זאָלט איר נישט וואַגן מיך מיט אַ פינגער אָנרירן!

און די אויגן אירע האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַזאַ האַס און אַנטשלאָסנקייט, אַז מיכאַיל איוואַנאָוויטש איז אָפּגעטראָטן, זיך איבערגעצלמט און נאָר געזאָגט צו דער פאַרזינדיקטער:

— מאַרש צו זיך אין צימער און זיץ דאָרט ביז כ׳וועל נישט באַשליסן דיין גורל. זאָלסט זיך מיר אויף די אויגן נישט ווייזן!

— קודם כּל האָט מיכאַיל איוואַנאָוויטש אָנגענומען אַלע מיטלען, כּדי דער אומגליקלעכער אין זיין פאַמיליע פאָרפאַל זאָל נישט צופיל ווערן באַקאַנט. ער האָט אונטער דער דראָונג פון שווערע שטראָפן, אָנגעזאָגט די הויפישע אַרבעטער, זיי זאָלן שווייגן ווי שטומע. דעם איספּראַווניק האָט ער אָבער נישט געקאָנט באַפעלן צו שווייגן, און כאָטש דער איספּראַווניק איז געווען אין פריינט־לעכע באַציונגען מיט טקאַטשענקאָן, האָט ער דאָך נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פונם פאַרגעניגן שטילערהייט צו כאַפּן אַ מוטל מיט די שכנותדיקע פּריצים, און די שרעקלעכע פאַר מיכאַיל אי־וואַנאָוויטשן ידיעה איז שנעל זיך פונאַנדערגעקראָכן אומעטום. מ'האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שלעכט באַהאַלטענעם מיטלייד און כלומרשטן מיטגעפיל. באַהאַלטנדיק זייער נקמה־שמייכל, פלעגן די שכנים ביים באַגעגענען זיך פרעגן, וואָס פאַראַ אומ־גליק האָט געטראָפן ביי אים אין משפחה? באַמיענדיק זיך צו זיין רויק, פלעגט מיכאַיל איוואַנאָוויטש ענטפערן, אַז דאָס איז אַלץ רכילות, און ביי אים איז אַלץ אין אָרדענונג. ער האָט זיך אָבער געפילט, ווי אויף אַ הייסער בראָטפאַן.

מ'האָט באַדאַרפט געפינען עפּעס אַן אויסוועג פון דער לאַגע, כּדי צו צווינגען די בייזע ציגגער צו שווייגן. געקומען צו דעמדאָזיקן באַשלוס, האָט מיכאַיל איוואַנאָוויטש צונויפגערופן אַ פאַמיליע־ראַט, צו וועלכן ער האָט איינגעלאַדן זיין שוויגער, שוועסטער און גלח פון שכנותדיקן דאָרף. מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט זיי בקיצור דערציילט וועגן דעם פאָרפאַל און אויפגערעגט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופן דער גלח:

— מ'דאַרף וויסן, אויף וויפל איז אמת, אַז די בתולה אַנטאָ־נינאַ האָט אויפגעהערט צו זיין אַזעלכע. פון דעם הענגט־אָפּ דאָס וויטערדיקע, ווייל אַ בתולה צוליב אומדערפאַרנקייט און אומשולד ווייסט נישט קיין חילוק. די הייליקע אָבות האָבן אין אַזאַ פאַל געראַטן מאַכן אַ געהעריקע אונטערזוכונג.

די שוויגער האָט אָבער איבערגעשלאָגן דעם גלח:

— אייך ווילט זיך נאָר, פאָטער פאַיסי, אַ קוק געטון ווו

מ׳דאַרף נישט. די מיידלעך, זיי פאַרשטייען אַפילו אויסגעצייכנט דעם אונטערשייד; און ווו איז דאָ די נפקא-מינה, ווען אַ מאַנספאַרשוין אַ יונגער, אַ געזונטער און האָט אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט מיט אַנטאָנינאַן. די זאַך איז אַ פאַרענדיקטע, און איך ראַט אייך, מיכאַיל איוואַנאָוויטש, וואָס שנעלער געפינען אַ חתן פאַר אַנטאָנינקען און — אַראָפּ פון מאַרק. קיין גוטן חתן וועט מען איצט, זיכער, נישט געפינען, וועגן דעם איז שוין אָפּגערעדט. מ׳זאָל נאָר געפינען וועלכן ס׳איז. מיט נדן קאָן מען אַריינגאַרן.

מיכאַיל איוואַנאָוויטשעס שוועסטער און פרוי האָבן אונטערגעשטיצט די שוויגער, און דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן.

מיכאַיל איוואַנאָוויטש איז אַוועק מעלדן וועגן דעם אַנטאָנינאַן. זי האָט אויפגענומען דידאָזיקע ידיעה קאַלט און גלייכגילטיק.

— טוט, וואָס איר ווילט. אַלץ איינס וועט גאָרנישט אַרויסקומען. וואַניאַ וועט מיך אָפּשלאָגן.

— נו דאָס וועלן מיר נאָך זען, — האָט אויסגעשריגן טקאַטשענקאָ און אַ האַק געטון מיט דער טיר.

צומאָרגנס איז פאַרבייפאָרנדיק אָפּגעטראָטן אין גוט דער איספּראַווניק. מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט אים דערציילט וועגן באַשלוס פון פאַמיליע-ראַט. דער איספּראַווניק האָט פריינטלעך אַ שמייכל געטון.

— אַ חתנדל איז נויטיק? נו, ס׳איז אַ ווילער ענין. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אויפן אויג אַזאַ איינעם.

— וואָס רעדט איר! — האָט זיך דערפרייט מיכאַיל איוואַנאָוויטש.

— באמת. דער פּריסטאַוו פון צווייטן ראַיאָן, פּאַוועל עליסעיעוויטש. די פרוי איז אים פאַראַיאָרן געשטאָרבן, איצט זוכט ער אַ זיווג טוב. אַ מאַנספאַרשוין איז ער אַן ערנסטער, אַ דיקער, אַ גראַדער כאַראַקטער, אַפילו מיט שכל. אין „זעמשטשינע״

דרוקט ער אַ היסטאָריש ווערק מכּוח פּאָגראָמען. איז אַ מיטגליד פון היסטאָרישן קאָמיטעט.

— ביי אים איז דאָך אַ צוגעזעצטע פוס, — האָט טקאַטשענקאָ זיך אויפגערעגט.

— זייער ריכטיק. דערפאַר האָט דער העלד אויסצייכענונגען פאַר העלדישקייט. כ׳פאַרזיכער אייך, אַז ער איז אַ מענטש זייער אַ חשובער און דער ערשטער קאַנדידאַט אויף אַן איספראַווניק, אויב מ׳וועט מיך איבערזעצן ערגעץ אַנדערש.

מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט זיך פאַרקלערט.

— נו כאַפּט אייך דער טייוול, שיקט אייער פּריסטאַוו.

אין דריי טעג אַרום איז געקומען צופאָרן דער פּריסטאַוו, שלעפנדיק אַ קינסטלעכע פוס. נאָך אַ קורצער העפלעכער הקדמה, האָט ער פאַרפירט אַ שמועס צום ענין.

— איך האָב געהערט, מיכאַיל איוואַנאָוויטש, אַז ביי אייך איז פאַראַן אַ טאָכטער צום אויסגעבן; איך בין אַן אַלמן און זוך אַ לעבנס-פריינט. באַוויליגט צו זאָגן אייער מיינונג.

מיכאַיל איוואַנאָוויטש איז לכתחילה אויפגערעגט געוואָרן. אים האָט זיך אויסגעוויזן צופיל חרפּה חתונה צו מאַכן די טאָכטער פאַר אַזאַ מנוול. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט וועגן דעם אומגליק און מרה-שחורהדיק אַרויסגעזאָגט:

— נו וואָס! איך בין זייער געריירט.

— און אַנטאָנינאַ מיכאַילאָווגאַ וואָס וועט זאָגן? — האָט זיך נאָכגעפרעגט דער חתן.

— וואָס איך וועל איר הייסן, דאָס וועט זי זאָגן. תּיכּף וועל איך זי רופן און מעלדן וועגן אייער פאָרשלאַג.

דער חתן האָט אים אָבער אָפּגעהאַלטן.

— איידער איך וועל רעדן מיט דער כּלה, דערלויבט מיר פריער ביי אייך זיך דערוויסן, ווי איז מכּוח נדן. ליבע איז ליבע און געשעפט בלייבט געשעפט. מיינע מיטלען זיינען קליינינקע, אייער טאָכטער איז אָבער געוווינט צו וווילטאָג.

— שרעקט זיך נישט, כ׳וועל נישט טון קיין עוולה, — האָט טרוקן געענטפערט טקאַטשענקאָ.

— איך גלויב אייך, ווי גאָט אַליין. דאָך וואָלט כדאַי געווען צו וויסן גענוי.

— אַלץ, וואָס איז נויטיק פון וועש און זאַכן, צווייהונדערט דעסיאַטין און צענטויזנט.

דער חתן האָט זיך אויפגעהייבן.

— זייט מוחל, ס'האָלט נישט אויס. ס'איז ווייניקלעך. אָט, דרייהונדערט דעסיאַטין און פופצנטויזנט במזומן וואָלט שוין געווען אויף אַ דרך.

— איר פאַרגעסט וועגן דעם כּבוד, וואָס איך פאַרשאַף אייך דערמיט, וואָס כ'גיב אייך מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, — האָט זיך אָנגעצונדן טקאַטשענקאָ.

— כּבוד בלייבט כּבוד, — האָט געענטפערט דער חתן בשעת מעשה חוצפּהדיק-פריילעך געקוקט אין די אויגן דעם קומענדיקן שווער: — די כּלה איז דאָך אָבער מיט אַ מום.

טקאַטשענקאָ האָט אויפגעציטערט און שאַרף אַ וואָרף געטון: — איר האָט געזען דעם מום?

דער חתן האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט: — געזען האָב איך נישט, כ'האָב אָבער געהערט און דערנאָך וועל איך אויך זען. אויב איר זענט נישט מסכּים, טאָ זייט געזונט. קיין אַנדער חתן, ווי איך, וועט איר אָבער נישט געפינען.

— שטייט, כאַפּט אייך דער טייוול! מסכּים! — האָט בייז אַ געשריי געטון טקאַטשענקאָ און, עפענענדיק די טיר אין דעם שכנותדיקן צימער, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי: — רוף אַנטאָנינאַן!

אַנטאָנינאַ איז אַריינגעקומען אַ בלאַסע אָבער אַ רויקע און איז געבליבן שטיין ביים שוועל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— טאָניאַ, — האָט צו איר זיך געווענדעט דער פאָטער:— דער הער פריסטאַוו האָט דיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג און איך האָב אין דיין נאָמען געגעבן אַ הסכּמה. באַגריס זיך מיטן חתן!

אַנטאָנינאַ איז שווייגנדיק צוגעגאַנגען צום חתן, דערלאַנגט אים די האַנט און, אַ קוק טוענדיק אים אין פּנים, האָט זי אַ הייב געטון מיט די אַקסלען, זיך פונאַנדערגעלאַכט און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

— אַ נערוועזע פריילן, — האָט זיס געזאָגט דער פּריס־טאַוו, — זי איז אויפגערעגט.

מיט דער חתונה האָט מען זיך געאײלט, ס'האָט זיך דער־נענטערט די פאַסטצייט (ווען מ'טאָר נישט פּראַווען קיין חתונות). מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט באַשלאָסן צו מאַכן די חתונה מיט גרויס פּאָמפּע און נישט שפּאָרן קיין הוצאות, אַבי צו פאַר־מאַכן די מײַלער די אַלע רכילות־טרײַבערס. מסדר קדושין האָט געזאָלט זײַן דער גלח פון שכנותדיקן דאָרף, דערזעלבער, וואָס איז געווען אויפן פאַמיליע־ראַט. אין צערקווע זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אַלע אַרומיקע פּריצים מיט זייערע פאַמיליעס. נאָך דער חופה האָט מען דאָס יונגע פאָרפאָלק אַרײַנגעזעצט אין אַ קאַרעטע, און זיי זײַנען די ערשטע שנעל אַוועקגעפאָרן אין מיכאַיל איוואַנאָוויטשעס הויז, וווּ ס'האָט געזאָלט פאָרקומען די חתונה־מאָלצײַט.

ס'איז געווען זעקס וויאָרסט ווייט. די גוטע פערד האָבן שנעל געטראָגן די קאַרעטע. אינמיטן וועג איז געווען אַ קליי־נער טאָל, באַוואָקסן מיט ווערבעס. באַרג־אַראָב האָט דער קוטשער געצוימט אײַנהאַלטן די פערד, און פּלוצלינג האָבן פון הינטער די ווערבעס זיך באַוויזן פיר מענטשן מיט ביקסן אין די הענט.

— שטיי! — האָט אַ געשריי געטון אַ הילכיקער קול. דער קוטשער האָט זיך פאַרלוירן און אָנגעוואָרן די לייצעס, דער־זעענדיק דעם אויף זיך אָנגעשטעלטן ביקס. דעם פּריסטאַוו האָט הילפלאָז זיך אײַנגעגראָבן מיט די פינגער אין געזעס און נאָר געדרייט מיט דער האַלדז, נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון צווייטן ביקס, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אויף זײַן שטערן. אַ יונגערמאַן איז צוגעקומען צו דער קאַרעטע.

— גיי־אַראָפּ, טאָניאַ, — האָט ער געזאָגט, — שנעלער! מיר האָבן ווייניק צײַט. ס'קאָנען אונטערקומען די אַנדערע.

די כלה איז מיט אַ פרייליכן געשריי אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאַרעטע און אַרומגענומען דעם יונגנמאַן.

— גיי הינטער אַ ווערבע, נעם־אַראָפּ די חופּה־קלייד,

יאָרט אין רייזע-זאַק איז פאַראַן אַ געוויינלעכער קאָסטיום. און באַלמוטשע נישט.

— צוואָס? האָט געפרעגט אַנטאָנינאַ.

— געפונען אַ צייט צו פרעגן. לויף, שנעלער! נישטאָ קיין צייט, זאָג איך. וועסט אַליין זען.

הינטער דער ווערבע האָט אַנטאָנינאַ געפונען אין טשע-מאָדאַנטשיק אַ גראַנאַט קליידל, אַן ענגלישע בלוזקע און אַ לייכטן פאַלטאָ. זיך איילנדיק און אויפגערעגט האָט זי אַראָפּגעריסן די חופּה-קלייד און שנעל זיך איבערגעטון.

— פאַרטיק? — האָט געפרעגט טווערדאָווסקי און, באַקו מען אַ פּאָזיטיוון ענטפער, האָט ער אַ געשריי געטון צו זיי-נע צוויי חברים: — נו, חברה, איצט לעבעדיקער. זייט מקדש דעם הער פּריסטאַוו!...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

מיכאַיל איוואַנאָוויטש מיט דער פרוי האָבן געוואַרט ביי דער טיר פון הויז אויפן צוריקקער פון דער יונגער פּאָר פון צערקווע, כדי זיי צו באַשיטן מיט בלומען. אין טויער האָט זיך אויפגעהייבן אַ קנויל שטויב, די קאַרעטע איז אַריינגע-שפּרונגען אין הויף און די פערד האָבן האַסטיק אויס-געדרייט אָנשטאָט צום גאַנעק — צום פערד-שטאַל. מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט דערזען זיי פאַרשווינדן אין טויער פון פערד-הויף. ער האָט זיך פאַרלוירן, אַוועקגעוואָרפן דעם טעלער מיט די בלומען און זיך אַ לאָז געטון צו די פערד. ער האָט געהאַט אַ שלעכטן פאָרגעפיל. ווען ער איז אונטערגעלאָפן נענטער און פונאַנדערגעשטופּט די איבעראַשטע פערד-דינער, האָט ער דער-זען אַן אומגלויבלעך בילד. אויפן געזעס, כמעט אָן באַוווסט-זיין פון שרעק און גרימצאָרן, איז האַלב-געלעגן דער פּריסטאַוו צונויפגעבונדן מיט אַ שטפס, וועלכע איז געווען אָנגעטון אין אַ חופּה-קלייד. צום פאָדערשטן ווענטל פון דער קאַרעטע איז געווען צוגעשטאָכן אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ דייטלעכער אויפשריפט:

„מזל-טוב די יונגע, אַ גרוס דעם פּאַפּאַ. טווערדאָווסקי“.

## קאַפּיטל זיבן

# וואַלד-ברידער

דאָס אַוועקפירן דורך טווערדאָווסקין אינמיטן העלן טאָג די כּלה פון שלימזלדיקן פּריסטאַוו האָט אויפגערודערט די גאַנצע אומגעגנט! מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט זיך תּיכּף אַ לאָז געטון מיטן פאַראומערטן יונגנמאַן אין דער גובערניע-שטאָט באַקלאָגן זיך פאַרן גובערנאַטאָר.

האָט אַ רודער-געטון די פּאָליציייִש געריכטלעכע מאַשין, האָבן זיך אַ שאָט-געטון, ווי פון אַ זאַק, אַמטלעכע פּאַפּירן וועגן טווערדאָווסקיס רויבער-באַנדע, און אַלע פּאָליציייִשע באַאַמטע האָבן זיך שוין באַלעקט, טרוימענדיק וועגן קאָמאַנדירונג-געלטער פאַרן אַרומפאָרן כאַפּן דעם חוצפּהדיקן רויבער. אַלע יונגע אונטערזוכונג-ריכטערס האָט זיך געחלומט, אַז זיי פאַרהערן דעם געכאַפּטן פאַרברעכער, און די יונגע געהילף-פּראָקוראָרן, — אַז דורך אַ פּרעכטיקער באַשולדיקונג-רעדע אויפן משפּט דערשלאָגן זיי זיך פאַר טווערדאָווסקין קאַטאָרגע און קייטן.

דער גובערנאַטאָר האָט איילִיק געמאָלדן וועגן פאָרפאַל דעם אינערן-מיניסטער און, אויסדריקנדיק די זיכערקייט, אַז דער רויבער וועט במשך אַ וואָך ווערן פאַרהאַלטן, האָט ער דעליקאַט געגעבן אָנצוהערן וועגן אַן אויסצייכענונג.

און אין דערזעלבער צייט אין וואַלד, אין אַ בערגיקן ווינקל, פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט בלאָטעס, אין אַ קליינעם שטיבעלע, אַ פאַרלאָזענעם דורך פעך-טרייבערס, איז געזעסן טווערדאָווסקי צוזאַמען מיט אַנטאָנינאַן און געוואַרט אויף איוואַנישינס צוריקקומען. אין איוואַנישינען האָט טווערדאָווסקי געפונען אַ מענטשן, נישט צו פאַרטוישן, און אַ געטרייען פריינט.

אין יענער נאַכט. ווען זיי זיינען צוזאַמען אַנטלאָפן פון תפיסה, דורכקלייבנדיק זיך דורך בלאָטעס צום זעלבן שטיבעלע, וואָס איז איוואַנישינען געווען באַוווסט, האָט טווערדאָווסקי דערציילט דעם בחור אַז ער טרוימט וועגן קאַמף מיט דער פריצישער אונטערדריקונג און האָפט צוליב דעם אויסצוגעפינען אַ צענד-ליק ווילע חברה.

איוואַנישין איז אויפגעשפרונגען פון התפעלות. ס'האָט נאָך פריש וויי געטון די פויערשע פלייצע פון די טשערקע-סישע נאַגייקעס, און ער איז גרייט געווען צו גיין אין פייער, אַבי זיך נוקם צו זיין אין די פאַנעס. ער האָט געזאָגט טווער-דאָווסקין, אַז ער וועט אומעטום גיין נאָך אים און וועט פון די דערפער צוקלייבן פאַסיקע חברה, וואָס זיינען מער נישט בכוח צו ליידן פון פריצישן יאָך. די ערשטע האָט ער גע-בראַכט צו טווערדאָווסקין זיינע קוזינען קיריל און פאַוועל, צוזאַמען מיט וועלכע זיי האָבן אָפגעשלאָגן אַנטאָנינאַן ביים אומקערן זיך פון צערקווע. איצט איז איוואַנישין אַוועק נאָך פרישע חברה.

— נעם נאָר זיכערע מענטשן. אַז מירן אָנקלייבן אַ טוץ, וועלן מיר אָנהייבן די אַרבעט אין אַ גרויסער מאַסשטאַב. מער דאַרף מען דערווייל נישט. גלייכער אַ קלענערע קאָמפּאַניע, נאָר אַ ריכטיקע, — האָט טווערדאָווסקי געזאָגט, אַוועקשיקנדיק זיין געהילף.

בעת איוואַנישין האָט זיך פאַרנומען מיט ווערבירן, האָט טווערדאָווסקי אַרומגעקלערט דעם קאַמף-פּלאַן. ער האָט באַשלאָסן אָנהייבן פון איבערפאַלן פריצישע גיטער. די צו-גענומענע געלטער דאַרפן פונאַנדערגעגעבן ווערן די רוינירטע פויערן, און אַ טייל אויפן פאָנד פון אָרגאַניזירן די קאָמפּאַניע, וועלכער טווערדאָווסקי האָט אַ נאָמען געגעבן: פויערשער אויפ-שטאַנד-אָפּטייל.

טווערדאָווסקי איז געזעסן ביים טיש און האָט פאַרזיכטיק, אויפמערקזאַם אויסגעשניטן מיט אַ שאַרפן מעסער אויף אַ קיי-לעכדיקער שטיק גומי דעם סטעמפּל פון אָפּטייל. אַנטאָנינאַ האָט

געלייענט אַ ביכל. זי איז געווען גליקלעך. די סביבה פון וואַלד שטיבעלע, די סודותפולקייט, די פרייד פון באַפרייען זיך פון ווילדן שידוך, וואָס איז אויפגעצווּנגען געוואָרן דורכן פאָטער, די נאָנטקייט פונם געליבטן מענטשן — האָבן אין איר אַן אַנדער נשמה אַריינגעזעצט. זי האָט אויסגעזען בעסער, באַקומען קאָלירן, געוואָרן פריילעך און לעבנסלוסטיק, אונטערהאַלטנדיק טווערדאָווסקיס מונטערע שטימונג.

ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל געבראַכט אין וואַלד־שטיבעלע און אַריינגעפירט אינעווייניק, האָט זי נייגעריק און אויפגערעגט זיך אַרומגעקוקט. טווערדאָווסקי האָט באַמערקט איר חידוש.

— באַדויערסט נישט? זע, דערנאָך זאָלסטו קיין חרטה נישט האָבן. דאָ איז נישט אינדערהיים. קיין פּערינעס וועלן נישט זיין.

זי האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען.

— צוואָס רעדסטו אַזוי? בעסער אָן ברויט און אָן אַ דאַך, אַבי מיט דיר.

טווערדאָווסקי האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ און אַוועקגעלייגט דעם מעסער.

— פּאַרטיק, — האָט ער אַ זאָג געטון, און אין דערזעלבער מינוט האָט זיך די טיר פון שטיבעלע געעפנט און ס'האָט זיך אַריינגעריסן פּאַוועל.

— סטעפּקאַ איז געקומען, — האָט ער פריילעך אויסגעשריגן, — נאָך זאַלבעאַכט געבראַכט צו פירן. ס'וואַקסט אונזער כּוח, אַטאַמאַן. — טווערדאָווסקי איז אויפגעשטאַנען פון הינטערן טיש און איז אַרויס אין דרויסן. אים אַנטקעגן האָט זיך אַ וואָרף געטון איוואַנישין.

— זיי באַגריסט, איוואַן וואַסיליעוויטש! וואָס מאַכסטו? און איך, קוק, בין נישט אַליין. אָט וויפל געבראַכט צושלעפּן. ווילע חברה.

הינטער איוואַנישינען זיינען געשטאַנען אַכט פויערן פון פאַרשידענער עלטער. געווען צווישן זיי איינער שוין איינגאַנצן אַ גרויער, מיט אַ בכבודיקער באָרד און שוואַרצע ציגיינערשע אויגן.

טווערדאָווסקי איז צוגעגאַנגען צו זיי און זיך באַגריסט. זיי האָבן געענטפערט ווי איינער:

— זיי באַגריסט, אַטאַמאַן!

טווערדאָווסקי האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ קלאָץ און זיך געווענדעט צו די געקומענע:

— ברידער! האָט אייך סטעפּאַן געזאָגט, צוואָס איך האָב אייך גערופן אַהער?

— געזאָגט... אַלץ געזאָגט... ווי זשע, — האָבן זיך דער-הערט קולות.

— און אויב ער האָט געזאָגט, צי זענט איר מסכים, נישט שוינענדיק אייער לעבן, פאַרמעגן און פאַמיליע, זיך פּאַ-רייניקן מיט מיר און גיין נאָך מיר קעגן די בלוטזויגערס פאַר אייער פויערשע פרייהייט און מזל?

— מיר ווילן, אַטאַמאַן!... מיר זיינען מסכים! — האָבן אויסגעשריגן די חברה-לייט.

— גיט איר אַ שבועה צו פאָלגן מיר אויף לעבן און טויט און ווידערשטאַנד?

— מיר שווערן! — האָבן אַ הוזשע געטון קולות.

— נו, טאָ געדענקט! מיין וואָרט איז אַ געזעץ. ווער ס'וועט קעגן מיין וואָרט ווידערשפּעניקן, דעם וועל איך דער-שיסן ווי אַ הונט. זיך האַלטן איינס, זיין איבערגעגעבן די חברים, קיינעם נישט אויסגעבן. אַלע דאַרפן זיך טיילן גלייך ווי לייבלעכע ברידער. פאַרשטאַנען? איצט פּאַוועל, קיריל! קאָכט-אָפּ גולאַש, גיט אָפּצועסן די חברה, און איר דערוויל רוט-אָפּ.

די געקומענע האָבן זיך פונאַנדערגעלייגט אויפן גראָז. טווערדאָווסקי און איוואַנישין זיינען אַריין אין שטיבל.

— נו, וואָס הערט זיך אין שטאָט? — האָט געפרעגט טווערדאָווסקי!

— אַ סאַך. די פּאַנעס האָבן זיך שטאַרק צעבייזערט, זיי קריצן אַזש מיט די ציין. דער גובענאַטאָר בכבודו ובעצמו גייט

מיט אונז מלחמה האַלטן, אויך די גאַנצע פּאָליציי. מ׳האָט אומעטום פונאַנדערגעהאַנגען מודעות מיט אייערע סימנים, איוואַן.

טווערדאָווסקי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— זאָלן זיי הענגען. איך וועל זיי אַליין אָנשרייבן נאָך מער פּרטים און איצט הער, סטעפּאַן! מ׳דאַרף באַקומען פאַר דער קאָמפּאַניע געווער. היינט ביינאַכט וועלן מיר אַרויספאָרן אין קרייז נאָך געווער.

איוואַנישין האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— אפשר איז גלייכער איך אַליין זאָל פאָרן? ווייל דיך קאָן מען אין פּנים. קענסט נאָך אַריינפאַלן.

— כ׳וועל נישט אַריינפאַלן! און דו איינער אַליין וועסט גאָרנישט אויפטון. איך ווייס ווו צו גיין נאָך געווער. און דערווייל הייס פאַוועלן, ער זאָל פון מאָרגן אָן די חברה אָנהייבן לערנען צוביסלעך מיליטער-איבונגען. אָבער נישט קיין מאַרשן און פּאַראַדן, נאָר ווי אַזוי זיך צו שלאָגן, ווייל אַלס אַ זעלנער האָט ער געדינט אין גוואַרדיע, קאָן ער זיך פאָרשטעלן, אַז מירן צום גובערנאַטאָר גיין אויף אַ פּאַראַד.

איוואַנישין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. שוין צו קאָמיש האָט אים אויסגעוויזן, אַז די חברה-לייט זאָלן גיין אויף פּאַראַד צום גובערנאַטאָר.

• • • • • • • • • • • • • • • • •

פאַרטאָג האָבן שווערע פויסטן אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַ קליין שטיבעלע אויפן עק פון דער קרייז-שטאָט. דער באַלעבאָס פון דער הויז, אַן אַלטער קאָנטראַבאַנדיסט און פאַסער (גנבות-אויפקויפער) הערש שליקערמאַן האָט זיך אויפגעהייבן אויפן בעט און זיך צוגעהערט. די קלעפּ האָבן זיך איבערגעחזרט. הערש האָט אַראָפּגעלאָזן אויף דער פּאָדלאָגע די דאַרע פיס, איז מיט זיי אַרייגעקראָכן אין די שטעק-שיך און, ברומענדיק און שעלטנדיק די גוים, וועלכע לאָזן נישט אַן ערלעכן יידן זיך אויסשלאָפן אום שבת, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— ווער איז דאָרט, אַ כאָלערע זאָל אייך נעמען? — האָט ער אַ געשריי געטון.

פון הינטער דער טיר האָט אין ענטפער אָפּגעקלונגען עפּעס אַ שטיל אַרויסגעזאָגט וואָרט. הערש האָט זיך אָפּגעטרייסלט, איז אונטערגעשפּרונגען אויפן אָרט און ברייט אויפגעפּראַלט די טיר.

— אָי, איך האָב דאָך נישט דערקאָנט. מיר זאָל דאָס די כאָלערע נעמען, און נישט אייך, איוואַן וואַסיליעוויטש. און ווי זענט איר דאָס אַזוי דרייסט צו קומען אין שטאָט, ווען יעדער הונט זוכט אייך?

— פלאַפּל נישט, הערש! נישטאָ קיין צייט! — האָט גע-ענטפערט אַריינגייענדיק דער צוגערייזטער — מיר דאַרפן זיך מיט דיר אַביסל דורכשמועסן. פיר אַריין אין חדר.

אין צימער האָבן טווערדאָווסקי און איוואַנישין זיך אַוועק-געזעצט, און הערש, רייבנדיק די הענט, איז אַרום זיי אַרומ-געשפּרונגען, פרעגנדיק, וואָס איוואַן וואַסיליעוויטש האָט נויטיק.

— בקיצור הדבר, הערש! ס'איז נויטיק אַ טוץ ביקסן און צוויי טויזנט פּאַטראָנעס, — האָט רויק אַרויסגעזאָגט טווער-דאָווסקי. הערש, ווי געשליידערט דורך אַ שטורמווינט, איז אָפּ-געפלויגן אין ווינקל פון צימער און מיט תחנונים אויפגעהייבן די הענט.

— אָי — אָי! איך האָב אַפילו נישט געהערט אייערע ווער-טער, איוואַן וואַסיליעוויטש! וואָס קלערט איר זיך ווענן מיר? פונוואַנען קומט צו מיר אַזעלכע זאַכן? איך ווייס אַפילו נישט ווי דאָס זעט אויס.

טווערדאָווסקי איז שווייגנדיק אויפגעשטאַנען און אַרויס-גענומען פון קעשענע אַ סמיט-וועסטאָן.

— און דו ווייסט, ווי דאָס זעט אויס? — האָט ער גע-פרעגט, אויפהייבנדיק דעם רעוואָלווער.

הערש האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעטרייסלט מיטן קאָפּ און מיט די הענט.

אָי, באַהאַלט, איוואַן וואַסיליעוויטש! איך האָב אייך אָפּ-גענאַרט. איך ווייס טאַקע יאָ, וואָס איז אַ ביקס.

— נו, אַט, מאַך זיך נישט נאַריש!

— כ'ווייס, כ'ווייס. אָבער, וואָס וועט זיין, אַז כ'וועל אייך געבן ביקסן? מיך וועט מען אַרעסטירן און אויפהענגען אויף אַ בוים, און וואָס וועט זיין מיט שרהן, רייזעלען, רחלען, מירען, יצחקן, לייבלען, סרוליקן, אברהמלען?...

— מאַך זיך צו, הערש! ס'איז מיר גאָרנישט נויטיק צו וויסן, וויפל קינדער ביי דיר איז דאָ. איך דאַרף אָבער וויסן, וויפל ביקסן האָסטו? און וועגן דעם איבעריקן, האָב קיין מורא נישט. קיינער וועט נישט וויסן, פונוואַנען מיר האָבן די ביקסן.

הערש האָט פיפיק אַ ווונק געטון.

— אָי, איוואַן וואַסילעוויטש, איר רעט, ווי אַ קליין קינד. אויף די ביקסן איז פאַראַן נומערן. און איר ווייסט, פונוואַנען איך האָב די ביקסן? איך קויף זיי דאָך ביי די הערן אָפיצירן פון דער גרענעץ-וואַך, ווען זיי האָבן נישט קיין געלט אויף שיכורן. זיי זענען אָבער אויך פיפיק. זיי פאַרקויפן די ביקסן און פאַרשרייבן די נומערן. וועט תיכּף זיין קלאָר, אַז דער ביקס איז פון הערשן.

טווערדאָווסקי האָט זיך פאַרקלערט.

— יאָ, דאָס איז ערגער, — האָט ער אַ זאָג געטון.

הערש האָט פריינטלעך אַ שמייכל געטון.

— איך וועל אייך פאָרט געבן אַן עצה. איר האָט מיין פאַמיליע געראַטעוועט פון פאָגראָם. וועלן מיר מאַכן אַזוי. איר וועט מיך בינדן און אַרונטערוקן אונטערן בעט, און דערנאָך נעמט זיך די ביקסן. איך האָב נישט געגעבן—איר האָט צוגענומען.

טווערדאָווסקי און איוואַנישן האָבן זיך איבערגעקוקט און פונאַנדערגעלאַכט. אין איין מינוט האָט מען הערשן געבונדן, ווי אַ זאַק, און פאַרשטעקט אונטערן בעט. טווערדאָווסקי און איוואַנישין האָבן אַרויסגעטראָגן פון קאַמער מיט דער הילף פון אברהמלען ביקסן און פאַטראָנעס, האָבן עס פאַרדעקט מיט היי אויף אַ פור און זיינען שנעל אָפּגעפאָרן. אברהמל איז גלייך געלאָפן מעלדן א פאָליציאַנט, אַז זיין טאַטן זיינען באַפאַלן שרעקלעכע רויבערס, וועלכע האָבן באַרויבט די גאַנצע הויז.

## קאַפּיטל אכט

## נקמה אָן די פּאַנעס

רויק שלאָפֿט מען אין גוט פֿון פּריץ קזשיזשאַנאָווסקי. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט האָט מען דאָ געפּייערט דעם נאָמענ-טאָג פֿון דער באַלעבאָסטע. אַ סאַך איז געוואָרן אויסגעטרונקען און אַ סאַך אויפֿגעגעסן, און ס׳שלאָפֿן מיט אַ זיסן זאָרגלאָזן שלאָף די באַלעבאַטים און געסט. זייער שלאָף ווערט אָפּגעהיט דורך שומרים. צוויי מענטשן גייען דורכן גאָרטן אַרום הויז און קלאַפּן אין די קלאַפּערס, כּדי אָפּצושרעקן שלעכטע מענטשן.

אָט האָבן ביידע שומרים זיך געטראָפֿן ביי דער אַלטאַנע אויפֿן ברעג טייך. איינער האָט געבעטן ביים צווייטן טיטון אָנצופֿילן די פּיפּקע. ביידע האָבן אָנגעפֿילט זייערע פּייקעס און זיך צוגעזעצט אויף אַ מינוט אויף דער באַנק אויסצוגלייכן די פֿאַרמאַטערטע פֿיס. עי, איר שומרים פֿון פּריצישן שלאָף, רוט זיך נישט אָפּ! פֿאַרזעט נישט דעם פֿלינקן שונא!

זיצן די שומרים אויף דער באַנק, שמועסן שטיל, און לענגאויס דעם טייכל, אין שוואַרצן שאָטן פֿון די אַלטע לינדנ-בוימער, אַזוי ווי ס׳וואַלטן זיך באַוועגט וועלכע ס׳איז נישט דייטלעכע סילועטן. איינער, צוויי, דריי, נאָך און נאָך... זיי לויפֿן איבער פֿון איין בוים צום צווייטן שטיל און לייכט און ס׳דאַכט זיך, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיל פֿון די לבנה-שטראַלן.

די שומרים האָבן פֿאַרענדיקט רויכערן און אויפֿגעשטאַ-נען, כּדי ווייטער אַרומצודרייען זיך אין דער נאַכט. זיי שטייען אויף און דערשראָקענע טרעטן זיי אָפּ פֿאַר אַ שוואַרצער פֿי-גור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפֿן וועג.

— רירט זיך נישט פֿון אָרט! — דערהערט זיך אַ באַפֿע-

לערישער פליסטער, און ביידע שומרים דערזעען, ווי ס׳בלאנקט דער קאלטער לבנה-אפשיין אויפן ביקס אין די הענט פונם שווארצן מענטשן. נעבן אים באווייזט זיך א צווייטע פיגור.

— בינדן די דרענגער און אראפטראגן זיי אין קעלער! — הערן זיי א גרויזאמען באפעל. די שומרים נעמען אליין אראפ די גארטלען, דרייען זיך אויס מיט די פלייצעס צו די אנגע-קומענע, לאזן זיך בינדן די הענט און גייען הכנעהדיק צום קעלער.

א שטילער פייף שניידט דורך די לופט, און די בא-האלטענע אונטער די לינדן-ביימער שאטענס זיינען ארויס אויפן גראז פאר דער הויז.

— זאלבאפערט שטעלט זיך ביי די ווינקלען! אויב עמי-צער וועט שפרינגען דורך די פענצטער, כאפט! שיסן נאר, ווען מ׳וועט זיך נישט אפשטעלן אויף אייער רוף. אומזיסט קיין בלוט נישט פארגיסן. מיר דארפן זיי שלאגן נישט איבערן קער-פער, נאר איבער דער קעשענע, — הערט זיך אלץ דערזעלבי-קער באפעלערישער קול. — די איבריקע נאך מיר!

אייניקע שאטנס האבן זיך אויפגעזאמלט אויפן גאנעק. ס׳דערהערט זיך א לייכטער קלונג און א קלאפ פונם שלאס, און די שאטנס באהאלטן זיך הינטער דער ברייט-געעפנטער טיר.

אין שלאפצימער אויף א ברייטער טאפלטער בעט צערטלט זיך אין שלאף דער באלעבאס קזשיזשאנאווסקי.

ווי א ווארעם פייגעלע, צוגעטוליעט צו זיין פעטן אקסל, שלאפט די פרוי. אן געוויש עפענען זיך די טירן פון שלאפ-צימער, און אויף דער בעט שפריצט א דינער שטראל פון אן עלעקטריש לאמטערל.

די ליכט פאלט קזשיזשאנאווסקין אין די אויגן. ער האט אומרויק זיך א דריי געטון, קוים אויפגעריסן די אויגן, אויפ-געשפרונגען, פארחידושט קוקט ער אויפן שטראל פון לאמטערן...

— ווער?... וואס? — פרעגט ער דעזאריענטירט, נאך נישט קומענדיק צו זיך פון דרעמלען.

— זיי באַגריסט, באַלעבאָס — דערהערט ער אַן ענט·
פער: — נעם-אויף געסט!

קזשיזשאַנאָווסקי שפּרינגט-אויף פון בעט און וואַרפט זיך צום קאָמאָד, ווו ס'ליגט ביי אים אַ בולדאָג, ער שטויסט זיך אָבער אָן מיט דער ברוסט אָן דער רער פון אַ ביקס.

— צוריק, באַלעבאָס, וועסט זיך אָפּבריען!

קזשיזשאַנאָווסקי איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרן אויפן אָרט, זיינע פיס האָבן אָנגעהייבן צו ציטערן.

— ווער זענט איר? וואָס דאַרפט איר?

— דאָס וועסטו שפּעטער זען! ווו איז אין הויז דער זאַל? פיר!

— טייערע, האַרציקע, — האָט פּלוצלונג אויסגעשריגן דער באַלעבאָס: — דערהרגעט נישט, האָט רחמנות!

— צוואָס דערהרגענען? מיר זיינען נישט קיין מערדערס, ענטפערט אַ קול: — פיר אין זאַל!

אין דערזעלבער צייט וועקט זיך אויף קזשיזשאַנאָווסקיס פרוי און דערזעט דעם מאַן, אַרומגערינגלט דורך באַוואָפנטע לייט. זי הייבט אָן היסטעריש שרייען.

— העי, באַלעבאָס, דערהערט זיך דערזעלבער קול: — באַרויקט די פּלוניתטע! קיין שלעכטס וועלן מיר נישט טון. איר וועט בלייבן לעבן. נעם זי מיט און מאַרש אין זאַל אַריין!

— לאָזט זיך כאָטש אָנטון, — בעט זיך קזשישאַנאָווסקי.

— נישט כדאי. דעם פויער פלעגט איר דעם גאַנצן לעבן אויסטון, זאָל אויך דער פויער אייך אַמאָל זען נאַקעטע.

קזשיזשאַנאָווסקי האַלט אונטער די יאָמערדיקע פרוי און גייט אונטער דער שמירה פון צוויי חברהלייט פון שלאָפצימער אין זאַל אַריין. דאָרט זעצט מען זיי איין אין פאָטעלן. די חברהלייט לאָזן זיך איבער אַלע צימערן און אומעטום קומען פאָר דיזעלביקע סצענעס. אַ גערויש, ווייבערשער געוויין, זידלעריי פון מאַנסבילן.

ס'העלפט אָבער גאָרנישט. די גאַנצע באַפעלקערונג פון הויז האָבן די חברהלייט צונויפגעטריבן אין זאַל, ווו ס'זיינען

שוין געווען אָנגעצונדן די לאָמפּן. דערשראָקענע, פאַרלאָרענע האָבן זיי זיך צונויפגעשלאָגן אין אַן ענגן המון אין עק זאַל. ביי די אַריינגעגנג שטייען חברה-לייט, אָנגעשפּאַרט אויף ביקסן, גלייכגילטיקע צו די קרעכצן און רחמנות-געבעטן. זיי שווייגן, ווי טויבע, און דערווייל גייען טווערדאָווסקי און איוואַנישן אַרום די אויסגעליידיקטע צימערן און קלייבן-אויף פון די קעשענעס און בייטלען געלט און טייערע חפצים. לסוף באַווייזט זיך טווערדאָווסקי אין זאַל און גייט-צו צום צונויפגעשלאָגענעם עולם געפאַנגענע.

— הער קזשיזשאַנאָווסקי?

— איך, — דערהערט זיך אין ענטפער אַ פלאַטערדיקער קול.

— ווו האָט איר דעם שליסל פון דער קאַסע?

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ. קזשיזשאַנאָווסקי דערמאָנט זיך, אַז ערשט נעכטן האָט ער געבראַכט צופירן פון באַנק דרייסיקטויזנט צו באַצאָלן פאַרן געקויפטן וואַלד און די אונטערנעמערס פאַר די אויסגעבויטע אין גוט געביידעס.

— ווו איז דער שליסל? — פרעגט נאָכאַמאָל טווערדאָווסקי.

—איך-ך ווי-וויס נישט... איך קאָן זיך נישט דערמאָנען... ווו כ'האָב געלייגט... איך בין אַזוי אויפגערעגט, — פרווט ער זיך אַרויסדרייען.

— חברה, — קאָמאַנדעוועט טווערדאָווסקי: — פירט-אַרויס דעם באַלעבאָס אין גאָרטן און באַרויקט אים מיט בליי!

קזשיזשאַנאָווסקיס פרוי האַלט נישט אויס. זי וואַרפט זיך פאָרויס, פאַרשטעלט דעם מאַן, און שרייט. — רירט נישט... רירט אים נישט! דער שליסל איז איבערן בעט אין שיכל פון זייגער.

— נו אָט! די ווייב איז קליגער פונם מאַן, — לאַכט איוואַנישין: — געלט קאָן מען נאָך אַמאָל צוריקבאַקומען, דאָס לעבן אָבער — קיינמאָל נישט.

טווערדאָווסקי און איוואַנישין גייען אַריין אין שלאָפצימער. מיט אַ סקריפּ דרייט זיך איבער דער שליסל אין שלאָס פון דער איינגעמויערטער אין וואַנט שטאָלענער קאַסע. טווער-

דאָווסקי נעמט-אַרויס פון דער קאָסע איבערגעבונדענע פעקלעך פאַפּיר-געלד און שטופּט זיי פונאַנדער אין די קעשענעס. דער־נאָך באַמערקט ער אין ווינקל אַ קליין סאַמעטן קעסטל. מיט אַ פריילעכן שמייכל נעמט טווערדאָווסקי דאָס קעסטל אונטערן אָרעם און קערט זיך אום אין זאַל.

— איצט דערלויבט צו ווינטשן אייך אַלדאָס גוטס, — זאָגט טווערדאָווסקי: — חברה, פירט-אָפּ די פּריצים צוריק אין די שלאָפצימערס, לייגט זיי איין אין די בעטלעך און זאָגט אָן, אַז זיי זאָלן שטאַרק שלאָפן צוויי שעה און זיך נישט רירן. אַנ־דערש וועלן מיר זיך אומקערן און זיי איינשלעפערן מיט מעשות.

די חברהלייט גייען-צו מיט אַ געלעכטער צו די פּריצים.

— נו, פּאַנעס, געגאַנגען!

דער עולם באַוועגט זיך צו די טירן, פלוצלונג כאַפּט אי־וואַנישין אָן טווערדאָווסקין פאַרן האַנט.

— אָטאָ דער!... — שרייט ער.

— ווער איז דאָס? ווען האָסטו דערזען?

— דערזעלבער. פּאַן זשוקאָוו! דערזעלבער, וואָס האָט געהייסן די טשערקעסן מיך שמייסן. מיין דם-שונא.

ער ווייזט-אָן אויף אַ נידעריק-געוואַקסענעם מאַן אין גע־שטרייפטע אונטער-הויזן, וואָס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז בלאַס געוואָרן פון איוואַנישינס ווערטער.

— אָ! אַזוי גאָר? — זאָגט טווערדאָווסקי: — אַן אָנגענעמע באַגעגעניש. האָט ער דיך געשמיסן, זאָגסטו? גוט. איצט וועלן מיר זיך אויסרעכענען. פירט-אַרויס פון דאַנען די פרויען, און די מענער זאָלן בלייבן.

די חברהלייט פירן-אַרויס די פרויען.

— נעמט אים, — קאָמאַנדעוועט טווערדאָווסקי: — לייגט אויף דער קאַנאַפּע!

דער פּריץ, וועלכער האָט כמעט אָנגעוואָרן דעם באַוווסט־זיין פון פּחד, פאַלט אָן ווידערשטאַנד אויף דער קאַנאַפּע. די איבעריקע שטייען פאַרמראשחורהט אַרום.

— מיט די שאָמפּאָלס! — באַפעלט טווערדאָווסקי: —

הונדערט שאַמפּאַלס, נאָר שטאַרקער. זאָל אויך די פּריצישע פּלייצע זיך אַ קראַץ טון ווי די פּויערשע!

מיט אַ שאַרפן פייף לאָזן זיך אַראָפּ די שאַמפּאַלס אונטערן אַקאָמפּיאַמענט פון זשוקאָווס ווילדע קרעכצן. צוויי חברה־לייט האַלטן אים פאַר די הענט און פיס. טווערדאָסקי ציילט קאַלטבלוטיק די קלעפּ...

— זעקס און ניינציק, זיבן און ניינציק, אַכט. ניין, הונדערט. ס'וועט קלעקן: אַ פעסטע פּאָרציע. נעצט־צו מיט בוראָוואַסער, וועט שנעל איבערגיין. און איצט, זייט געזונט. און ביז אינדערפרי מאַכט נישט קיין טומל. אַנדערש וועט זיין שלעכט.

דער זאַל ווערט מאָמענטאַל אויסגעליידיקט. ווידעראַמאָל גליטשן זיך דורך דורכן גאָרטן אונטער די לינדן־בוימער שאָטנס צו דער גרעבלע צו, ווו ס'זיינען אָנגעבונדן געזאָטלטע פערד. אַלע שפּרינגען אַרויף אויף די זאָטלס. אַ פייף — און די קאָמפּאַניע טראָגט זיך אָפּ. אויפן וועג נאָר, אונטער די בלאַסע לבנה־שטראַלן, קנוילט זיך, פּאַמעלעך זיך אָפּזעצנדיק, אַ זייל שטויב.

## קאַפּיטל ניין

# פאַרשווערונג פון די זשוברעס

האָט זיך פונאַנדערגערוישט, האָט זיך אויפגערודערט דער פּריצישער בינשטאָק נאָכן איבערפאַל אויף קזשיזשאַנאָווסקיס גוט. די איבערגעשראָקענע פּריצים האָבן זיך אַ וואָרף געטון פון די גיטער אין דער גובערניע-שטאָט. דאָרט אין די שטאָטישע הייזער, אונטער דער וואַך פון דער אַלמעכטיקער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, האָט מען זיך געקאָנט פילן רויק. דער גובערנאַטאָר, וועמען מ׳האָט תיכּף איבערגעגעבן וועגן טווערדאָווסקיס נייעם נצחון, איז גרין געוואָרן פון פאַרדרוס. זיין באַרימערישער ראַפּאָרט צום אינערן-מיניסטער, אַז „ס׳וועט נישט פאַרלויפן קיין וואָך, ווי טווערדאָווסקי וועט זיצן געשמיט אין קייטן״, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס בלאָף. דער שטאַרק-אויפגערעגטער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגערופן דעם פּאָליצמייסטער און באַפוילן אָנצונעמען די ענערגישסטע מיטלען צו כאַפּן דעם רויבער. דער פּאָליצמייסטער האָט הכנעהדיק אויסגעהערט דעם גובענאַטאָרס פאָרוואורף, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און דערנאָך חניפה-דיק געזאָגט צום צעבייזערטן גובענאַטאָרישן דונער-וואַרפער.

— דערלויבט צו ראַפּאָרטירן אייער הויכקייט די איינמוטיקע בקשה פון די הערן אַדליים און פּריצים. זיי בעטן די דערלויבעניש פון אייער הויכקייט צונויפצורופן אַן אויסערגעווייגלעכע באַראַטונג צו באַטראַכטן די קאַמף-מיטלען קעגן דעם רויבער- און קראַמאָלע-גייסט פונעם פויערטום, וואָס פאַרשפּרייט זיך אין דער גובערניע.

— צו וואָס פאַר אַ טייוול נוצט די דאָזיקע באַראַטונג? — האָט אומצופרידן אַ בורטשע געטון דער גובערנאַטאָר. אים האָט

זיך געדאַכט, אַז די פּריצים גראָבן אונטער זיין אויטאָריטעט און ווילן אַרויסרייסן ביי אים דעם כבוד צו כאַפּן טווערדאָווסקין.

— כ'נעם זיך די דרייסטקייט צו מעלדן, — האָט פאָרגעוועצט דער פּאָליצמייסטער, — אַז די הערן אַדלליט קאָנען אונדז זייער העלפן. פאַרשטענדלעך, נישט מיט קיין פיזישן כוח, נאָר מיט מיטלען. מ'וועט קאָנען באַשטימען אַ גרעסערע סומע פאַר טווערדאָווסקיס קאָפּ, און דעמאָלט קאָנען זיינע מיטהעלפער אַליין אים אויסגעבן אין אויסרעכענונג אויף דער באַלוינונג, — האָט פאַרענדיקט דער פּאָליציייאישער משרת און זיך באַלעקט ביים געדאַנק, אַז די באַלוינונג וועט באַקומען נישט דער מסור, נאָר זי וועט צעקריכן איבער די פּאָליציייאישע קעשענעס.

— האַ, אויב אַזוי, טאָ ע... כ'לעבן, זאָלן זיי צונויפרופן, — האָט געזאָגט דער גובערנאַטאָר. דער דערפרייטער פּאָליצמייסטער איז אָפּגעפאָרן און דער אַריינגעקומענער לאָקיי האָט דעם גובערנאַטאָר דערלאַנגט אַ וויזיטקאַרטל. „גראַף שערעמעטיעוו. דעמיסיאָנירטער גוואַרדיע-אָפיציר", האָט איבערגעלייענט זיין הויכקייט און אַ ווונק געטון צום לאָקיי: — בעט אַריין.

אין קאַבינעט איז אַריינגעקומען אַן עלעגאַנטער, הויכער יונגערמאַן אין אַ וויזיט-אַנצוג, אַ בויג-געטון זיין גלאַט-צוגעקעמטע קאָפּ מיטן אויסגעצייכנטן שרינט און שוואַרצער געשוירענער בערדל.

— קומענדיק אין שטאָט וועגן פּערזענלעכע ענינים, געפין איך פאַר נויטיק זיך פאָרצושטעלן אייער הויכקייט, אַלץ פאַרוואַלטער פון דער גובערניע.

— ע... איך בין זייער געריירט, — האָט געענטפערט דער גובערנאַטאָר. און געדריקט דעם גראַף די האַנט: — ווען זענט איר געקומען?

— אייערנעכטן, אייער הויכקייט. איך האָב בדעה צו פאַרקויפן מיין גוט אין נאָווגאָראָדער גובערניע און קויפן דאָ אייניקע טויזנט דעסאַטין ערד. מיך ציט אויפן דרום, צו דער זון. איך וועל זוכן אַ פאַרקויפער.

— ע... איר האָט זייער גוט געטראָפן, אייער עקסעלענץ. אַקוראַט זיינען זיך אין שטאָט צוזאַמענגעפאָרן אַלע אַרומיקע

פריצים אויף אַ באַראַטונג. איר קאָנט ע... זיך באַקאָנען מיט אַלעמען און דערוויסן זיך אַלץ, וואָס אייך איז נויטיק.

— באמת? דאָס איז מערקווירדיק געלונגען, — האָט געזאָגט, שמייכלענדיק, דער גראַף.

דער גובערנאַטאָר האָט אויף אַ שמייכל געטון און גוטמוטיק-וויציג געפרעגט: — און איר, ע... האָט נישט קיין מורא, אייער דורכלויכט, צו קויפן ביי אונז ערד? ביי אונז האָט זיך באַוויזן אַ שרעקלעכער רויבער, וועלכער באַפאַלט די פריצים.

דער גראַף האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— נו, איך בין דאָך אַן אָפיציר. און חוצדעם, — ער האָט אויסגעגלייכט זיינע ברייטע אַקסלען: — גאָט האָט מיר קיין כוחות נישט געקאַרגט, מיט מיינעם אַ שטאַרקן קלאַפּ קאָן איך פון ערשטן בעסטן די נשמה אַרויסיאָגן.

דער גובערנאַטאָר האָט פריינטלעך-פּראָטעקציאָנעל אַ קלאַפּ געטון דעם גראַף איבערן אַקסל און דערשפּירט אונטערן דינעם טוך פון וויזיט-אַנצוג קנוילן מוסקולן.

— באמת, ע... איר האָט אַ מוסקולאַטור! איך בין נישט מקנה טווערדאָווסקין, אויב ער וועט אייך באַפאַלן.

דער גראַף האָט טיף זיך פאַרנויגט פאַרן גובענאַטאָר.

— איר וועט דערלויבן נישט צו פאַרהאַלטן אייער עקסעלענץ. איך גיי צו זיך אין האָטעל. מיך וואַרט אַ קאָמיסיאָנער. איך וואָלט נאָר געבעטן אייער עקסעלענץ נישט אָפּזאָגן פון פריינטלעכקייט צו באַקאָנען מיך מיט די אָרטיקע אַדללייט.

דער גובערנאַטאָר האָט געפרעגט דעם גראַף, אין וועלכן האָטעל ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און דערוויסנדיק זיך, אַז אין „לאָנדאָן", האָט ער געזאָגט:

— אויסגעצייכנט. דאָרט האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט דער געערטער איוואַן איוואַנאָוויטש מעליסינאָ, איינער פון די בעסטע אונדזערע פריצים. איר קאָנט זיך ווענדן גלייך צו אים אין מיין נאָמען, און ער וועט אייך פאָרשטעלן.

דער גראַף האָט באַדאַנקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

מיט אַ שעה שפּעטער איז ער געזעסן אין נומער ביי

מעליסינאָ און געפירט אַ לעבהאַפטן שמועס מיטן אַלטן פריץ. ער האָט אים אינגאַנצן באַצויבערט מיט די פרישע הויף־מעשהלעך און פעטערבורגער וויצן.

— איך בין אַזוי דערפרייט מיט אייער אומדערוואַרטעטן וויזיט, — האָט לסוף געזאָגט, זיך איבערגעבנדיג אָנלאַכנדיק, מע־ליסינאָ: — ס'אין אַ נחת־רוח צו טרעפן אין דעמדאָזיקן מדבר אַן אייגענעם מענטשן. מ'דאַרף אייך תיכף אַריינפירן אין אונ־דזער סביבה. ווייסט איר וואָס, — מאָרגן הייבט זיך ביי אונז אָן די באַראַטונג וועגן קאַמף מיט די רויבערייען און מיט דער קראַמאָלע, און מיר וועלן צוזאַמען אַהינגיין. איך וועל אייך באַקאָנען מיט אַלעמען.

— צי וועט דאָס אָבער זיין באַקוועם? — האָט געפרעגט דער גראַף: — כאָטש איך רעכן טאַקע דאָ צו קויפן ערד, נאָר דערווייל בין איך נאָך אַ פרעמדער מענטש.

— נאַרישקייטן, טייערינקער! איין אַדלמאַן דעם צווייטן איז שטענדיק אַ ברודער און שטענדיק אַן אייגענער. באַשלאָסן.

צומאָרגנס אינדערפרי זיינען מעליסינאָ און שערעמעטיעוו צוזאַמען צוגעפאָרן צו דער געביידע פון די אַדלייט־צוזאַמענ־קונפטן, ווו ס'איז באַשטימט געוואָרן די באַראַטונג. דער גראַף איז תיכף פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלע אָנגעזעענערע פריצים און האָט זיי אַזוי באַצויבערט, ווי מעליסינאָן. אַסאַך, וואָס האָבן געהאַט דערוואַקסענע טעכטער, האָבן מיט פאַרגעניגן געקוקט אויפן גלענצענדן יונגן גביר, זיך פאָרגעשטעלט אים אַלס איידעם.

אין וועסטיביל פון זאַל איז צום גראַף צוגעגאַנגען דער רייכסטער פריץ פון דער גובערניע טריאַפיצין און מיט אַ העפלעכער פאַרנויגונג האָט ער זיך צו אים געווענדעט בזה הלשון:

— אייער עקסעלענץ! מיר רעכענען פאַר אַ כבוד אויפ־צונעמען אייך ביי זיך און דריקן־אויס אונדזער שטאַרקע האָפענונג, אַז, קויפנדיק אַ גוט, וועט איר בלייבן אַ שטענדיקער מיטגליד פון אונזער משפחה. דערווייל דערלויבט אייך בעטן טון מיר אַ פערזענלעכע טובה מיט אייער אָנוועזנהייט אויפן באַל, וועלכן איך גיב מאָרגן ביי זיך אין הויז פאַר דעם

חשובן אַדלשטאַנד פון אונדזער גובערניע.

— איך ווייס אַפילו נישט, מיט וואָס איך האָב פאַרדינט אַזאַ כּבוד. כ'וועל האַלטן פאַר אַ גליק צו באַנוצן זיך מיט אייער ליבלעכער גאַסטפריינטשאַפט, — האָט אויך אַזוי פאָרנעם געענטפערט דעם גראַף.

דער באַל ביי טריאַפּיצינען איז געווען אין סאַמע ברען, ווען דער לאַקיי אין דער ליבעריע האָט געמאָלדן, אַז גראַף שערעמעטיעוו איז געקומען. דער ליבלעכער באַלעבאָס האָט געאיילט אַנטקעגן דעם געווונטשענעם גאַסט. די מוזיק האָט זיך איבערגעריסן, און טריאַפּיצין אונטערן האַנט מיטן גראַף זיינען אַריין אין זאַל.

דער גראַף איז געווען אין אַ מונדיר פון לייב-גוואַרדיע הוזאַרן-פּולק, וואָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן זיין עלעגאַנטע און העלדישע פיגור. זייגע שוואַרצע וואָנסעלעך זיינען געווען פלינק פאַרדרייט, און דאָס בערדל פונאַנדערגעקעמט און אָנפּערפומירט. ער האָט זיך פאַרנויגט פאַר אַלע פאַרזאַמלטע און, דערזעענדיק דעם גובערנאַטאָר, איז ער צו אים צוגעגאַנגען מיט אַ העפלעכער באַגריסונג.

— ע... וואָס פאַר אַ העלד, — האָט געזאָגט דער גובערנאַטאָר: — אַ פאַרשוין! קאַפּוט די הערצעלעך פון אונזערע פריילנס און דאַמען.

דער גראַף האָט וווילזונגעריש אַ שמייכל געטון אין ענטפער. טראַפּיצין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, טרייסלענדיק מיט זיין ריזיקן בויך, וואָס איז געווען איינגעצויגן אין אַ קאָלירטער פראַק-וועסט.

— יאָ, ווער וועט דאָס זיין די גליקלעכע, וואָס וועט צובויגן צו אירע פיס אַזאַ יונגנמאַן? ווען איך וואָלט געווען אַ דאַמע, וואָלט איך אַפילו קיין מינוט זיך נישט פאַרקלערט. כע-כע! נו, לאָזט אייך פאָרשטעלן פאַר איין רויזן-בלום.

ער האָט צוגעפירט דעם גראַף צו אַ יונג מיידל, וואָס איז געזעסן צוזאַמען מיט דער מוטער, אַרומגערינגלט מיט אַ פאָר יונגעלייט.

— די רויבערין פון אונדזערע הערצער, גראַף פיאָטר ני-קאָלאַיעוויטש שערמעטיעוו.

שערעמעטיעוו, טיף זיך פאַרנויגנדיק, האָט אַ קוש געטון די האַנט דער עלטערער דאַמע און אַ דריק געטון דאָס קליין הענטל פונם מיידל, וועלכע האָט מיט פאַרגעניגן געוואָרפן אויף אים די פראַכט-שיינע וואַרעמע ברוינע אויגן אונטער די גע-דיכטע וויהעס. פון דעמדאָזיקן קוק האָט דעם גראַפס פּנים עפּעס מאָדנע אַ ציטער געטון און איבער זיינע ליפּן איז דורכ-געלאָפן אַ נישט-ווילנדיקע ווייטאָקלעכע מינע. קיינער האָט עס אָבער נישט באַמערקט. דער גראַף האָט אַ קלונג געטון מיט די שפּאָרן און דערלאַנגט דעם מיידל אַ האַנט. טריאַפּיצין האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צום אָרקעסטער:

— וואַלץ!

דער גראַף האָט אַרומגענומען די טאַליע פון זיין באַגליי-טערין און האָט זי אַ דריי געטון איבערן זאַל. אַלע געסט האָבן מיט פאַרגעניגן נאָכגעפאָלגט נאָך דעם פראַכט-שיינעם פּאָרל. די דאַמען און פריילנס האָבן אָנגעבלאָזן די ליפּעלעך און געפליקט די טיולענע טיכלעך פון קינה צו דער גליקלעכער. דער גראַף האָט אָבער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ דזשענטעלמאַן און נאָך צוויי קרייזן אָפּגעפירט זיין דאַמע אויף אַן אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ צווייטער, דריטער און דעם גאַנצן אָוונט איז ער נישט מיד געוואָרן טאַנצנדיק און נישט פאַרפעלט קיין איין דאַמע.

אין דערזעלבער צייט האָבן די טראָמייטער-קלאַנגען גע-געבן צו וויסן וועגן דעם אָוונטברויט, און דער גראַף האָט דערלאַנגט אַ האַנט זיין דאַמע און איז מיט איר אַוועק אין עסצימער.

ביים אָוונטברויט איז ער געווען פריילעך, לעבהאַפט גע-שמועסט מיט זיינע שכנטעס און באַצויבערט זיי גענצלעך מיט זיין אויסגעצייכנטער שאַרפזיניקייט. נאָכן אָוונטברויט אָבער, ווען ס'האָבן זיך ווידער אָנגעהייבן די טענץ, האָט ער קאַטע-גאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו טאַנצן און איז אַוועק אין קאָרטן-

צימער, ווו ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי אַ פּאָקער די עלטערע און נישט-טאַנצנדיקע געסט.

דער גראַף האָט זיך געזעצט צום קאָרטן-טיש און פאַרפירט אַ היפשע שפּיל. אים איז די גאַנצע צייט משונהדיק געלונגען. אומזיסט האָבן זיינע קעגנער געטאָפּלט דאָס איינשטעל-געלט. ער האָט זיי געשלאָגן איינעם נאָכן אַנדערן.

— אַ מערקווירדיקער מזל,—האָט אויסגעשריגן איינער פון גראַפס פאַרטנערן, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט אַ היפשער סומע, — אין ליבע גייט, אין קאָרטן גייט, אין אַלעם גייט! אָט דאָס הייסט יוגנט און שיינקייט!

דער גראַף האָט זעלבסטצופרידן אַ שמייכל געטון, צורוקנדיק זיך אַ פּעקל פּאַפּיר-געלט.

— אויב דעם גראַף גייט אַזוי מזלדיק, דאַרף מען אים איבערגעבן צו כאַפּן טווערדאָווסקין, — האָט געזאָגט אַ צווייטער פּריץ, בעתן טאַלירן די קאָרטן,—ער וועט מיט אים פאַרענדיקן אין פיר און צוואַנציק שעה.

— זאָל אייך, — האָט זיך אָפּגערופן אַ דריטער, — דערמאָנט נישט צו נאַכט-צו וועגן דעמדאָזיקן טייוול!

אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— ער וועט דערשמעקן, אַז דער גראַף האָט היינט געוווּנען אַ מטמון מיט געלט און וועט באַווייזן צו אים מיט אַ וויזיט ביינאַכט אין האָטעל אַריין.

דער גראַף האָט שווייגנדיק אַ שמייכל געטון.

— נו, צו וועמען ווי צו וועמען, צו מיר אָבער וועט ער נישט קומען, — האָט זיך אין שמועס אַריינגעמישט טריאַפּיצין און אויפגעהייבן זיין ריזיקן פעטן קולאַק.

שערעמעטיעוו האָט זיך צו אים אויסגעדרייט.

— און באמת, וואָס וואָלט איר מיט אים געטון, ווען ער קומט צו אייך?

טריאַפּיצין האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען.

— ביי מיר אויפן שטול נעבן בעט ליגט שטענדיק אַן אָנגעלאָדענער ברוינינג. איך שיס אויסגעצייכנט, אין אַ פליג

אויף דער וואַנט וועל איך טרעפֿן. און אויב טווערדאָווסקי וועט שוין דערגיין צו דער חוצפּה אָנצופֿאַלן אויף מיר, וועל איך אים דעם קאָפּ דורכשיסן.

— ווען אַלע וואָלטן געווען אַזעלכע העלדישע און אַנטשלאָסענע מענטשן, ווי איר, וואָלט בכּלל קיין רויבערייען נישט געווען, — האָט פֿאַרטראַכט געזאָגט שערעמעטיעוו, פֿונאַנדערלייגנדיק אין האַנט די דערהאַלטענע קאָרטן.

— אויף וואָס איך קאָן מיך נאָר באַקלאָגן, נאָר נישט אויף פּחדנות, — האָט שטאָלץ געזאָגט טריאַפּיצין.

ביז דריי אַזייגער פֿאַרטאָג זייגען זיך די געסט פֿונאַנדערגעפֿאָרן. טריאַפּיצין האָט באַגלייט דעם גראַף ביז צום גאַנעק.

— אַ גוטע נאַכט. זאָל זיך אייך נישט חלומען טווערדאָווסקי, — האָט ער געווונטשן דעם גראַף ביים געזעגענען זיך.

— איך ווינטש אייך דאָסזעלבע, — האָט געענטפֿערט דער גראַף.

קומענדיק צופֿאָרן אין האָטעל, האָט שערעמעטיעוו, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם מונדיר, זיך אַ וואָרף געטון אויף דער קאַנאַפּע און איז מאָמענטאַל שטאַרק איינגעשלאָפֿן. טריאַפּיצין האָט אָפּגעגעבן דער דינערשאַפֿט די לעצטע פֿאַראָרדענונגען און איז אויך אַוועק צו זיך אין קאַבינעט שלאָפֿן. געשלאָפֿן איז ער אומרויק. אינמיטן נאַכט האָט זיך אים ווי געחלומט דער גראַף אין זיין גלאַנצנדיקן הוזאַרן־מונדיר. ער האָט איבערגעשאָטן פֿון איין האַנט אין דער צווייטער גאָלדענע מטבעות און געלאַכט. „אָט האָב איך אָפּגעווונען ביי אייערע פּריצים, דאָס גאַנצע געלט צוגענומען, פֿיינער ווי טווערדאָווסקי", — האָט גערעדט דער גראַף און זיך געדרייט אין וואַלס. ער האָט געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט געלט און מיט דער לינקער אַרומגענומען די הויקערדיקע איוואַניצקאַיאַ. דער חלום איז געווען אַזוי בולט, אַז טריאַפּיצין האָט זיך איבערגעדרייט און אויסגעווישט די אויגן, דער גראַף איז אָבער נישט פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ער איז אַלץ אַזוי געשטאַנען אין מונדיר און געלאַכט, קוקנדיק אויף טריאַפּיצינען.

— טפֿוי, אַ טייוולשער גייסט! צופֿיל געטרונקען שאַמפּאַ-

נער, — האָט טריאַפּיצין געטראַכט. ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט, און ווי־ דער אַנטשלאָפן געוואָרן.

די ראָזע ווינטער-זון איז שוין געשטאַנען הויך און גע־ קוקט אין די ברייטע פענצטער פון קאַבינעט, ווען טריאַפּיצין האָט געעפנט די אויגן. ער האָט אַ קראַץ געטון דעם בויך, זיך איבערגעדרייט, זיך אויפגעזעצט אויפן בעט און פּלוצלונג האָבן זיינע אויגן, ווי צוגעשמידטע, זיך אָפּגעשטעלט אויפן שטול, וווּ ס׳פלעגט ליגן דער ברויניגג.

אַנשטאָט דעם ברויניגג האָט ער דערזען אַ קינדערשן פּראָפּן-פּיסטאָלעט און נעבן אים אַ צעטל. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געכאַפּט דעם צעטל, אויפגעעפנט און איבערגעלייענט:

„אַ באַרימער איז גוט צו שמייסן״.

טריאַפּיצין האָט אַוועקגעשליידערט דעם צעטל, ווי אַ גיפ־ טיקע שלאַנג, און איז אויפגעשפּרונגען. זיין קוק איז געפאַלן אויף דער וואַנט פון קאַבינעט, וווּ אויפן טייערן טעפּיך, אַ מתּנה פון פּערסישן שאַך, איז געהאָנגען אַ שווערד, אַ באַשאָ־ טענע מיט בריליאַנטן, אַ מתּנה פון אַ צווייטן מזרחדיקן הער־ שער, פון בוכאַרער עמיר. נישט די שווערד, נישט דער טע־ פּיך זיינען נישט געווען. טריאַפּיצין האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ, זיך גענומען שליידערן אַהער, אַהין, זיך אַ וואָרף געטון צו די הויזן, וואָס זיינען געלעגן נעבן דער קאַנאַפּע, שנעל זיי אָנגעטון און גענומען צוקנעפּלען.

די פינגער האָבן בשום אופן נישט געקאָנט אָנטאַפּן קיין קנעפּלעך. טריאַפּיצין האָט פון פאַרדרוס זיך אויסגעזידלט און דערזען, אַז אַלע קנעפּלעך ביי די הויזן זיינען גלאַט אָפּגע־ שניטן. ער האָט אַ שליידער געטון די הויזן אָן דער ערד און צוגעלאָפן צום שאַנק נאָך אַנדערע. ווי גרויס איז אָבער גע־ ווען זיין שרעק, ווען ער האָט דערזען, אַז אַלע זיינע איבע־ ריקע הויזן זיינען פּונקט אויף אַזאַ אופן אויך באַפרייט פון די קנעפּלעך. ער האָט גענומען וואָיען פון כּעס.

## קאפיטל צען

# דריי איינפאַלן

טריאַפּיציִנס געשיכטע האָט אָנגעמאַכט אַ רעש שוין נישט נאָר אין דער גובערניע אַליין. נאָך טריאַפּיצינס בריוו צו זיין שווער, אַ דירעקטאָר פון איינעם פון די דעפּאַרטאַמענטן, האָט די מאַכט אין פּעטערבורג זיך פאַראינטערעסירט מיטן „רוי־בער". טריאַפּיצין האָט נישט געקאָרגט קיין פאַרבן אינם בריוו און לסוף זיך באַקלאָגט אויף דער אומטעטיקייט פון גובערנאַ־טאָר און פון די איבעריקע גובערניאַלע אינסטאַנצן, — אַדאַנק וועמען טווערדאָווסקי האָט מיט יעדן טאָג פאַרברייטערט דעם ראַיאָן פון זיינע אָפּעראַציעס און אויסגעפירט איינעם נאָכן אַנדערן אומזיניק דרייסטע אָנפאַלן.

פון אינערן־מיניסטעריום איז געפלויגן אַ שטרענגע דע־פּעשע צום גובערנאַטאָר צו פאַרענדיקן טווערדאָווסקיס אַוואַנ־טורעס! דער גובערנאַטאָר, אונטער וועמען ס'האָט אַ טרייסל געטון זיין גובערנאַטאָרישער פאָטעל, האָט פון זיין זייט אויס־געלאָזט דעם כעס צום פּאָליצמייסטער.

— איך גיב אייך צוויי וואָכן צייט, אויב איר וועט נישט זיין בכוח צו ליקווידירן דעמדאָזיקן חוצפּהדיקן באַנדיט — טאָ גיט זיך אָפּ אין דעמיסיע! איך דאַרף נישט קיין אומ־אַנטשלאָסענע און לאַנגזאַמע באַאַמטע.

דער פּאָליצמייסטער איז אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ, און צומאָרגנס האָט זיך צום גובערנאַטאָר געמאָלדן דער פּריסטאַוו פון צווייטן באַצירק, לויט דער אָפּשטאַמונג אַ טשע־טשענער (קאַווקאַזער שבט) כאַדזשי־אַגאַ און געבעטן דעם גו־בערנאַטאָר אויסהערן אים במשך פינף מינוט. דאָס, וועגן וואָס

זיי האָבן געשמועסט, איז געבליבן אַ סוד, דעם גובערנאַטאָרס לאַקיי האָט נאָר געהערט, ווי, אַרויסבאַגלייטנדיק דעם פּריסטאַוו פון קאַבינעט אַרויס, האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט:

— זאָגט דעם פּאָליצמייסטער, אַז לויט מיין באַפעל דאַרף מען איבערגעבן אין אייער רשות אי באַוואָפנטע לייט אי מיטלען, וויפל ס'וועט נויטיק זיין. און איך וועל איבער-רעדן מיטן נאַטשאַלניק פון דער זשאַנדאַרמען-פאַרוואַלטונג.

כאַדזשי-אַגאַ האָט זיך פאַרנויגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

ס'איז פאַרביי אייניקע טעג. טווערדאָווסקי האָט גערוט מיט די חברהלייט אין וואַלד נאָך אַ ווייטערדיקן אָנפאַל אויפן גוט פון דייטשישן קאָלאָניסט האַרוואַרדט. איוואַנישין איז אַוועק אין שטאָט, ווי געוויינלעך, אויסשפּירן, אַ שמעק טון, וואָס ס'הערט זיך. אין אַ שטילן פּראָסטיקן אָוונט האָט ער זיך אומ-געקערט און איז אַריין אין אַטאַמאַנס שטיבעלע מיט אַ פארדאגהטן פּנים. טווערדאָווסקי האָט פריילעך באַגעגנט זיין געהילף.

— וואָס אַזוי לאַנג? איך האָב זיך שוין געשראָקן, אַז מ'האָט דיך געכאַפּט.

איוואַנישין האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אָפּוויקלענ-דיק דעם באַשליק.

— ניין, איוואַן. מיך האָט מען נישט געכאַפּט. נאָר אויף דיר קלויבט זיך נישט קיין פּוסטער שטורעם.

טווערדאָווסקי האָט מיט פאַראַכטונג אַ שמייכל געטון. אַנטאָנינאַ האָט אַרייגעשטאָכן די נאָדל אין טווערדאָווסקיס בלוזע, וואָס איז געלעגן ביי איר אויף די קני, און אומרויק אַ קוק געטון אויף איוואַנישינען.

—דאָסמאָל האָבן זיי עס גוט פאַרטראַכט! אַ גליק, וואָס איך בין דערגאַנגען, אַנדערש וואָלט געווען שלעכט...

— וואָס איז דען?

— זעסט, אויף דיך האָט זיך פאַרנומען דער פּריסטאַוו כאַדזשי-אַגאַ בכבודו ובעצמו. אַ פאַרשאָלטענער טשעטשעק, צווישן אונז גערעדט, איז ער אי מוטיק, אי ער האָט אַ קאָפּ אויף די אַקסלען. דאָס האָט ער אויסגעטראַכט. זיי וועלן

פונאַנדערלאָזן אַ קלאַנג, אַז די קומענדיקע וואָך וועט מען פירן רעגירונג-געלטער אין קרייז-באַנק. הונדערט טויזנט. און אָן אַ שמירה. נאָר דער קאַסיר, אַ שומר און אַ קוטשער. באמת וועלן זיי כמעט אַ גאַנצן פאָלק פאַרשטעקן אויפן גאַנצן וועג. נו און ווי נאָר מיר וועלן אָנלויפן, וועלן אונדז פון אַלע זייטן אַרומרינגלען זעלנער און מיר זיינען פאַרפאַלן. אָט, אַ רוח אין זייער מאַמען אַריין; ווען דער סטראַזשניק פעדאָר וואָלט זיך נישט אויסגערעט, וואָלטן מיר זיכער אַריינגעפאַלן.

טוורדאָווסקי האָט זיך פאַרטראַכט.

— יאָ, אַ נישקשהדיקער איינפאַל, — האָט ער געזאָגט, קנייטשנדיק דעם שטערן: — זיכער, איך וואָלט נישט געלאָזט דידאָזיקע הונדערט טויזנט דורכפירן בשלום. ס'קאָן זיין, מיר וואָלטן זיך נישט געלאָזט כאַפּן, מיר וואָלטן אָבער פאַרלוירן מענטשן. זאָגסטו, אַז כאַדזשי-אַגאַ האָט זיך צו מיר גענומען? גוט! כ'האָב ליב מוטיקע שונאים. נו, וועלן מיר זען, העך פּריסטאַוו, ווער ס'וועט זיין שטאַרקער.

ער האָט זיך פאַרטראַכט. איוואַנישין און אַנטאָנינאַ האָבן אומרויק אויף אים געקוקט. ענדלעך איז ער אויפגעשטאַנען און אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אָן טיש.

— אָט וואָס, אַנטאָנינאַ, גרייט זיך צו! מאָרגן וועסטו מיט איוואַנישינען פאָרן אין שטאָט אַריין און וועסט דאָרט וווינען אַ געוויסע צייט.

אַנטאָנינאַ איז רויט געוואָרן.

— דו מיינסט, אַז כ'וועל קאָנען דיך פאַרלאָזן אין אַזאַ מאָמענט? פאַר וועמען האַלסטו מיך?

— מאַך זיך נישט נאַריש, ווייבעלע, — האָט געזאָגט טוורדאָווסקי, צערטלעך גלעטנדיק זי איבערן אַקסל: — דו וועסט מיך לחלוטין נישט אַוועקוואַרפן, פאַרקערט, וועסט מיר נאָך טון אַ גרויסע טובה. צו וועסט זיין די ווענטקע, אויף וועלכער מיר וועלן כאַפּן דעם מוטיקן טשעטשען. ער באַרימט זיך, אַז ער וועט מיך ברענגען צופירן צום גובערנאַטאָר, און איך קלער, אַז גיכער וועט ער זיין ביי אונז אַ גאַסט אין

וואַלד. דו וועסט פאָרן מיט איוואַנישינען און וועסט דינגען אַ דירה אין שטאָט, און דערווייל וועלן מיר פאַרשפרייטן אַ קלאַנג, אַז דאָס איז מיין קאָנספּיראַטיווע דירה אין שטאָט, און וועלן אַפילו באַשטימען אַ טאָג, ווען איך וועל קומען צו־פאָרן. דאָרט וועלן מיר אַ שמועס טון מיט כאַדזשי־אַגאַ.

— מ׳דאַרף נישט, וואַניאַ, — האָט אויסגעשריען אַנטאָניני־נאַ, זיך צוטולענדיק צו אים: — צוואָס גייסטו אַליין אויף אַ געפאַר?

— נאַרישקייטן, — האָט געענטפערט טווערדאָווסקי: — געפאַר איז אומעטום. און אַזוי אַרום, מיין איך, וועט מען מיך אויף אַ לאַנגע צייט לאָזן צורו. איך האָב אַ קליינעם פּלאַן, נאָר דערווייל איז דאָס נאָך אַ סוד. הכלל, קלויב זיך צונויף און מאָרגן וועסטו פאָרן.

אינדערפרי זיינען איוואַנישין מיט אַנטאָנינאַך אַרויסגע־פאָרן אויף אַ קליין וועגעלע אין שטאָט אַריין. זיי האָבן בשלום דערגרייכט צו דער שטאָט און, נישט לאַנג זוכנדיג, האָבן זיי ביים עק שטאָט געדונגען אַ קליין הייזל פון דריי צימערן. איבערלאָזנדיק אַנטאָנינאַן אין דער נייער דירה, איז איוואַנישין אין דערזעלבער נאַכט צוריק אָפּגעפאָרן.

דעמזעלבן אָוונט האָט אין שטאָט, אין דעם קאַבינעט פון זשאַנדאַרמען־פּולקאָווניק, לאַנג נאָך האַלבע נאַכט געברענט פיי־ער, און ביים טיש, רויכערנדיק און טרינקענדיק קאַווע מיט ליקער, האָבן זיך מישב געווען דער זשאַנדאַרם מיט כאַדזשי־אַגאַ.

— איך מוז באַמערקן, אַז איר האָט דאָס זייער פיין אויס־געטראַכט, געערטער, — האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרם, אַרויס־לאָזנדיק דעם שמעקעוודיקן רויך פון ציגאַר: — איך בין צו־פרידן צו טרעפן אַזאַ זאַכלעכן און מוטיקן מיטאַרבעטער. אויב דאָס וועט זיך איינגעבן, וועל איך זיך משתדל זיין וועגן אי־בערפירן אייך אין זשאַנדאַרמען־קאָרפּוס. ביי אונדז וועט איר קאָנען מאַכן אַ קאַריערע, אין דער פּאָליציי אָבער וועט איר פאַרטריקנט ווערן.

— איך וועל אייך זיין אויסערגעוויינלעך דאַנקבאַר,—האָט

געענטפערט דער געשמייכלטער כאַדזשי-אַגאַ, שוין פאַר־שטעלנדיק זיך, ווי ס׳ליגט אויף אים דער גראַנאַט-מונדיר מיט די בלענדענדיק-ווייסע אַקסלבענדער.

— דאַנקט נישט. מיר דאַרפן העלדן-מוטיקע דינער פון טראָן און פאָטערלאַנד, — האָט פייערלעך געזאָגט דער גובער־נאַטאָר און צוגעגעבן: — מ׳דאַרף תּיכף פאַראָרדענען, אַז מ׳זאָל דאָרט אַלץ צוגרייטן.

ער איז אויפגעשטאַנען און אָנגעקלונגען. אויפ׳ן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ וואַכמייסטער מיט לאַנגע וואָנסעס.

— נעם דעם פּאַקעט, — האָט אים געזאָגט דער פאָלקאָוו־ניק, — און גיב עס תּיכף אָפּ אָפּצופירן מיט אַן אָרדינאַנס אין טורמע אַריין!

— ס׳איז פאַראָרדנט געוואָרן תּיכף אָפּשיקן דעם פּאַקעט מיט אַן אָרדינאַנס, — האָט אָפּגעראַפּאָרטירט דער וואַכמייסטער, צוגענומען דעם פּאַקעט, און, אַ קלונג געטון האַמטיק מיט די שפּאָרן, איז ער אַרויסגעגאַנגען.

— נו, און איצט צוליב דעם געלונגענעם אָנהייב, — האָט געזאָגט דער פאָלקאָווניק, — אפשר זאָלן מיר צופאָרן אין שאַ־טאָ-דע-פלער? מ׳זאָגט, נייע זינגערינס זיינען פאַראַן. ווי מיינט איהר מכּוח דעם?

— מיט פאַרגעניגן, — האָט געענטפערט דער פּריסטאַוו, פילנדיק זיך געשמייכלט דורך דעם פאָלקאָווניקס פאַרטרויקייט.

זיי זיינען אַרויס אויפן גאַנעק. איבערן שטאָט איז געלעגן אַן אויסגעשטערנטע ווינטער-נאַכט, אַ ליכטיקע און שטילע. דעם פאָלקאָווניקס פערד, וואָס זיינען געפרוירן געוואָרן וואַרטנדיק ביים גאַנעק, האָבן אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט די פיס, און די אייזנס פונם שליטן האָבן געסקריפּעט אין דעם שניי.

— וואָס פאַראַ שטילע נאַכט! — האָט אַרויסגערעדט דער פאָלקאָווניק, איינגעזעצט זיך אין שליטן און פאַרשטעקט די פאָלע.

דער דאָזיקער נאַכט איז אָבער נישט באַשערט געווען צו בלייבן שטיל.

אַרום דריי אַזייגער האָט דער וואַך-זעלנער אין דרויסן

ביי דער וואַנט פון דער צענטראַלער טורמע באַמערקט, ווי אויף איר שפּיץ האָט זיך באַוויזן אַ מענטשנס שאָטן. דער וואַך-זעלנער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעשריען. אָנשטאָט אַן ענטפער איז דער שאָטן אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַנט צוויי טריט נעבן דעם וואַך-זעלנער, אומגעפאַלן אין שניי, דערנאָך אויפגעשפּרונגען און גענומען לויפן. ערשט ווען דער שאָטן האָט זיך פאַרקערעוועט הינטערן ווינקל פון גאַס, האָט דער וואַך-זעלנער אָנגעהייבן צו שיסן. דער שאָטן איז אָבער אומגעשטערט פאַרשווונדן געוואָרן הינטערן ווינקל, ווו ער האָט געטראָפן אַ פאַרשפּעטיקטע קאַרעטע. דער שאָטן איז אַריינגעשפּרונגען אין דער קאַרעטע און איז שנעל אָפּגעפאָרן.

אין דער טורמע האָט אויפגערודערט. ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַן אייליקע קאָנטראָלע פון די אַרעסטאַנטן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דורך איבערזעגן די אייזערנע פאַרצוימונג פון קאַמער איז צום פערטן מאָל אַנטלאָפן דער קאַטאָרזשניק שמאַטש.

# קאַפּיטל עלף

## אַ נייער חברהמאַן

דער אַנטלאָפּענער שמאַטש איז אין דער קאַרעטע שנעל דורכגעפאָרן דורך דער גאַנצער שטאָט ביזן צווייטן עק. ביים בריק איבערן טייך איז ער אַרויס פון דער קאַרעטע און, איינ־וויקלענדיק זיך פעסטער אין זיין אַרעסטאַנטן־כאַלאַט, האָט ער זיך געלאָזט איבערן טייך צופוס, גייענדיק נאָך די סימנים, וואָס האָבן באַצייכנט אַ שטעגל. אַריבערגייענדיק אויפן אַנדערן ברעג, האָט ער זיך געפונען אין אַ הינטערשטאָטישן דערפל, וואָס האָט געשמט אַלס נעסט פון גנבים און מקום מקלט פאַר אַלערליי פאַרדאַכטיקע עלעמענטן. דורכגייענדיק אַ שמאָל קרום געסל, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ קרום־בייכיקער כאַטע און פאַר־זיכטיק אייניקע מאָל אָנגעקלאַפט אין דער פאַרקלעפטער שויב פונם פענצטער. ענדלעך, האָט הינטערן שויב זיך אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, און אַ גראָבער, הייזעריקער קול האָט אַ פרעג געטון:

— וועמען טראָגט דער טייוול?

— סאָנקאָ, דאָס בין איך, שמאַטש, — האָט געענטפערט דער אַנטלאָפענער.

אין דער כאַטע האָט זיך דערהערט אַן איבערראַשטער אויסגעשריי, די טיר האָט זיך געעפנט, און אין פאָדערהויז האָט זיך באַוויזן מיט אַ ליכט אין האַנט אַ צעשויבערטע גראָבע נקבה מיט אַ געשוואָלענעם פנים.

— לוקיאַן? ווי אַזוי? פונוואַנען קומסטו? צי איז דאָס נישט קיין חלום?

— ווי דו זעסט, — נישט קיין חלום. רייב אויס די קו־

קערס, — האָט געענטפערט שמאַטש, אַריינקומענדיק אין כאַ־טע: — בראָנפן איז פאַראַן? גיס אָן אַ גלאָז, כ׳דאַרף זיך אָנ־וואַרעמען. דערפרוירן געוואָרן ווי אַ הונט.

די פרוי האָט אים אַריינגעפירט אין שטוב אַריין. ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ בענקל נעבן טיש און זיך אַוועקגעזעצט, פונאַנדערריַיבנדיק די פאַרשטאַרטע הענט.

— פרעגל־אָפּ אַ פיינקוכן. כ׳וויל אויך עפּעס פרעסן.

סאָנקאַ, וועלכע איז נאָך נישט געקומען צו זיך פאַר אי־בערראַשונג, האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז בראָנפן. שמאַטש האָט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען און אַוועקגעשטעלט די גלאָז אויפן טיש.

— ווי אַזוי ביסטו דאָס פון טורמע אַרויס? — האָט גע־פרעגט סאָנקע, זיך פאָרענדיק מיטן פיינקוכן: — נישט שוין זשע אַנטלאָפן?

— זעסט דאָך...

— איך זע, איך גלויב אָבער נישט מיינע אויגן. פון צענטראַל אַנטלויפן, ווי אַזוי איז מעגלעך?

— פאַרשטום! — האָט געזאָגט שמאַטש. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, און שווייגנדיק דערלאַנגט דעם פיינקוכן. ער האָט שנעל געשלונגען, אָפּרייסנדיק מיט די ציין ברויט פון אַ גרויסן פּענעץ.

נישט קאָנענדיק זיך איינהאַלטן, האָט סאָנקאַ געפרעגט:

— וווהין לאָזט דו זיך איצט?

— צו טווערדאָווסקין, — פאַרשטיקט, דורך אַ פולן מויל מיט עסן, האָט ער אַ זאָג געטון: — אַ גוטער אַטאַמאַן, — און אויף דעם קאַטאָרזשניקס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. ער האָט אָפּגעווישט דעם מויל מיטן האַנט. סאָנקאַ האָט אים געוואָלט נאָך וואָס עס איז פרעגן, ער איז אָבער אויפגעשטאַ־נען און אַ גענעץ געטון.

— גענוג! קום אין שלאָפצימער. כ׳בין שוין לאַנג אָן אַ נקבה.

סאָנקאַ האָט אונטערטעניק זיך אויסגעדרייט און אַריין אין דער הינטערשטער שטוב, באַלייכטנדיק דעם וועג איר דעה־זאָ־

גער. אינדערפרי האָט שמאַטש, אָפּגעראַזירט און איבערגעטון אין פּויעריש אָנטועכץ, זיך געזעגנט מיט סאָנקאָן.

— נאַ, קויף דיר עפּעס, — האָט ער געזאָגט, אַרויסנע־מענדיק פון לעדערנעם גאַרטל אַ גאָלדשטיקל. זי האָט פאַרקוקט איבער זיין האַנט און דערזען, אַז דער גאַרטל איז פול אָנגע־שטאָפּט מיט פינפרובלשטיקן.

— פונוואַנען האָסטו אַזוי פיל געלט? — האָט זי געפרעגט. שמאַטש האָט זי אָבער גראָב אַ שטופּ געטון מיטן פוס.

— געגאַנגען! נישט דיין זאַך.

ער האָט אָנגעטון דאָס היטל און איז אַרויסגעגאַנגען. שוין אָוונטצייט האָט ער זיך דערנענטערט צום וואַלד און זיך גלייך פאַרטיפט אין נאָר אים אַליין באַקאַנטע וועגלעך. ס׳איז געוואָרן פינצטער, ער איז אָבער אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען, מיט קע־צישער פאַרזיכטיקייט. שוין אינדערפרי, נאָך אַן אומאויפהער־לעכן זעכצנשעהיקן מאַרש, איז ער אַרויס אויף אַ קליינע וואַלד־לאָנקע, אַדורכגעשפּרייזט זי און געוואָלט זיך ווייטער באַהאַלטן אין דער וואַלד־געדיכטעניש, האָט זיך אָבער פון הינטער די קוסטעס באַוויזן אַנטקעגן אים אַ מענטש אין אַ פעלץ מיט אַ ביקס.

— שטיי; — האָט אַ זאָג געטון דער מענטש. — פונוואַ־נען גייסטו?

שמאַטש האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַ וואָרף טון אַנטלויפן. דער מענטש האָט אָנגעצילט אויף אים דעם ביקס.

— שטיי! זאָג איך! אָדער איך וועל דיך פאַריאָגן הינטער דער פעל אַ מתּנה.

שמאַטש איז געבליבן שטיין אויפן אָרט און, זיך איינ־קוקנדיק אינם מענטשן, האָט ער מיט אַ דערשראָקענעם און ציטערדיקן קול געפרעגט:

— דו ביסט נישט אַמאָל אַ... פּאָליציאַנט?

דער מענטש האָט אַ שמייכל געטון.

— אויב דו דאַרפסט אַ פּאָליציאַנט, האָסטו נישט גוט געטראָפן, קום נאָך מיר!

שמאַטש איז אָן ווידערשטאַנד אים נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַן אויסגעטראָטענע אין שניי שטעגל צווישן די יאָדלעבוימער און זיינען אַרויסגעקומען אויף אַ בערגל. שמאַטש האָט דערזען אַ קליין הילצערן שטיבל און אַ פריש-אויסגעבויט ערדהייזל. דערנעבן האָבן צוויי מענטשן געהאַקט האָלץ. דער, וואָס האָט געבראַכט צופירן שמאַטשן, האָט צו זיי געזאָגט: — היטס אים, ביז איך וועל זאָגן דעם אַטאַמאַן, — און איז פאַרשוווּנדן אין שטיבל. ביידע האָלצהעקער האָבן מיט חשד באַטראַכט שמאַטשן, האַלטנדיק אין דער גרייט די העק. ענדלעך האָט זיך געעפנט די טיר פונם הייזל, און אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן טווערדאָווסקי אין דער באַגלייטונג פונם ערשטן חברהמאַן. ער איז צוגעגאַנגען זייער נאָנט צו שמאַטשן.

— ווער ביסטו? — האָט ער האַסטיק געפרעגט, איינקוקנדיק זיך אין שמאַטשס פנים.

— אַן אַנטלאָפענער, — האָט האַרט געענטפערט שמאַטש: — געכטן ביינאַכט אַנטלאָפן פון צענטראַל.

— און וווּהין ביסטו געגאַנגען?

— וווּהין די אויגן טראָגן. ס'איז דאָך נאָך פאַראַן גוטע מענטשן אויף דער וועלט. כ'וועל מיך ווי ס'איז אויסבאַהאַלטן.

טווערדאָווסקי האָט נאָך אויפמערקזאַמער אַ קוק געטון אויף אים.

— ס'איז מיר עפעס קאָנטיק דיין קול! כ'האָב דיך ווו עס איז געזען.

— נישט אַנדערש ווי איך האָב אייך אויך באַגעגנט, — האָט געזאָגט שמאַטש, פונאַנדערשווימענדיק זיך אין אַ שמייכל: — איר זענט דאָך טווערדאָווסקי? און איך בין שמאַטש. איר געדענקט, ווי איר האָט מיר די האַנט צוגעקוועטשט? אָט, ווו ס'איז אויסגעקומען זיך זען.

— נו, יאָ, זיכער. איצט האָב איך דיך אויך דערקאָנט. נו, איז וואָס, די אַלטע עבירות געדענק איך נישט. זיי אַ גאַסט, וועסט אָפּעסן, אָפּטרינקען, און דערנאָך וועל איך דיר העלפן מיט געלט און לויף, וווּהין דו ווילסט.

שמאַטש האָט פּ'וצלונג אַראָפּגענומען דאָס היטל.

— איך האָב צו דיר אַ בקשה, אַטאַמאַן.

— וואָס פאַראַ?

— אויב דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל צו דיר פאַרבלאָנדזשען, טאָ דערלויב מיר בײַ דיר צו בלײַבן. וועסט נישט חרטה האָבן, כ'וועל דיר זײַן אַ טרײַער קנעכט.

טווערדאָווסקי האָט זיך אָנגעוואָלקנט.

— ס'איז מיר שווער דיך צו נעמען. דו ביסט אַ קרימינעלער. אַ מערדער. און איך האָב צו טון מיט פּאָליטיק. מיר פאַרגיסן נישט קיין בלוט, קיין געלט פאַר זיך נעמען מיר נישט. דו, ברודער, קאָנסט אונז פאַרשאַפן בזיונות.

— זײַ מוחל, אַטאַמאַן, האָט זיך אײַנגעבעטן שמאַטש:— קיין מעסער אין האַנט וועל איך נישט נעמען. און אויב איך וועל נהגה זײַן כאָטש איין גראָשן — זאָלסטו מיך אויפהענגען. נישט פון ווילטאָג בין איך געוואָרן אַ מערדער און אַ רויבער.

— נו, גוט,— האָט אומאַנטשלאָסן געזאָגט טווערדאָווסקי:— כ'וועל דיך נעמען אויף אַ פּרווו. נאָר געדענק, אויב נאָר עפּעס— איז אַ קויל אין קאָפּ. בײַ אונז איז קורץ און שאַרף.

— זײַ רויק, אַטאַמאַן, וועסט אויף מיר זיך נישט באַקלאָגן.

— גוט, גיי. חברה, מאַכט אים אַן אָרט אין דעם ערדהייזל — האָט טווערדאָווסקי געזאָגט, אַוועקגייענדיק.

די חברהלײַט האָבן אָפּגעפירט שמאַשטשן אין ערדהייזל אַרײַן.

בײַנאַכט בײַ דער שײַן פון אַ ליכט איז אין הילצערנעם הייזל בײַם טיש געזעסן איוואַנישין און, פאַרקוועטשנדיק די ליפּן, האָט ער געשריבן אונטער טווערדאָווסקיס פאַרזאָגן. פון נישט-געוווינטקייט צו שרײַבן האָט איבער זײַן פּנים געשטראָמט שווייס, און די האַנט האָט געציטערט, אויספירנדיק אויפן פּאַפּיר שרעקלעכע דריידלעך און דרענגער.

ער האָט אַוועקגעלייגט די פעדער און אַראָפּגעוואָרפן דאָס פעלצל.

— טפוי, זיך אָנגעמאַטערט, — האָט ער אַרויסגעקרעכצט, זיך אַרומווישנדיק: — גייט עס צום טייוול, די גאַנצע שרײַבעניש!

— נישקשה. נישט קיין פּאַך געבליבן, — האָט זיך פֿו־נאַנדערגעלאַכט טווערדאָווסקי.

ווען ס'איז פֿאַרגעזאָגט געוואָרן דער לעצטער זאַץ, און איוואַנישין איז שוין געווען נאַס, ווי נאָר־וואָס אַרויסגעקראָכן פֿון באָד, האָט טווערדאָווסקי ביי אים צוגענומען דאָס בלעטל און איבערגעלייענט:

„זיין הויכוווילגעבוירן, דעם הער פּריסטאַוו כאַדזשי־אַגאַ. אייער הויכוווילגעבוירן, דערלויבט צו פֿאַרדינען אייער חסד. איך, וואָס בין איינער פֿון טווערדאָווסקיס חברה, איז אַזוי ווי ער האָט מיך שטאַרק באַליידיקט, און וועלנדיק אָן אים נקמה־נעמען און זיך פֿאַרדינען דעם חסד פֿון אייער הויכוווילגעבוירן און פֿון דעם קייסער, אונזער פֿאָטער, מעלד איך אייך, אַז דער אַטאַמאַן טווערדאָווסקי, פֿאַרברעכער און גזלן, קומט אין שטאָט צו זיין געליבטער יעדע וואָך. היינטיקע וואָך וועט ער זיין פֿרייטיק פֿאַרנאַכט און וועט קומען אַליין, אָן קיינעם, און נאָר מיט זיין געליבטער אין איר כאַטע אויף דער טאָל־גאַס, אין הויז פֿון יצחק גוטמאַן. דאָרט וועט מען אים מיטאַמאָל קאָנען כאַפּן. פֿאַרגעסט נישט זיך אָננעמען פֿאַר מיר, אייער הויכוווילגעבוירן, און אַז איר וועט כאַפּן דעם אַטאַמאַן, וועל איך זיך מעלדן צו אייך...״

— גוט אָנגעשריבן, — האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט טווער־דאָווסקי: — אַזוי אָנגעשריבן, אַז אים וועט אין קאָפּ נישט אַריין קיין חשד. נו, פֿיין. שרייב־אָן אַ קאָנווערט און ביינאַכט וועסטו אַוועקפֿירן.

איוואַנישין האָט אָנגעשריבן אַ קאָנווערט און האָט פֿאַר־קלעפּט, פֿונאַנדערשמירנדיק מיט די פֿינגער די גומאַראַביק און די בלאָטע איבער דער גאַנצער הינטערשטער זייט פֿון קאָנווערט.

— ס'וועט זיין גוט, — האָט ער געזאָגט, אַריינלייגנדיק דעם קאָנווערט אונטער דער פּאַפּאַכע (הויכע פֿוטערנע היטל).

— וואַרט־צו, — האָט אים אָפּגעשטעלט טווערדאָווסקי: — דו האָסט געזען דעם נייעם חברה־מאַן, שמאַטשן?

— כ'האָב געזען, — האָט געענטפֿערט איוואַנישין.

— נו, ווי קלערסטו, וועט פון אים זיין אַ נוץ?

— פאַרוואָס נישט? אַ בחור איז ער אַ פעסטער. אויב אָבער ער וועט אָנהייבן זיך נאַריש מאַכן, — וועלן מיר אים תיכּף איינעמען.

— אָט וואָס, — האָט געזאָגט טווערדאָווסקי: — פרייטיק, כּל־זמן מיר וועלן זיין אין שטאָט, זאָג־אָן פּאַוועלן און קירילן, אַז זיי זאָלן אויף אים אַכטונג געבן. ער איז דאָך אַן אַלטער קרימינעלער, ער קאָן וואָס עס איז אָנבראָיען.

— גוט, כ'וועל אָנזאָגן. כ'קלער אָבער, אַז זיין קאָפּ איז אים טייערער.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אינדערפרי האָט דער פּריסטאַוו כאַדזשי־אַגאַ, אַרויסגייענדיק פון שטוב, געפונען אין דער שפּאַרע פון דער טיר אַ ברודיקן און פאַרשמירטן קאָנווערט. ער האָט נערוועז אים אַ כאַפּ געטון, אויפגעחתמעט און אַ פייף געטון. זיין ערשטע באַוועגונג איז געווען צו לויפן צום זשאַנדאַרמען פאָלקאָווניק, אָפּגייענדיק אָבער פון גאַנעק אייניקע טריט, איז ער געבליבן שטיין און זיך פאַרטראַכט. דערציילן? צו וואָס זיך טיילן מיט אַזאַ גליק? דער פאָלקאָווניק וועט זיך צושרייבן דעם גאַנצן כּבוד פון כאַפּן דעם גזלן. און דעם פּריסטאַוו וועט בלייבן שיריים. ניין, ער וועט אַליין כאַפּן טווערדאָווסקין. אָט וועט זיין אַ געשיכטע! וועגן אים וועט מען זיך דערוויסן אין פּעטערבורג, מ'וועט אים אַריבערפירן אין הויפּשטאָט, ס'וועלן זיך אַ שיט־טון אויסצייכענונגען. כאַדזשי־אַגאַ האָט באַהאַלטן דעם קאָנווערט אין טאַש. קומענדיק אין פּאָליציי־באַצירק, האָט ער געשיקט צוויי איבערגעטועטע פּאָליציאַנטן אויף דער טאָל־גאַס, אַכטונג געבן אויף יצחק גוטמאַנס הויז, און חוצדעם האָט ער אויסגעקליבן גאָך דריי פון די שטאַרקסטע און זיי באַפוילן אויף קיין מינוט נישט אַוועקגיין פון פּאָליציי־באַצירק.

## קאַפּיטל צוועלף

# אַ שלעכטער שלום איז בעסער פון אַ גוטער מחלוקת

כאַדזשי-אַגאַ האָט קוים זיך דערוואַרט די נאַכט. אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, געענטפערט אויף פראַגן קינדער-ווידער און געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פאַר-שיכורטן אָדער אַ נישט-אויסגעשלאָפענעם. זיינע חלומות זיינען זיך פונאַנדערגעוואָקסן ווי אַ פרעכטיקע בלום. ער האָט זיך שוין געזען, ווי ער שטייט אינמיטן נעווסקי פּראָספּעקט אַלס פּריסטאַוו פונם קייזערלעכן פּאַלאַץ-טייל. אַט פאָרט אַרויס פונם פּאַלאַץ אַן אויטאָמאָביל און אין אים זיין מאַיעסטעט מיט עפּעס אַן אויסלענדישן געזאַנדן. דער אויטאָמאָביל פאָרט פאַר-ביי, כאַדזשי-אַגאַ לויפט-צו, און דער קייסער זאָגט צום גע-זאַנדטן: „ביי מיר זיינען אַלע פּריסטאַווס העלדן, כאַדזשי-אַגאַ איז אָבער דער העלדישסטער. ער האָט געכאַפּט טווערדאָווסקין". דער געזאַנדטער נעמט זיך צום טאַש און שלעפּט-אַרויס אַ מע-דאַל פון דעם לייב און דער זון און טוט אים אָן אויף כאַדזשי-אַגאַ.

אָוונטצייט האָט דער פּריסטאַוו ממש געציטערט פון אומ-געדולד. ענדלעך, איז געקומען צולויפן איינער פון גע-שטעלטע אַכטונג צו געבן פּאָליציאַנטן מיט אַ מעלדונג, אַז ביז זיבן אַזייגער אין אָוונט איז, אַחוץ דער יונגער פרוי, קיינער נישט געווען אין שטוב, און איצט האָט זיך דורך די גערטנער דורכגעגנבעט אַ ברייטפּלייציקער מענטש אין אַ פּלעצל און אַ פּאַפּאַכע. דעם פּריסטאַווס האַרץ האָט אָנגעהייבן צו שפּרינגען ווי אַ קינינגל. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט, אַ רוף געטון די פּאָליציאַנטן און אַרויס מיט זיי אויפן גאַס.

ווי זיינען בעגאנגען איבער די פינצטערע גאַסן שווייגנדיק, דער פריסטאַוו פאָרויס, די פּאָליציאַנטן נאָך אים.

שוין ביים סאַמע הויז האָט זיי פאַרטשעפּעט דער צווייטער פּאָליציאַנט.

— נו, וואָס? ער איז נאָך אין שטוב? נישט אַוועקגעגאַנגען? — האָט, סאָפּענדיק, אַ פרעג-געטון כאַדזשי-אַגאַ.

— בשום אופן נישט, אייער הויכוויל־געבוירן, ער זיצט מיט דער נקבה אַרומגענומען, טרינקט בראָנפן. קוקט אַליין!

דער פריסטאַוו איז ווי אַ קאַץ אונטערגעקראָכן צום פענצטער און זיך צוגעקלעפּט צו דער שפּאַרע אין לאָדן, הינטער אים האָבן אויסגעצויגן די העלזער די פּאָליציאַנטן.

כאַדזשי-אַגאַ האָט דערזען אַ ציכטיקע שטוב. אויף דער סאָפקע ביים טיש איז געזעסן טווערדאָווסקי, אַרומנעמענדיק מיט דער האַנט אַנטאָנינאַן פאַרן האַלדז, און אָנגעגאָסן זיך אין גלאָז בּ־אָנפן פון קאַראַפקע. ער האָט צוגעזונגען עפּעס אַ ליד, די קלאַנגען פון וועלכער האָבן זיך שוואַך געהערט דורך דער טאָפּלטער ראַם.

— ער טרינקט אַסאַך, האָט געזאָגט דער פּאָליציאַנט, — ער איז שוין אינגאַנצן שיכור!

דער פריסטאַוו איז אָפּגעקראָכן פונם פענצטער.

— זאָל ער נאָך אַ ביסל טרינקען. ווען ער וועט אינגאַנצן פאַרשיכורט ווערן, וועלן מיר אים כאַפּן.

ער האָט אַוועקגעשטעלט צוויי פּאָליציאַנטן אין גאָרטן הינטערן הויז, צווייען האָט ער געשטעלט פון פאָרנט, און איינעם, אַ באַרימטן גבור אין שטאָט, האָט ער געלאָזן נעבן זיך, כדי מיט אים זיך אַריינרייסן אין הויז אַריין. ס׳איז פאַרביי נאָך אַ האַלבע שעה. דער פריסטאַוו האָט פאַרקוקט אין פענצטערל און דערזען, אַז די פרוי קלייבט־צונויף די געשיר, און טווערדאָווסקי ליגט אייף דער סאָפע. אים אַליין האָט מען נישט געזען הינטערן טיש, ס׳האָבן נאָר אַרויסגעשטעקט די פיס אין הויכע שטיוול. די פרוי איז צו אים צוגעגאַנגען און געפּרווווט אויפוועקן, ער איז אָבער געשלאָפן מיט אַ טויטן שלאָף.

זי האָט אַ טופּע-געטון מיט דער פוס און מיט אַן אומצופרידע-נעם פּנים אָפּגעטרעטן.

— ער איז פּאַרטיק! — האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט, אָפּקריכנדיק. ער איז דורכגעגאַנגען אַרום הויז, אָנגעזאָגט די פון הינטן איבערגעלאָזטע פּאָליציאַנטן נישט אַראָפּלאָזן קיין אויג פון די פענצטער און, אומקערנדיק זיך צום גאַנעק, האָט ער באַפוילן דעם גבור עפענען די טיר מיט אַ נאָכשליסל. דער גבור האָט אַ מינוט זיך געפּאָרעט און אַן געוויש געעפנט דעם פּשוטן שלאָס. די טיר האָט זיך עטוואָס געעפנט.

— גיט אַכטונג! — האָט אַ שעפּטשע געטון דער פּריס-טאַוו, — ווען איר וועט נאָר דערהערן אַ גערויש אָדער שאָסן, וואַרפט זיך אין הויז אַריין!

ער האָט אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער און גלייך נאָכן פּאָליציאַנט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט דורך דער טיר.

זיי האָבן זיך דורכגעגנבעט דורכן קאָרידאָר צו דער האַלב-געעפנטער טיר אין שטוב אַריין. די פרוי איז ערגעץ ווו אַרויסגעגאַנגען, און טווערדאָווסקי איז ווי פריער געשלאָפן אויף דער סאָפע.

— וואַרף זיך מיטאַמאָל דורכן טיש אויף אים פון אויבן און שטיק-צו. איך וועל אים צושטעלן אַ רעוואָלווער צום קאָפּ, אויב ער וועט זיך ראַנגלען! — האָט אַ שעפּטשע געטון דער פּריס-טאַוו: — נו, איינס, צוויי, דריי!...

דער פּאָליציאַנט האָט, ווי אַ טיגער, אַ שפּרונג געטון איבערן צימער און צוזאַמען מיטן אומגעפאַלענעם טיש זיך אַ וואָרף געטון פון אויבן אַראָפּ אויף טווערדאָווסקין. דער פּריס-טאַוו האָט זיך אַ וואָרף געטון נאָך אים מיטן רעוואָלווער אָנ-געגרייט, זוכנדיק וווהין צו שיסן, ווייל טווערדאָווסקין האָט מען נישט געזען פון הינטער דעם פּאָליציאַנטס קערפּער. און פּלוצלונג האָט זיך פון הינטן דערהערט אַ רויקער קול:

— וואַרפט-אַוועק דאָס פּיסטאָלעטל, אייער עמינענץ!

דער איבעררראַשטער פּריסטאַוו האָט זיך אויסגעדרייט

אויפן אָרט און איז געבליבן פאַרגליווערט. קענן אים איז געשטאַנען טווערדאָווסקי ווי גרויס ער איז, אין דורכגאַנג פון טיר. אין יעדער האַנט האָט ער געהאַלטן צו מויזער.

— וואַרפט־אַוועק דאָס פּיסטאָלעטל!

דער פּריסטאַוו האָט מעכאַניש אַנגעוואָרן דעם רעוואָלווער. פון דער סאָפע האָט, קרעכצנדיק, מיט אַ נאַרישן אויסזען, זיך אויפגעהייבן דער פּאָליציאַנט, האַלטנדיק אין האַנט טווערדאָווס־קיס שטיוול, אָן אָנגעשטאָפּטן מיט שמאַטעס.

— הייבט־אויף די הענטלעך. שטעלט זיך מיט די פּלייצעס צו מיר!

ביידע פּאָליציאַנטן האָבן געהאָרכזאם אויסגעפילט די פּאָדערונג.

— מאַרש אין יענעם צימער אַריין! — האָט ווייטער באַ־פוילן טווערדאָווסקי.

ווי נאָר דער פּאָליציאַנט איז איבערגעטראָטן דעם שוועל פונם צימער, האָבן אים מאָמענטאַל צוויי חברהלייט געבונדן. דאָס־זעלבע איז געטון געוואָרן אין זיין רייע אויך מיטן פּריסטאַוו.

— שלעפּט זיי דורכן פענצטער! — האָט געהייסן טווער־דאָווסקי.

כאַדזשי־אַגאַ און דער פּאָליציאַנט זיינען אָן גערויש אין איין מאָמענט אַרויסגעשלעפּט געוואָרן דורכן פענצטער אין די גערטנער אַרויס, דורכגעטראָגן געוואָרן דורכן הויף אויף אַ צווייט געסל און אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ וואָגן, וווּ ס'זיינען שוין געלעגן די צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע כאַדזשי־אַגאַ האָט איבערגעלאָזט ביי דער הינטערשטער זייט פון הויז.

— פאַרטיק? — האָט געפרעגט טווערדאָווסקי.

— פאַרטיק, פאָטער אַטאַמאַן!

— פאָרט! אַנטאָנינאַ, זעץ זיך! — האָט געזאָגט טווער־דאָווסקי, אונטערפירנדיק אַ פערד דער אָנגעטוענער אין אַ אַ פוטער, דערשראָקענער און דערפרייטער אַנטאָנינאַ. זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל מיט דער הילף פונם מאַן, און די קאַוואַלקאַדע איז פאַרשוונדן טיף אין געסל.

די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס זיינען געלאָזן געוואָרן פאַרן הויז, האָבן לאַנג זיך צוגעהערט, פון הויז האָט זיך אָבער נישט דערטראָגן קיין איין קלאַנג. זיי זיינען דורכגעפרוירן געוואָרן, דער שני איז זיי פאַרקראָכן הינטער די קאָלנערס.

— וואָס זיינען זיי דאָרט, אַנטשלאָפן געוואָרן, צי וואָס?— האָט איינער אַ בורטשע געטון און געוואָלט אַרויפגיין אויפן גאַנעק.

— שטיי! — האָט אים אָפּגעשטעלט דער אַנדערער, — דער הער פּריסטאַוו האָט אוודאי צוגענומען טווערדאָווסקין און איצט פאַרנעמען זיי זיך מיט דער דאַמעלע. זיי האָבן ליב יונגינקע.

זיי זיינען אָפּגעשטאַנען נאָך ביי אַ האַלבע שעה, זיי האָבן אָבער שוין מער ביידע נישט געקאָנט אויסהאַלטן. דער ערשטער איז אַרויף אויפן גאַנעק, אויפגעפּראַלט די טיר און אַריין אין הויז. אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך ווידער באַוויזן און געזאָגט מיט אַ דערשראָקענער שטים:

— לאַוורענטיעוו, דאָרט איז קיינער נישטאָ?

— וואָס גענאַרסטו? — האָט געזאָגט דער צווייטער און זיך אַ וואָרף געטון אין הויז אַריין. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַלע צימערן, אַרונטערגעקוקט אונטער די טישן, אונטער דער בעט, ס׳איז אָבער געווען קלאָר איינס: אין דער הויז איז קיינער נישטאָ. ביי ביידן האָבן זיך די האָר געשטעלט קאַפּויר. ס׳האָט עפּעס אַ שאָרך געטון אין אויוון, און ביידע שומרים, אין טויט-שרעק שטופּנדיק איינער דעם צווייטן, זיינען אַראָפּ-געפלויגן פון גאַנעק און זיך געלאָזט לויפן איבער דער גאַס.

פון אויוון איז אַרויסגעקראָכן אַ גרויסער שוואַרצער קאָ-טער, ער האָט זיך פאַרזשמורעט אויפן לאָמפּ, אויסגעבויגן האַלב-קיילעכדיק די פּלייצע און אָנגעהייבן צו מרוטשען.

דעם געבונדענעם כאַדזשי-אַגאַ האָט מען מיט פאַרבונדענע אויגן געבראַכט אין דער וואַלד-שטיבעלע, וווּ ס׳האָט אויף אים שוין געוואַרט טווערדאָווסקי. ווען די חברהלייט האָבן אַריינגע-טראָגן דעם פּריסטאַוו און אים אַוועקגעלייגט אויף דער אויוונ-באַנק, איז טווערדאָווסקי געזעסן אויף אַ טאַבורעט, זיך שפּילנ-

דיק מיט אַ שווערן מויזער-ביקס.

טווערדאָווסקי איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו אים.

— וואָס, הער פּריסטאַוו, איר האָט געכאַפּט טווערדאָווסקין?

כאַדזשי-אַגאַ האָט מיט טויט-שרעק זיך אַ קרים געטון אויפן מויזער-ביקס און מיט געבעט געזאָגט:

— הרגעט מיך נישט, הער טווערדאָווסקי!

טווערדאָווסקי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אַ דערשראָקענע קראָ שרעקט זיך פאַר אַ שטרוי. איך האָב נישט בדעה אייך צו הרגענען! פאַרקערט. איך האָב פאַר אייך אַ גוטן פאָרשלאַג. בינדט פונאַנדער דעם פּריץ!

די חברהלייט האָבן מאָמענטאַל פונאַנדערגעבונדן דעם פּריסטאַוו. ער האָט זיך געזעצט, נאָך אַלץ נישט גלויבנדיק, אַז ער לעבט.

טווערדאָווסקי האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט און געגעבן אַ צייכן אַלעמען אַרויסצוגיין.

— נו, — האָט ער געזאָגט, בלייבנדיק אַליין מיטן פּריסטאַוו, — הערט-אויס, אייער הויכוווילגעבוירן! איר ווילט מיך כאַפּן דער-פאַר, ווייל איך חלומען זיך אַלערליי דאָרט קאַריערעס, אָר-דערס, באַלוינונגען. אָנשטאָט דעם אָבער זענט איר אַליין אַריינגעפאַלן. דאָך קאָנט איר פונדאַנען אַוועקגיין גאַנצערהייט. צוליב דעם ווילן מיר מיט אייך אָפּשליסן אַ קליינעם געשעפט-לעכן אָפּמאַך. גלייכער אַ קליין פייגעלע אין האַנט, איידער אַ באָטשאַן אין דער לופטן.

ווען קאָנען אייך נאָך אָנקומען די באַלוינונגען פון דער נאַטשאַלסטוואָ, איך וועל אייך אָבער שוין קייסערלעך באַלוי-נען מיט דעם תנאי, אַז איר וועט מיך נישט טשעפּען. דאָס הייסט, פאַרשטענדלעך, אַז איר קאָנט מאַכן אַן אָנשטעל, דאָס איר סטאַרעט זיך מיך צו כאַפּן, אָבער נאָר אַן אָנשטעל. איר זענט מסכים?

— דאָס הייסט, ווי... איך פאַרשטיי נישט אינגאַנצן, — האָט אַרויסגעשטאַמלט דער פּריסטאַוו.

— ווי נישט פאַרשטענדלעך איר זענט. ס'וועט אויסקומען

מיט אייך צו רעדן אויפן אָנשוילעכן אופן. — טווערדאָווסקי האָט זיך אויפגעשטעלט און אַראָפּגענומען פון וואַנט אַ שווערד. ער האָט דעם שווערד אַרויסגענומען פון פוטעראַל און עס האָט אַ שיין געטון די גאָלד פון דער שייד און דער שימער פון די בריליאַנטן. — דערדאָזיקער שווערד איז ווערט אייניקע צענדליק טויזנט. איך האָב אים צוגענומען ביי טריאָפּיצינען, און איצט וועל איך אים אייך אָפּגעבן. איר פאַרשטייט? און יעדן יאָר וועט איר און דער הער פּאָליצמייסטער באַקומען פון מיר מתנות, פּאַסיקע לויט אייער אַמט און לויט מיין אַכטונג צו אייך. איר האָט פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען, — האָט געזאָגט כאַדזשי-אַגאַ פּלוצלונג זיך דערפרייענדיק.

— אָט וואָס. איר באַקומט דעם שווערד. דעם הער פּאָליצמייסטער, אין יראת הכבוד צו זיין הויכן אַמט, שיק איך דעם טעפּיך און אָטאָ דעם האַלדזבאַנד פאַר זיין פרוי. נאָר וואָרנט אים, אַז ער זאָל איבערמאַכן די איינפאַסונג, אַנדערש קאָן צופעליק די אייגנטימערין דערזען אים אויפן העלדזל פון אייער נאַטשאַלניקס פרוי און ס׳וועט זיין אַ סקאַנדאַל. אַלזאָ? דער אָפּמאַך איז געשלאָסן?

— איך בין מסכּים! — האָט געענטפערט כאַדזשי-אַגאַ, בישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פונם שימער פון די שטיינער.

— איך האָב טאַקע געטראַכט, אַז איר זענט אַ קלוגער מענטש. מ׳וועט אייך תּיכּף אָפּפירן צום עק שטאָט און אָפּלאָזן. און אָט דאָס גיט די פּאָליציאַנטן פאַר דער טירחה.

טווערדאָווסקי האָט אַרויסגעוואָרפן אויפן טיש אַ באַרג גאָלד.

אין אייניקע מינוט אַרום האָט מען דעם פריסטאַוו ווידער פאַרבונדן די אויגן. שוין מיט פאַרבונדענע אויגן האָט ער געזאָגט:

— צום ווידערזען, הער טווערדאָווסקי! זייט רויק, איך בין אַ באַלעבאָס איבער מיין וואָרט.

— צום ווידערזען. אַ שלעכטער שלום איז בעסער פון אַ גוטער מחלוקת.

ביים עק שטאָט האָבן די באַגלייטערס אָפּגעבונדן דעם

פריסטאַוו די אויגן און זיינען אַנטלאָפן. ער ווייטער האָט פונאַנדערגעבונדן די פּאָליציאַנטן. אין וועגעלע איז געלעגן דער טעפּיך און דער שווערד, אין טאַש האָט כאַדזשי-אַגאַ דערטאַפּט דעם האַלדזבאַנד און גאָלדשטיקלעך. ער האָט פון טאַש אַרויס-גענומען אַ רובל און געגעבן די פּאָליציאַנטן.

— אָט נאַט אייך, הינטישע זין, פון טווערדאָווסקין; און איר זאָלט שווייגן, ווי געפּגרטע!

— און פאַרן פּאָליצמייסטער וועט קלעקן נאָר דער טעפּיך, — האָט אַ קלער געטון דער העלדישער פּריסטאַוו, — נישט פּדאַי באַכצוגעבן אַלערליי כאַבאַרניקעס.

# קאַפּיטל דרייצן

## דער שכּורער בּישאָף

אַסך האָבּן געלאַכט די חברהלייט, דערמאָנענדיק זיך דעם איינפאַל מיטן העלדישן פּריסטאַוו.

טווערדאָווסקי האָט דערווייל פאַרקלערט נייע פּלענער.

און כּל-זמן דער העלדישער קאָבּאַרדינער כאַדזשי-אָגאָ איז פיל אַרומגעקראָכן מיט סטראַזשניקעס איבּער דער גובּער-ניע, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז ער זוכט פּלייסיק אַרום טווער-דאָווסקין, האָט דער אַטאַמאַן גערוט אין וואַלד-שטיבּעלע, און זיין געטרייער געהילף איוואַנישין איז ווייטער אַרומגעלאָפן אין שטאָט, אויסשפּירנדיק עסקים.

אומגעקערט האָט זיך איוואַנישין מיט צוויי טשעמאָדאַ-נעס, פולע מיט פאַרשידענע מלבּושים. נאָכוואָס ער האָט אַזוי פיל אָנגעפּירט, האָבּן די חברהלייט נישט געקאָנט פאַרשטיין און האָבּן לאַנג זיך געמאַטערט מיט השערות.

דעם צווייטן אָוונט אָבּער האָט דער אַטאַמאַן גערופן צו זיך אין שטיבּעלע איוואַנישינען, פּאַוועלן און נאָך איין חברה-מאַן, וואָס איז נישט לאַנג צוגעשטאַנען צו דער חברה. דאָס איז געווען אַ געוועזענער סטודענט, דער אַנאַרכיסט וואָלאָדיאַ. ער האָט געהאַט פיינע מאַניערן און גערעט פראַנצויזיש, דער-פאַר האָבּן אים די חברהלייט אַ נאָמען געגעבּן „מוסיו“!

זיי האָבּן פאַרזוימט אינם שטיבּעלע ביי אַ שעה. און ווען ס'איז שוין געוואָרן אינגאַנצן פינצטער, זיינען זיי אַרויס-געגאַנגען, איינגעהילטע אין פּלאַשטשן, אויפגעזעצט אויף פערד און פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער ריכטונג צו דער שטאָט.

דעם צווייטן אָוונט איז צוגעפאָרן אַ קאַרעטע צום מאַ-

גאַזין פון קלויסטערשע חפצים און בגדי-קודש, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ באַלעבטן אָרט אין די האַנדלס-האַלעס. ס'איז געווען קורץ פאַרן פאַרמאַכן די קראָמען. אַ וועטער איז געווען אַן עקלדיקער, ס'איז געפאַלן אַ שניי מיט אַ רעגן צוזאַמען, און די זעלטענע פאַרבייגייערס האָבן זיך באַמיט וואָס שנעלער זיך באַהאַלטן אין דער וואַרעמקייט און געמיטלעכקייט פון זייערע היימען. פון דער קאַרעטע זיינען אַרויסגעשטיגן פיר פיין-געקליידעטע יונגעלייט און אַריין אין מאַגאַזין. דער באַלעבאָס פון מאַגאַזין אַלאָוועניקאָוו און דער אָנגעשטעלטער האָבן שוין אויסגעציילט דעם טאָג-פדיון און באַהאַלטן אין אַ וואַנט-שאַנק די קאָסטבאַרע בגדי-קודש און שטיינער. אין דעם מאָמענט האָבן זיך אין מאַגאַזין באַוויזן קונים.

אַלאָוועניקאָוו האָט זיך אויסגעדרייט און, דערזעענדיק פיר דזשענטלמענער אין צילינדערס און פראַקן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזעצן פון הינטער די פאַלטאָס, איז שנעל צוגעגאַנגען צום בופעט, פאַרגעסנדיק אַפילו פאַרמאַכן דעם שאַנק, און געפרעגט די קונים, וואָס ווינטשן זיי.

איינער פון זיי האָט דעם אַנדערן געזאָגט עפּעס אויף פראַנצויזיש און דערנאָך זיך געווענדעט צו אַלאָוועניקאָוון:

— אָט וואָס, מיר זיינען חסידים פון דעם הייליקן אַנטאָני און וואָלטן געוואָלט אים מאַכן אַ מתנה אינם פינפיאָריקן יובל-טאָג פון זיין ווערן אַרכיערײ. מיר וואָלטן געוואָלט אים אונטערטראָגן אַ גאַנצן קאָמפּלעט בגדי-קודש. קאָנט איר אונדז נישט ווייזן דאָס בעסטע?

אַלאָוועניקאָוו האָט אויפגעבליט פון פאַרגעניגן. אַזעלכע גוטע קונים!

— ביטע, — האָט ער געזאָגט, — זייט אַזוי פריינטלעך, זעצט זיך. מיר וועלן תיכף ווייזן.

ער האָט אַ ווונק געטון צום משרת, און זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט אַ בראָקאַטענעם אַרכיערײ-מלבוש. די יונגעלייט האָבן אַ קוק געטון, זיך פאַרקרימט און איינשטימיק געזאָגט:

— צו פּשוט. קאָן נישט זיין קיין פּראַכטיקערער? מיר

װעלן נישט שטײן נאָך קײן געלט.

אַלאָװעניקאָװ האָט געװיזן נאָך אײניקע מלבושים. די יונגעלײט האָבן אױפמערקזאַם באַטראַכט און לסוף אָפּגעלײגט אײן מלבוש פֿון טונקל-גרינעם בראָקאַט-שטאָף. זײ האָבן אים געטאַפּט, באַטראַכט, געמאָסטן די לענג און לסוף האָט דער עלטסטער פֿון זײ געזאָגט:

— ס'װאָלט שױן אפשר געװען נישקשה, ס'איז אָבער פּאָרט אַ ביליקע סחורה.

— גאָט איז מיט אײך, — האָט זיך אַפּילו באַלײדיקט אַלאָװעניקאָװ, — דאָס איז אַ ביליקע סחורה? דאָס איז דאָך דאָס טײערסטע, װאָס איז פֿאַראַן.

די יונגעלײט זײנען געשטאַנען און זיך מישב געװען. פּלוצלונג האָט זיך אַלאָװעניקאָװ אַ קלאַפּ געטון אין שטערן.

— האַרציקע! אָט בין איך אַן אַלטער טיפּש! לחלוטין פֿאַרגעסן. ס'איז פֿאַראַן בײ מיר נאָך אײנס. געמאַכט האָבן מיר עס אױף אַ באַשטעלונג. די גרעפֿין בלודאָװ האָט באַשטעלט פֿאַרן קיעװער מיטראָפּאָליט. אָט דאָס װעט אײך זיכער געפֿעלן. ברענג, איגנאַטי!

דער משרת האָט אַראָפּגענומען פֿונם אײבערשטן פּאַך אַ שאַכטל און אַרױסגענומען פֿון דאָרט אַ פּרעכטיקן מלבוש פֿון טורקוס-קאָליר, אײנגעזאַנצן אױסגענײט מיט זילבער. די קונים האָבן אַ קרעכץ געטון פֿון התפּעלות.

— אָט דאָס יאָ! — האָט געזאָגט אײנער פֿון זײ.

אַלאָװעניקאָװ האָט זיך געקװענקלט.

— זעט איר... ס'איז מיר שװערלעך עס אײך אָפּצוגעבן. ס'איז באַשטעלט. איבריקנס װאָלט מען יאָ געקאָנט, װײל ביזן טער-מין איז נאָך װײט, מיר װעלן באַװײזן צו מאַכן אַזאַ. איר זאָלט אָבער זיך נישט בײזערן, דער פּרײז פֿאַר אים װעט זײן נישט קײן קלײנער.

— נאַרישקײטן, — האָט געענטפֿערט דער ייִנגסטער פֿון די קונים און װידער צוגעגעבן אַ פּאָר פֿראַנצױזישע פֿראַזן.

— אַלע האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבערן מלבוש.

— אינטערעסאַנט אַ קוק צו טון, ווי דאָס וועט אויסזען אויף זיין עמינענץ דעם אַרכיערײ, — האָט זיך אָפּגערופן דער עלטערער, און, ווי ס׳וואָלט אים איינגעפאַלן אַ געלונגענער גע-דאַנק, געוואָרפן אַ קוק אויף אָלאָוועניקאָוון, — אָט אויסגע-צייכנט, — האָט ער פאַרגעזעצט, אַ קלאַפּ טוענדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט, — ביי אייך איז פונקט אַזאַ וווּקס און געשטאַלט, ווי ביים אַרכיערײ. צי וועט איר נישט זיין אַזוי גוט אָנצומעסטן?

אָלאָוועניקאָוו איז אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט.

— ס׳פּאַסט נישט מיר, דעם בעל-עבירהניק, אָנטון זיך אין בגדי-קודש, — האָט ער אַ זיפץ געטון.

— נאַרישקייטן, — האָט איבערגעריסן דער קונה, — קיינער וועט דאָך נישט זען. טוט אַ טובה, אַנדערש איז דאָך שווער זיך צו באַשליסן, נישט זעענדיק.

אָלאָוועניקאָוו האָט נאָכאַמאָל אַ קרעכץ געטון, נאָכאַמאָל זיך איבערגעצלמט און מיט דער הילף פונם משרת האָט ער אָנ-געטון דעם מלבוש. די קונים האָבן באַגעגנט זיין איבערטון זיך מיט פרייליכע אויסגעשרייען:

— פּרעכטיק!

— ווי שיין!

— אַשאַד, וואָס קיין מיטרע (אַרכיערײ-הוט) איז נישט פאַראַן. אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין אָנטון שוין אַ מיטרע אויך. נאָר די סאַמע בעסטע, מיט גוטע שטיינער.

— איגנאַטי! דערלאַנג די בריליאַנטענע מיטרע! — האָט געזאָגט אָלאָוועניקאָוו און, צונעמענדיק זי פון משרתס האַנט, האָט ער אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ.

ס׳האָבן זיך דערהערט נייע התפעלותדיקע אויסרופן.

— וויפל וועט קאָסטן דערדאָזיקער פּראַכט? — האָבן גע-פרעגט די קונים.

— מיט דער מיטרע פּופצן טויזנט? — האָט געענטפערט אָלאָוועניקאָוו, אַליין באַוווּנדערנדיק אין שפּיגל די שיינקייט פון די בגדי-קודש.

— מער נישט? מיר נעמען! וואָלאָדיאַ, צייל-אויס געלט! —

האָט געזאָגט דער עלטסטער און צוגעגעבן: — מיר האָבן נאָך איינס פאַרגעסן. אַ דיוואַנדל אונטער דעם הייליקנס פּיס. מ׳קאָן זען?

— איגנאַטי! קריך־אַראָפּ אונטן נאָך דעם מיטראָפּאָליטן-דיוואַנדל, — האָט באַפוילן דער אַנטגײַסטיק דערפרייטער מיטן גוטן עסק אָלאָוועניקאָוו.

דער אָנגעשטעלטער האָט געעפנט די הייב-טיר, וואָס האָט געפירט צום מאַגאַזין־קעלער, און גענומען זיך אַראָפּלאָזן אונטן.

דער יינגסטער קונה האָט אַרויסגענומען דעם פּאָרטפּעל און גענומען אויסציילן דאָס געלט. אָלאָוועניקאָוו איז צו אים צוגעגאַנגען. פּלוצלונג וואָט די הייב-טיר פון הינטן מיט אַ קנאַל זיך פאַרקלאַפּט. אָלאָוועניקאָוו האָט זיך אויסגעדרייט אַ קוק טון, נאָר אַ שווערער קלאַפּ מיט אַ פּויסט איבערן קאָפּ האָט אַראָפּגערוקט אים די מיטרע אויפן פּנים ביז צום קין-באַק. ער איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט און געפּרוווט אַראָפּרייסן די מיטרע, נאָר ס׳איז געווען אוממעגלעך אויסצופירן. די קיילעכדיקע שפּרינגפּעדער האָט זיך פאַרוויקלט, דורכלאָזנדיק זיין קאָפּ, און איצט האָט מען די מיטרע נישט געקאָנט אַראָפּ-נעמען, סיידן איבערשניידן. אָלאָוועניקאָוו האָט זיך אַ טרייסל געטון, אַ ריס געטון אָן אַ זייט און, פאַרפּלאָנטערנדיק זיך אינעם מלבוש, איז ער אומגעפאַלן אויף דער ערד. ווי דורכן שלאָף האָט ער געהערט אַ באַפעלנדיקן קול:

— נעם-אַרויס אַלץ פון שאַנק! קיין זילבער נישט נעמען! נעם נאָר גאָלד און שטיינער! דאָס געלט נעם אויך צו! גראַבל-אַרויס די בריליאַנטן פון די ריזעס! לעבעדיק, נישט באַלמוטשעט!

אייניקע מינוט האָט געדויערט אַ לייכטער גערודער און גערויש, דערנאָך האָט אַ קלאַפּ געטון די טיר און ס׳איז גע-וואָרן אינגאַנצן שטיל. אויסער זיך פון שרעק, זיך דרייענדיק בלינדערהייט אויף אַלע פיר, האָט אָלאָוועניקאָוו לסוף דערטאַפּט די טיר און איז אַרויסגעשפּרונגען אויפן גאַס, אומפאַרשטענד-לעך רעווענדיק. די מיטרע האָט אים געשטערט רעדן.

צוויי דורכגייערס האָבן דערשטוינטע דערזען דעם אַרכיערײ אין די פולע בגדי-קודש זיך דרייען אויף איין אָרט און, זיך אָפּשטעלנדיק, האָבן זיי אַראָפּגענומען די היטלען. עפּעס אַן אַלטיטשקע איז אונטערגעשפּרונגען מיט אַ זייט, צונויפגעלייגט די הענט און פּוטערדיק אויסגעזונגען: „גיב אַ ברכה, הער־שער!" הילפלאָז פּאָכנדיק מיט די הענט, האָט אַלאָוועניקאָוו צופעליק זי אַ קנאַק געטון איבערן שאַרבן. די אַלטיטשקע האָט מיט אַ קוויטש זיך אַ זעץ געטון אין שניי. ס'האָט אָנגעהייבן זיך צונויפצולויפן אַן עולם, ס'איז אונטערגעקומען אַ פּאָליציאַנט. ער איז נבהל ונשתומם געוואָרן, דערשפּירנדיק ווי עמיצער באַ־רירט זיין עלנבויגן. אַן עלעגאַנטער הער אין אַ צילינדער האָט אים געזאָגט: — איך בין דער פּראָקוראָר פון דער העכערער פּאַלאַטע. פּירט שנעל אַוועק זיין עמינענץ אַהיים. ער איז שיכּור. ס'איז אַ בזיון פאַר די גלויביקע. פּירט אים שנעלער און הערט גאָרנישט. נאַט אייך פינף רובל אויף אַ קאַרעטע.

דער פּאָליציאַנט האָט זיך אַ וואָרף געטון צו אַ קאַרעטע און איז צוגעפאָרן צום טראָטואַר, ווו אייניקע מענטשן, גלאָצנ־דיק מיט די אויגן, האָבן געקוקט אויפן אַרכיערייס מאָדנע הויות (האַוואַיעס).

— פונאַנדערגיין זיך, נישט שטופן זיך! — האָט ער אַ געשריי געטון און, אונטערכאַפּנדיק דעם אַרכיערײ אונטערן אָרעם, האָט ער אים אַ שלעפּ געטון צו דער קאַרעטע. דער אַרכיערײ האָט זיך געווערט און געריטשעט.

— נישקשה, נישקשה, אייער עמינענץ. מיט יעדן טרעפּט זיך עס! — האָט געטענהט דער פּאָליציאַנט און אומבּרחמנות־דיק געשלעפּט דעם אַרכיערײ. ער האָט מיט גוואַלט אים אַריינ־געשלעפּט אין דער קאַרעטע, און די פערד האָבן זיך אַ טראָג געטון, איבערלאָזנדיק אויף די פאַרבייגייערס אַ מיאוסן רושם.

אין צען מינוט אַרום האָט דער פּאָליציאַנט געקלונגען ביים אַריינפאָר אין אַרכיערייס הויז. אים האָט געעפנט אַ מאָ־נאַסטיר־שמש.

— נעמט־צו זיין עמינענץ, — האָט געזאָגט דער פּאָלי־

ציאַנט מיט אַ שרעקלעכן שעפּטש, — זיי האָבן זיך אָנגעשפּורט און זיינען נישט ביים באַוווסטזיין.
דער שמש איז אָפּגעטראָטן און זיך איבערגעצלמט.
— זאָל אייך גאָט שטראָפן, — האָט ער געזאָגט און דער קול האָט אים געציטערט, — אַזאַ בילבול אויף גאָטס דינער. זיין עמינענץ איז אינדערהיים. זיי טרינקען טיי.
— וואָס בלאָפסטו? ער איז ביי מיר אין קאַרעטע, — גיב אַ קוק!
דער שמש איז אַראָפּגעלאָפן צו דער קאַרעטע, אַ קוק געטון, פאַרציטערט געוואָרן, און צוריק אַרויפגעלאָפן אין שטוב אַריין. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אין דער טיר באַוויזן דאָס טרוקענע פיגורל פונם אַרכיערײ.
— אַפּיקורס... אַטעיסט... איך וועל דיך אַריינוואַרפן אין חרם! — האָט ער קוויטשעדיק געשריגן אויפן דערשראָקענעם פּאַליציאַנט. — ווי האָט דיין חוצפּהדיקער צונג געוואַגט אַזעלכעס אַרויסרעדן?
מיט עלטער-טריטעלעך איז ער אַראָפּגעלאָפן פון גאַנעק און איז אויך געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער ביי דער קאַרעטע.
— נעמט אים, דעם פאַרשאָלטענעם שמאַדעלניק, דעם לץ! פירט אים אין הויז אַריין! — האָט ער לסוף אַ געשריי געטון.
ווען דער אַרויסגערופענער שלאָסער האָט איבערגעשניטן די רייף פון דער מיטרע און באַפרייט דעם האַלב-דערשטיקטן אַלאָוועניקאָוו, האָט דער פּאָליציאַנט מיט נאָך פּאָליציילייט זיך אַ וואָרף געטון צום מאַגאַזין און אַרויסגעלאָזן דעם משרת פון קעלער. פון מאַגאַזין איז געוועז אַרויסגעטראָגן דאָס גאַנצע געלט, גאָלד און טייערע שטיינער, פון וועלכע אַ היפּשן טראַנספּאָרט האָט אָלעוועניקאָוו די טעג באַקומען. אויפן קראָם-טיש זיינען געלעגן אויסגעלייגט די הייליקע בילדער, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון דער גאָלד-באַצירונג און אין איין בילד האָט געשטעקט אַ וויזיט-קאַרטל: „איוואַן וואַסיליעוויטש טווערדאָווסקי".
און אויף דער אַנדערער זייט: „וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייטן".

## קאַפּיטל פערצן

# די ערשטע וואָלקנס

טווערדאָווסקי איז אַרומגעגאַנגען אין זיין שטיבעלע פון איין ווינקל אין צווייטן, דריי טריט אַהין, דריי צוריק. ער האָט געביסן די ליפּן און זיך געבּרוגזט. איוואַנישין איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, און מיט אַ פאַרטרויערטן פּנים פון דער זייט נאָכגעקוקט דעם אַטאַמאַן.

ענדלעך האָט טווערדאָוויסקי זיך אָפּגעשטעלט און מיט דער פּוס אַזוי אַ שטויס געטון אַ בּענקל, וואָס האָט אים גע־שטערט, אַז עס איז אַוועקגעפלויגן אין סאַמע ווינקל.

— נישט אַליין האָבּן זיי עס אויסגעטראַכט. איך זאָג דיר, נישט אַליין! ערשטנס — וואָלט זיי אויף דעם נישט גע־קלעקט קיין שכל, און צווייטנס — זיינען זיי מענטשן אָרנט־לעכע. נישט די ערשטע וואָך אַרבּעטן מיר און קיינמאָל איז אַזעלכעס נישט געווען.

איוואַנישין האָט אַ קרעכץ געטון.

— איך זאָג אויך דאָסזעלבּע. קלאָר, אַז נישט אַליין. דער טייוול ווייסט, ווער ס'האָט זיי אָנגערעדט.

טווערדאָווסקי איז געשטאַנען און אָנגעשטרענגט געקלערט.

— איז עס נישט וואָלאָדיאַ? — האָט ער פּאַמעלעך גע־זאָגט, — דער בּחור איז כּלומרשט אַ נישקשהדיקער, אַ גוטער קעמ־פער, אָבּער אָן פּרינציפּן. אַ פּלוט און פון אַ פּריצישער משפּחה. געוווינט צו אַ גוט לעבּן. כ'האָבּ מורא, אַז ס'איז זיין אַרבּעט.

— ווייזט־אויס, אַז זיינע, — האָט רויק מסכּים געווען איוואַנישין.

טווערדאָווסקי האָט אַ טופּע געטון מיטן פוס.

— אָבער וואָס ביסטו רויק, ווי אַ בהמה? דאָ איז אַ שענדלעכער ענין, אונדז קאָן דאָס באַגראָבן, און דו שאָקלסט מיטן קאָפּ.

איוואַנישין האָט ווייטער קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— וואָס דען? סיידן ס׳איז בעסער אַרומצוטאַנצן ווי אַ אַ באָטשאַן איבערן שטיבל און ברעכן בענקלעך. דערפון וועט קיין נוצן זיכער נישט אַרויסקומען.

טווערדאָווסקי האָט זיך אויפגערעגט, פּלוצלונג אָבער האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט. איוואַנישין האָט ליבלעך אַ קוק געטון אויפן פריילעך געוואָרענעם אַטאַמאַן.

— אָט אַזוי וואָלט לאַנג באַדאַרפט זיין. רוף דעם וואָלאָדקאַ, און שמועס זיך אַדורך מיט אים, ער זאָל מער זיך נישט נאַריש מאַכן, און שוין.

טווערדאָווסקי האָט ווידער זיך אָנגעברוגזט.

— איך וועל מיט אים פאַר אַזעלכע זאַכן מיט אַ קויל זיך דורכשמועסן. ער וועט פאַרשעלטן די שעה, ווען אין זיין נאַרישן קאָפּ איז איינגעפאַלן דערדאָזיקער געדאַנק. רוף אים!

איוואַנישין איז שנעל אַרויס פון הייזל. טווערדאָווסקי האָט אויפגעהייבן דעם בענקל און זיך אַוועקגעזעצט. זיין פּנים האָט זיך בייז פאַרקרימט.

געשען איז אָט וואָס: נאָכן אָנפאַל אויף אָלאָוועניקאָווס מאַגאַזין זיינען דריי חברה־לייט געקומען צו איוואַנישינען און געמאָלדן אים, אַז זיי בעטן איבעררעדן מיטן אַטאַמאַן, מ׳זאָל די גאַנצע רויב טיילן אויף צוויי גלייכע חלקים — אַ העלפט דעם אַטאַמאַן, זאָל ער זיך פונאַנדערגעבן וועמען ער וויל, און די צווייטע העלפט די חברה־לייט.

— מיר זיינען אויך נישט קיין נאַראָנים. זיך נעמט ער ניינציק חלקים. ווער ווייסט אים. אפשר גיט ער טאַקע פונאַנדער די פויערן, און אפשר באַהאַלט ער זיך אויף אַן עת־צרה. דעמאָלט וועט ער אַנטלויפן, און אונדז אַוועקוואַרפן פאַר דער פּאָליציי.

איוואַנישין האָט תיכּף געמאָלדן וועגן דעמדאָזיקן אומ-

דערהערטן פּאַרפּאַל טווערדאָווסקין. און דער אַטאַמאַן איז גע־וואָרן אויסער זיך.

די טיר פונם הייזל האָט זיך געעפנט און אין איר האָט זיך באַוויזן וואָלאָדיאַ, אַ רויטער און פריילעכער, ווי שטענדיק.

— גוט מאָרגן, איוואַן וואַסיליעוויטש! וואָס מאַכסטו? — האָט ער לעבנסלוסטיק זיך באַגריסט.

— קום אַהער! שטעל זיך דאָ, מיטן פּנים צו דער ליכט! — האָט טווערדאָווסקי שטיל געזאָגט.

אַ פאַרוווּנדערטער איז וואָלאָדיאַ צוגעגאַנגען. טווער־דאָווסקיס אויגן, ווי צוויי שפּילקעס האָבן זיך אַריינגעשטאָכן אין וואָלאָדיאַס בלויע אויגן. ביי אַ מינוט האָט געדויערט דער־דאָזיקער שטומער פאַרהער. אין וואָלאָדיאַס אויגן האָט זיך אָבער געזען אַ באמתע פאַרוווּנדערונג אָבער קיין האָר נישט פון פאַרלעגנהייט אָדער שרעק.

— איז דאָס נישט דיין ארבעט — די פּאָדערונג, אַז מ׳זאָל דעם רויב טיילן אויף העלפט צווישן מיר און דער איבעריקער חברה? — האָט פלוצלונג האַסטיק אַ פרעג געטון טווערדאָווסקי.

די בלויע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און אָנ־געצונדן מיט כּעס. די ליפּן האָבן אַ ציטער געטון, און וואָ־לאָדיאַ האָט שאַרף געזאָגט:

— אָט וואָס! — און איר האָט מיך חושד געוועזן אין אַזאַ... אין אַזאַ?..? ווי האָט איר געקאָנט? נאָך דעם וועל איך קיין מינוט דאָ נישט בלייבן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַ וואַרף געטון צו דער טיר.

— שטיי, טיפּש! — האָט אַ געשריי געטון טווערדאָווי־סקי, אָנכאַפּנדיק אים פאַר אַן אַקסל. — וואָס האָסטו זיך באַליידיקט, ווי אַ יונג מיידל? מ׳האָט גענדאַרפט פרעגן, האָב איך געפרעגט. און איצט זיינען מיר גוטע פריינט, און כ׳וועל דיך אין ערגעץ נישט אָפּלאָזן. גיב אַ האַנט!

וואָלאָדיאַ האָט מיט טרערן אין די אויגן דערלאַנגט אים די האַנט און מיט אַ פאַרשטיקטן קול געזאָגט; — איך, אויב

כ׳וועל מיך דערוויסן, ווער ס׳האָט דידאַזיקע שפּיל אָנגעדרייט, וועל אים אַליין דעם צונג און די אויגן אַרויסרייסן!

ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, ווי אין הייזל איז אַריינגעשפּרונגען טאַניאַ. אַ בלאַסע, אויפגערעגטע און פאַרסאַפּעטע איז זי געבליבן שטיין ביי דער טיר, צודריקנדיק די הענט צום האַרצן, כּדי איינצושטילן די האַרצקלאַפּעניש.

— טאַניאַ, וואָס איז מיט דיר? וואָס איז מיט אייך! — האָבן טווערדאָווסקי און וואָלאָדיאַ פּה־אחד אויסגעשריען.

טווערדאָווסקי האָט אָנגענומען די פרוי פאַר דער טאַליע און אַוועקגעזעצט.

— נו, וואָס איז מיט דיר? רעד־זשע!

— אַנטאָנינאַ האָט שרעקעוודיק אַ קוק געטון אויף וואָלאָדיאַן. טווערדאָווסקי האָט פאַרשטאַנען איר קוק.

— וואָס פאַראַ סודות, רעד אין זיין אָנוועזנהייט!

אַנטאָנינאַ האָט מיט פּחד אַ קוק געטון אויף דער טיר און שעפּטשענדיק אָנגעהייבן צו רעדן:

— דו ווייסט, איך בין אַרויסגעגאַנגען אַביסל זיך דורכשפּאַצירן אויף דער לופט, אַריין אין דער געדיכטעניש פון וואַלד ביים קוואַל. כ׳שפּאַציר און פּלוצלונג הער איך שטימען. איך האָב זיך דערשראָקן, געמיינט, אַז מ׳זוכט אונדז, געוואָלט לויפן אַהער, נאָר זיי זיינען געווען נאָענט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטון אין די קוסטעס און דורך די צווייגלעך זע איך — ס׳קומען אונטער פיר פון דער חברה, צווישן זיי שמאַטש. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ בוימשטאַם ביים קוואַל, און אָט האָט צווישן זיי זיך אָנגעהייבן אַ שמועס...

זי האָט מיט דער האַנט אַ רייב געטון דעם פּנים, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן אַ שרעקלעכן חלום. און האָט ווייטער דערציילט:

— דעם גאַנצן שמועס האָב איך נישט געהערט, איך האָב נאָר פאַרשטאַנען, אַז שמאַטש וויל דיך אַרעסטירן און איבערגעבן דער פּאָליציי, און אַליין ווערן אויף דיין אָרט אַטאַמאַן און דערפאַר זאָגט ער צו די חברה־לייט, אַז די גאַנצע

רויב וועט ער דעמאָלט אָפּגעבן דער חברה. צווייען האָבן מסכּים געווען, און די אַנדערע צוויי — נישט, ער האָט זיי אָבער באַפוילן צו שווייגן, אונטער דער דראָונג, אַז ער וועט ממיתן, דערנאָך זיינען זיי אַוועק, און איך בין געקומען צו־לויפן אַהער.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן טיש און זיך פונאַנדערגעוויינט. טווערדאָווסקי און וואָלאָדיאַ האָבן זיך איבער־געקוקט.

— נעם אַביסל וואַסער, טייערע, און באַרויק זיך, — האָט געזאָגט טווערדאָווסקי, דערלאַנגענדיק איר אַ קוואָרט וואַ־סער. ווענדנדיק זיך צו וואָלאָדיאַן, האָט ער פאַרגעזעצט: — אָט האָבן זיך אָנגעהייבן די ערשטע וואָלקנס. ס'מאַכט נישט אויס, מיר וועלן נאָך אונדזער שטעטל באַשטיין. באַפויל דער חברה תּיכּף זיך אויפצוזאַמלען!

וואָלאָדיאַ איז אַרויסגעלאָפן פון שטיבל.

— וואָס ווילסטו טון? — איז אַנטאָנינאַ אויפגעשפּרונגען און אַרומגענומען טווערדאָווסקין, — גיי נישט צו זיי! זיי וועלן דיך הרגענען.

— כאַ־כאַ, — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט, — ווער וועט מען! דו אָבער גיי נישט אַרויס און זיץ דאָ. דאָס וועט זיין אַ פאַרשטעלונג נישט פאַר דיינע נערוון.

— וואַניאַ! — האָט זי טרויעריק אַ זאָג געטון, — אפשר געננוג? אפשר וואָלט צייט געווען אָפּלאָזן און אַוועקפאָרן אין ערגעץ אָפּרוען? איך פיל, אַז ס'קלייבט זיך אַ שטורעם איבער דיין קאָפּ. וואָס וועט פון מיר ווערן אָן דיר, וואָס וועט זיין מיט אונדזער קינפטיק קינד?

טווערדאָווסקי האָט זי שטאַרק אַרומגענומען.

— וואָס רעדסטו? דו געדענקסט, אַז דו האָסט מיר גע־געבן אַ וואָרט צו גיין מיט מיר אומעטום און מיר נישט שטערן. דער קאַמף האָט זיך נאָר אָנגעהויבן. זיי רויק, רעג זיך נישט אויף און לאָז מיר זיך נישט אויפרעגן. זיץ!

ער האָט אַנטאָנינאַן צערטלעך אַוועקגעזעצט און מיט אַ

נאַגאַן אין טאַש, איז ער אַרויס פון הייזל. אַלע חברהלייט זיי־
נען געשטאַנען אויף דער לאָנקע און זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס
מ'האָט זיי אַזוי איילִיק צוזאַמענגערופן. טווערדאָווסקי איז צו
זיי צוגעגאַנגען און איז דורכגעגאַנגען דורך דער רייע, קוקנ־
דיק יעדן גלייך אין פנים אַריין. זיי האָבן אים באַגלייט מיט
די אויגן. ער איז נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט
פאַר שמאַטשן.

— גוט־מאָרגן, שמאַטש! — האָט ער געזאָגט, — דו
געדענקסט, ווי מיר האָבן זיך מיט דיר צום ערשטן מאָל גע־
טראָפן? דעמאָלט האָסטו מיך פאַרטשעפּעט און האָסט באַקומען
אַ פּסק. איצט ביסטו ווייטער קעגן מיר און אָט נאַ דיר...

די דערנעבן־שטייענדיקע חברהלייט האָט אַרומגענומען אַ
פּולווער־רויך און שטיקער פון שמאַטשס צעפּיצלטן קאָפּ. ער
איז אַ פאַל געטון, ווי אַן אונטערגעזעגנער, צו זייערע פיס.
אַלע האָבן אויפגעציטערט.

— און איצט, — האָט אַ געשריי געטון טווערדאָווסקי,
האַלטנדיק אין דער הויך דעם נאַגאַן, — זאָלן אַרויסגיין די
צווייען, וועלכע האָבן מיט אים זיך צונויפגערעט מיך צו
אַרעסטירן. גייט־אַרויס, פּאַסקודניאַקעס!

די חברהלייט האָבן שווייגנדיק געקוקט איינער אויפן אַנ־
דערן. ציטערנדיק, האָט איינער געמאַכט אַ טריט פאָרויס, דער
צווייטער האָט געפּרווט זיך אַרויסדרייען הינטער די חברימס
פּלייצעס, וואָלאָדיאַ האָט אים אָבער אַרויסגעשטופּט.

— אייך וואָלט מען אויך באַדאַרפט צעשיסן, ווי משוגענע
הינט, — האָט געזאָגט טווערדאָווסקי, פּירנדיק מיטן נאַגאַן
איבער זייערע פון שרעק גרוי־געוואָרענע פּנימער, — נאָר כאַפּט
אייך דער טייוול! ווערגט זיך מיך אייער פאַררעטערישן לעבן!
איך זאָל אייך אָבער קיינמאָל מער נישט באַגעגענען, אַנדערש
וועט איר זיך געזעגענען מיטן לעבן. אַוועק, איר הינטישע זין!

די חברהלייט זיינען פּאַמעלעך זיך פונאַנדערגעגאַנגען.
טווערדאָווסקי און איוואַנישין האָבן באַזוכט שמאַטשס קערפּער.
אין גאַרטל האָבן זיי געפונען אַ גרויסע סומע גאָלדענע פּינ־

פערריבלען, און אין הינטערשלאַק פון זיין בגד — אַ גוט־צו־נויפגעלייגטן פאַפיר. דאָס איז געווען אַ הסכמה פון דער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג, אַז דער געוועזענער קאַטאָרזשניק שמאַטש דאַרף נישט ווערן אַרעסטירט, ווייל ער אַרבעט פאַר דער זשאַנדאַרמעריע און איז אַ מיטאַרבעטער פון דער פאַרוואַלטונג.

— אָהאָ! נישט געבוג, וואָס ער איז אַ מסר, איז ער נאָך אַ שפיק אויך, — האָט איוואַנישין געזאָגט.

— איך האָב עס חושד געווען, — האָט טווערדאָווסקי זיך אָפּגערופן.

אין צוויי טעג אַרום האָט די פּאָליציי אויפן עק שטאָט געפונען שמאַטשס קערפּער. זיין מויל איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלדענע מטבעות, און צום רעקל איז געווען צוגעשטאָכן אַ צעטל: „דער מסר מיט די גאָלדשטיקלעך ווערן אומגעקערט, ווייל זיי זיינען נישט נויטיק".

## קאַפּיטל פופצן

# דער שטורעם דערנענטערט זיך

צוויי וואָכן זיינען אַריבער. די חברה־לייט האָבן גערוט און זיך געגרייט צו נייע אָנפאַלן. טווערדאָווסקי אַליין האָט זיך פאַרנומען מיט אַ נייער מלאכה. צוזאַמען מיט איוואַנישינען איז ער געפאָרן איבער די דערפער, זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אויפקויפער און אָרגאַניזירט אויף די ערטער קליינע פויערשע אויפשטאַנד־קרייזלעך, פאַרזאָרגנדיק זיי מיט געווער און אָנווייזונגען. אויף אַלע דרשות פון די ווערבירטע צוזונעמען זיי אין זיין אָפּטייל, האָט טווערדאָווסקי אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט:

— צו פרי. ווען מ'וועט דאַרפן, וועל איך אייך אַלעמען רופן. און איצט טאָר איך נישט איבערמעסיק פאַרגרעסערן דעם אָפּטייל. מיט אַ קלענער קאָמפּאַניע בין איך באַוועגלעך. היינט דאָ, מאָרגן דאָרט, — גיי כאַפּ מיך! און אַ גרויסער אָפּטייל איז שווער און וואַרפט זיך צופיל אין די אויגן. איר וועט אַזוי אויך ברענגען אייער נוצן.

דידאָזיקע קליינע פאַרטיזאַנישע קרייזלעך האָבן דאָך געווירקט, אַז די געציילטע פריצים, וואָס זיינען געבליבן זיצן אין זייערע גיטער, האָבן זיי פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט און געלאָפן אין שטאָט אַריין. די גאַנצע גובערניע איז געווען אַרומגענומען מיט אַן אימה.

טווערדאָווסקי האָט זיך געפרייט.

— סטעפּאַן, דער עסק גייט גוט, — האָט ער געטענהט צו איוואַנישינען, — אינגיכן וועט מען זיך דאַרפן אַריבערוואַרפן אין אַן אַנדער גובערניע. אַזוי איין גובערניע נאָך דער אַנדערער און מיר וועלן אַלע פריצים פאַרטרייבן ביז פּעטערבורג.

איוואַנישין האָט אַפּיקורסיש געשאָקלט מיט זיין צעפּאַטלטן פלאַקסענעם קאָפּ:

— הלוואַי זאָלן מיר זיך אַן עצה געבן. שוין צופיל שטייען מיר דער נאַטשאַלסטוואָ אין האַלדז, און דער קיסער האָט נאָך געניג כּוח.

איוואַנישינס שרעק האָט זיך אין איין שיינעם פרימאָרגן באַשטעטיקט.

די חברהלייט, וואָס זיינען געשטאַנען פאַרשטעקט אין וואַלד, האָבן פאַרטאָג באַמערקט אויפן האָריזאָנט שורות מענטשן. די פריילינג-זון, וואָס האָט זיך נאָר-וואָס אויפגעהייבן איבער די בוימער-שפּיצן, האָט באַלויכטן דידאָזיקע שורות, וועלכע האָבן זיך באַוועגט צום וואַלד צו און האָט אָפּגעשלאָגן מיט ראָזע שטראַלן אויף די מעטאַלענע שפּיזן, וואָס די לייט האָבן געטראָגן.

איינער פון די שומרים האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן פון דער זון, זיך איינגעקוקט און אַ פייף געטון:

— עהע, — האָט ער אַ בורטשע געטון, — מאָסקאַלעס. ווייזט-אויס, אַ גאַנצע ראָטע. קוק, ווי די שטיקעס בלאַנקען.

אַן גערויש איז די וואַך אָפּגעטראָטן און צוגעקראָכן צום לאַגער. די וועכטערס האָבן אויפגעוועקט טווערדאָווסקין און אים געמאָלדן וועגן געפאַר. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ פערד און זיך אַ לאָז געטון צום עק וואַלד אין דער באַגלייטונג פון איוואַנישינען און וואָלאָדיאַן. אַרויסגענומען דעם בינאָקל, האָט ער זיך איינגעקוקט לאַנג און אומרויק.

— יאָ, דאָס זיינען נישט קיין סטראַזשניקעס. דאָס זיינען סאָלדאַטן. בערך אַ צוויי ראָטעס. איר זעט, ווי זיי ווילן אונדז פון די זייטן אַרומרינגלען. נישטאָ קיין עצה. קיין שלאַכט וועלן מיר מיט זיי נישט אויסהאַלטן. מ׳דאַרף אָפּטרעטן. סטעפּאַן, נעם פינף מאַן, לויף מיט זיי צו יענעם עק וואַלד און גייט אַוועק, זיך אָפּשיסנדיק, לינקס דורכן געדיכטן וואַלד. זאָלן זיי אַהין קריכן מיטן גאַנצן כּוח און פאַרקריכן אין זומפּ. און, ווען איר וועט דורכגיין דורך אונדזער וועגל איבערן זומפּ, קערט זיך אום צוריק אין גלוכאָווער וואַלד. דאָרט וועלן מיר

זיך זען. און איך מיט די איבעריקע וועלן גלייך גיין אַהין מיטן דער רעכטער וועג, כדי זיך נישט אָנרייסן אויף זיי.

איוואַנישין האָט אַ שמיץ געטון דעם פערד און איז פאַרשוווּנדן. טווערדאָווסקי איז פאַמעלעך, מיט נישט היימלעכע רעיונות, צוגעפאָרן צום לאַגער און געוואָרפן דעם לעצטן קוק אויפן מקום מקלט, וואָס האָט געבראַכט גרויס נוצן במשך פון ווינטער און וועלכן ס'איז איצט אויסגעקומען אויף שטענדיק צו פאַרלאָזן. ער האָט אויפגעוועקט אַנטאָנינאַן, וועלכע איז נאָך געשלאָפן, און איר אָנגעזאָגט זיך שנעל צונויפצוקלייבן.

— מיר גייען אַוועק! אייל זיך! סאָלדאַטן גייען, — האָט ער איר געזאָגט און געהייסן דערלאַנגען פערד.

אין אייניקע מינוט אַרום, ווען דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט איז געוואָרן צונויפגעקליבן און צוזאַמענגעבונדן אין פעק, האָבן לינקס, פון דער זומפּיקער זייט, אַ קנאַל געטון אייניקע שאָסן. אין ענטפער האָבן זיך דערהערט אַנדערע שאָסן, דערנאָך האָט אַ קלאַפּ געטון אַ גלייכער זאַלפּ. און נאָך אים אַ כסדרדיקע שיטעריי.

— אויסגעצייכנט! בראַוואָ, סטעפּאַן! — האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט טווערדאָווסקי, — ער וועט זיי איצט פאַרפּלאָנטערן אין אַ קאַשע.

שווייגנדיק האָט זיך איבערן וואַלד געצויגן טווערדאָווסקיס קליינער אָפּטייל, און פון בערגל הינטער אים האָט זיך אויפגעהייבן אַ פלאַם און אַ רויך פון די אונטערגעצונדענע הייזלעך.

פלוצלונג איז טווערדאָווסקי, וועלכער איז געפאָרן אין דער שפּיץ פון אָפּטייל, געוואָרן אויפמערקזאַם און, מיט אַ האַנט-צייכן, אָפּגעשטעלט די איבעריקע.

— די צווייגלעך שאָרכן, דו הערסט, — האָט ער זיך געווענדעט צו וואָלאָדיאַן, — עמעצער קלייבט זיך דורך דורכן וואַלד.

אין ווירקלעך האָבן פון דער זייט געקנאַקט צווייגלעך, וועלכע זיינען באַזייטיקט געוואָרן דורך אַ שווערן קערפּער.

— פאָרזיכטיק! אָנלאָדן די ביקסן! — האָט אַ געשריי

געטון טווערדאָווסקי.

ס'האָבן אַ קנאַק געטון די ביקסן־שלעסער. נישט אָראָפּ־לאָזנדיק קיין אויג פון דער וואַלד־געדיכטעניש, אין פולער שטילקייט האָט דער אָפּטייל זיך געריִרט ווייטער. די קנאַקערייִ פון די צווייגלעך האָט זיך דערנענטערט. ענדלעך האָט טווערדאָווסקי, מיט אַן אָנגעשטעלטן מויזער, זיך אָפּגערופן:

— ווער קריכט דאָרטן? גיי־אַרויס!

אין דערזעלבער מינוט האָבן די צווייגלעך זיך פונאַנדערגענומען און אין זיי האָט זיך באַוויזן אַ מאָרדע פון אַ פערד מיט אַ ווייסן שטערנדל אויפן שטערן און אויפן פערד אַ רייטער־פיגור אין אַ סטראַזשניק־אוניפאָרם.

— שטיי, — האָט געזאָגט טווערדאָווסקי און אָנגעשטעלט דעם מויזער אויפן סטראַזשניקס שטערן, — קריך־אַראָפּ פון פערד! האָסט פאַרבלאָנדזשעט, פעטערל, נישט ריכטיק געטראָפן.

דער סטראַזשניק האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין שום מורא אָדער פאַרלעגנהייט. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און געפרעגט:

— אויב איך זע דעם הער טווערדאָווסקי, הייסט עס, האָב איך געטראָפן אין סאַמאָראָדנעם פּיטל. איך האָב צו אייך אַ צעטל פונם הער פּריסטאַוו כאַדזשי־אַגאַ.

ער האָט אויפן האַרצן אויפגעקנעפּלט דעם רעקל און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ קאָנווערט.

— אַן אינטערעסאַנטער בריוועטרעגער און מ'קאָן זאָגן — צו דער צייט, — האָט וואָלאָדיאַ זיך פונאַנדערגעלאַכט.

טווערדאָווסקי האָט פונאַנדערגעריסן דעם קאָנווערט און זיך פאַרטיפט אין לייענען דעם בריוו.

„הער טווערדאָווסקי, — האָט דער פּריסטאַוו געשריבן, — איך בין אַן ערלעכער מענטש און געהאַלטן מיין וואָרט נישט צו פאַרפאַלגן אייך אַנדערש, ווי למראת עין. כ'האָב אויך נישט געהאַט קיין סיבה אייך צו פאַרפאָלגן, איך בין אַן אָרעמאַן און איר זענט זייער בייהילפיק מיר און מיין פאַמיליע. איצט מוז איך אייך אָבער וואָרענען, אַז איך קאָן שוין גאָרנישט

אויפטון. אויף אַ באַפעל פון פעטערבורג גייען קעגן אייך סאָלדאַטן אונטער דער אָנפירונג פון זשאַנדאַרמען. פאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט געקאָנט דאָס פאַרשווייגן, נאָר ווייל איך בין איצט זייער נויטבאַדערפטיק, און מיט אייך לוינט בעסער צו האָבן עסקים, ווי מיט מיין נאַטשאַלסטוואָ, טאָ שיק איך דעם בריוו, כּדי אייך צו וואָרענען. מ׳האָט אויף אייך געשיקט אַ גאַנצן באַטאַליאָן און דער פּאָלקאָווניק האָט זיך פאַרשוואָרן אייך צו כאַפּן. גייט-זשע דעריבער וואָס שנעלער אַוועק אויף עפּעס אַן אַנדער אָרט, ווייל איינער פון די דורכגעטריבענע דורך אייך חברהלייט האָט, צוליב נקמה, אַרויסגעגעבן אייער מקום מקלט. אייער אונטערטעניקער קנעכט כ.-אַ.!״

טווערדאָווסקי האָט צונויפגעלייגט דעם בריוו און אַ קוק געטון אויפן ‑שליח.

— וואָס-זשע האָסטו, הינטישער זון, פאַרשפּעטיקט? דו האָסט באַדאַרפט נאָך נעכטן קומען.

— זייט מוחל, הער טווערדאָווסקי. נעכטן האָב איך אויפן וועג געמאַכט אַ כּוסה אין קרעטשמע, האָב איך אַביסל פאַרשלאָפן.

דער פאָרשטייער פון דער פּאָליציי, וואָס האָט זיך אַנט-שולדיגט פאַרן פאַרפאָלגטן טווערדאָווסקין צוליבן אָנשיכּורן זיך און פאַרשפּעטיקן, איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז וואָלאָדיאַ און אַנטאָנינאַ האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

טווערדאָווסקי האָט זיך אויך פונאַנדערגעלאַכט.

— נו, גוט! אָנגעשיכּורט איז אָנגעשיכּורט. אָט האָסטו נאָך אויף אויסניכטערן! און גיב-איבער דעם פּריסטאַוו אַ דאַנק. אגב, האָב איך געהערט, אַז ביי אים איז געבאָרן געוואָרן אַ זון.

— ריכטיק! — האָט אויסגערופן דער דערפרייטער סטראַזשניק, — אייערנעכטן האָט מען אים געטויפט.

— אויסגעצייכנט! גיב-זשע איבער דעם הער פּריסטאַוו פון מיר אַ מתנה פאַרן ניי-געבאָרענעם, — האָט זיך טווער-דאָווסקי פונאַנדערגעלאַכט, אַרויסגענומען פון טייסטער אַ הונ-דערטער און דערלאַנגט דעם סטראַזשניק. דער לעצטער האָט דעם הונדערטער פאַררוקט הינטערן בוזעם און זיך מילי-

טעריש פאַרנויגט.

— זייער דאַנקבאַר... אייער... הער טווערדאָווסקי, — האָט ער געזאָגט, שיר נישט טיטולירנדיק אים פון שמחה „אייער הויכוווילגעבוירן", און, אויסדרייענדיק דעם פערד, איז ער פאַרשווונדן אין דער וואַלד־געדיכטעניש.

באַגלייטנדיק אים מיט אַ געלעכטער, איז דער אָפּטייל אַוועק ווייטער.

קעגן אָוונט האָבן זיי זיך דערקליבן צום גלוכאָווער וואַלד, אַן אומבאַווינטע הונדערטיאָריקע געדיכטעניש, און זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען. וואָלאָדיאַ האָט אויפגערעגט זיך געזידלט, וואָס ס'קומט אויס צו נעכטיקן פּשוט אין וואַלד, אונטערן פרייען הימל, און געשאָלטן אַלע סאָלדאַטן און זשאַנדאַרמען אויף דער וועלט.

מ'האָט פונאַנדערגעברענט אַ פייער און אויף אַ דרייפוס געקאָכט גולאַזש. פאַר אַנטאָנינאַן האָט מען אָנגעשלעפּט אַסך ריטער און צווייגן, מ'האָט אַוועקגעלייגט פון דערהויך אַ וואַלאָק און געמאַכט איבער אים אַ סוכּה. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע. אַנטאָנינאַ האָט געציטערט אונטער דער קאָלדרע. טווערדאָווסקי איז געזעסן נעבן איר און געוואַרעמט איר די הענט, פונאַנדערגעבנדיק זיי. זיין פּנים איז געווען מרה־שחורהדיק און אומרויק.

אַרום האַלבע נאַכט האָבן זיך באַוויזן איוואַנישין מיט די חברהלייט. ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, האָבן זיי פאַרפירט די נאַכיאָגנדיקע סאָלדאַטן אין זומפּ אַריין, אַליין זיינען זיי אַוועק איבער די געהיימע שטעגלעך מיט אַן אַרומיקן וועג. נאָר אין דער שיסעריי מיט די סאָלדאַטן האָבן זיי אָנגעוואָרן איין חברהמאַן, קיריל, איוואַנישינס קוזין. אַ זעלנערשע קויל האָט אים דורכגעלעכערט דעם שאַרבן. אויסגעהערט איוואַנישינס ראַפּאָרט, האָט טווערדאָווסקי זיך נאָך מער אָנגעברוגזט.

קיריל איז געווען דער ערשטער פאַרלוסט פון דער חברה פאַר דער גאַנצער צייט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער גליקלעכער שטערן האָט אָנגעהייבן פאַרראַטן טווערדאָווסקין. ער האָט

אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויפן האַנט און זיך טיף פאַרקלערט. די חברהלייט האָבן שטיל און אומרויק נאָכגעשפּירט דעם אַטאַ־מאַנס באַוועגונגען. ענדלעך איז ער אויפגעשטאַנען.

— ניין! צו פרי האָבן זיי זיך דערפרייט! מיר וועלן זיך נאָך ראַנגלען! — האָט ער אַ געשריי געטון און צוגעגאַנ־גען צו אַנטאָנינאַן.

— טאָניאַ, מאָרגן וועל איך דיך מיט וואָלאָדיאַן אַוועק־שיקן אין שטאָט. דו וועסט דאָרט דערווייל וווינען.

— ווידער זיך צעשיידן? — האָט זי אומעטיק געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן.

— פאַרפאַלן. אַזוי איז נויטיק. אין אַזאַ מצב קאָן איך דיך נישט פאַרמשפּטן אויף אַ וואַנדערלעבן, אויף אַ געפאַר צו ווערן געטראָפן פון אַ קויל. דערמאָן זיך, אַז דו טראָגסט אַ קינד.

זי האָט שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און שטיל אַרויסגעשעפּטשעט: — נו, איז וואָס, אויב ס'איז נויטיק, וועל איך פאָרן.

אַ רויטע שווערע לבנה איז אויפגעגאַנגען איבערן וואַלד. די חברהלייט זיינען געשלאָפן נעבן פייער, איינגעוויקלטע אין וואַטל־דעקן.

# קאַפּיטל זעכצן

## אַ פּאַסטקע

אין דער אַרבעטער-פאָרשטאָט, הינטערן טייך פון דער גובערניאַלער שטאָט, אַנטקעגן דער בירזשענק, אונטער אַן אויס-געקרימטער טיר פון אַן איינשטאָקיקן הייזל, האָט זיך צוגע-טוליעט אַ פּשוט שילדל: „באַלמעלאָכע פון ביקסן און אַנדער כּלי-זין קוזמאַ פאָראַפּאָנטאָוו".

הינטער דער טיר, אין אַ פאַרראויכערטער שטוב, ווו אין ווינקל וואַלגערן זיך שטענדיק הויפנס אייזן-שמעלץ, פּרוזשינעס, שרויפן, אַלטע ביקסן-רערן א. ד. גל., ווו ס'שפּירט זיך אַ ריח פון אַמאָניאַק און אַנדערע זויערקייטן, זיצט אויפן פענצטערל ביי אַ בענקל בכבודו ובעצמו דער כּלי-זין-מייסטער קוזמאַ פאָראַפּאָנטאָוו. די גרויסע קודלענעס שטייען קאַפּויער אין אַלע זייטן פון זיין רעטעך-ענלעכער קאָפּ, דאָס קאָזע-בערדל טרייסלט זיך בעת דער אַרבעט, און די קליינע אויגעלעך באַוועגן זיך כּסדר און קוקן קיינמאָל נישט גלייך אין פּנים דעם אינטערע-סאַנט, נאָר שטענדיק אין ערגעץ אָן אַ זייט.

די שכנים פון דער פאָרשטאָט האָבן נישט איבעריק ליב פאָראַפּאָנטאָוון, און די אַרבעטער-קינדער האַלטן פאַר זייער גרעסטן פאַרגעניגן זיך אונטערצוגנבענען בין-השמשות און אַריינ-לאָזן אַ שטיין אין פאָראַפּאָנטאָווס שויבן. די סיבות פון דער-דאָזיקער שנאה זיינען נעפּלדיקע און נישט באַשטימטע.

אין פינפטן יאָר, ווען די פאַבריקן האָבן געקאָכט מיט שטרייקן און ס'האָבן זיך אָרגאַניזירט אַרבעטער-זעלבסטשוצן, איז דער מייסטער פאָראַפּאָנטאָוו געווען איינער פון גרעסטע שריי-

ערס און קעגנערס פון דער מאַכט. דער מייסטער פּאָראַפּאָנטאָוו פלעגט שיטן מיט קללות קעגן דער מאַכט און רופן אומברחמנותדיק זיך נוקם זיין אָן איר.

ער האָט אָרגאַניזירט אַ טעראָריסטישע קאַמפּס-גרופּע פון יונגע אַרבעטער און זיי מיט באָמבעס געשיקט קעגן פּראָקוראָר פּונם הויפּט-געריכט. צום אומגליק אָבער זיינען די טעראָריסטן, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט דעם פּראָקוראָר ביים אַרויסגאַנג פון זיין דירה, נאָך אַ שיסעריי אויפן אָרט פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער זשאַנדאַמעריע און זיינען אומגעקומען אויף דער תליה.

דערנאָך, ווען דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, דערשטיקט דורך שטראָמען בליי און קלעפּ פון קאָזאַקישע נאַגאַיקעס, זיינען אין די פאַבריקן אין משך פון אַ וואָך אַרעסטירט געוואָרן אַלע אָנפירערס פון די ס.-ד.-ישע און ס.-ר.-ישע אָרגאַניזאַציעס. מ'האָט אויך אַרעסטירט פּאָראַפּאָנטאָוון.

אַלע האָבן באַקומען צו איי׳ניקע יאָר קאַטאָרגע, פּאָראַפּאָנטאָוון האָט מען באַפרייט אונטער פּאָליציי-אויפזיכט, צוליב זיין עלטער און קרענקלעכן מצב. אינגיכן נאָך דעם, איז פּאָראַפּאָנטאָוו אַוועק פון דער פאַבריק, זיך געקויפט דאָס הייזל דאָ אין פאָרשטאָט און געעפנט זיין ווערקשטעל. און כאָטש דאָס אַלץ האָט נישט געגעבן קיין סיבה צו באַשולדיקן אין וואָס ס'איז דעם „אַלטן תרח", איז אָבער אַלעמענס באַציונג צו אים געווען אַן אומצוטרוי-גרינגשעציקע. אַלע האָבן געלאַכט פון אים, האָבן אָבער פאַר אים מורא געהאַט. קיינער פלעגט מיט אים נישט פאַרפירן קיין שמועס, ער אַליין פלעגט אויך נישט אַרויסווייזן קיין חשק דערצו, און האָט אַזוי געלעבט אינם שטיבל אַ שווייגנדיקער און איינזאַמער. אַ בעל-מלאכה איז ער אָבער געווען אַן אויסגעצייכנטער און פלעגט אַרבעטן מייסטערהאַפט. אַפילו בכבודיקע און רייכע בירגער-יעגערס האָבן ליבער געוואָלט פאַרריכטן זייערע ביקסן ביי פּאָראַפּאָנטאָוון און נישט איינמאָל געפרעגט, פאַרוואָס עפנט ער נישט קיין

ווערקשטעל אין צענטער שטאָט, דער אַלטער פלעגט אָבער מיט אַ כיטרן שמייכעלע שטענדיק ענטפערן:

— דאָ צווישן אַרבעטער בין איך געבאָרן געוואָרן, דאָ וועל איך שטאַרבן.

מ׳האָט זיך צו דעם באַצויגן, ווי צו אַ קאַפּריז פון אַ משונה־דיקן זקן, און מ׳איז הכנעהדיק געגאַנגען צו אים אין עק שטאָט.

יענעם אינדערפרי האָט פּאָראַפּאָנטאָוו פאַרראַכטן אַ צע־בראָכענע צווייערעיקע ביקס פון אַן אַקציז־אינספּעקטאָר. ער האָט זיך נידעריק אַראָפּגעבויגן איבער דעם שטרויפשטאָק, פיילנדיק דעם פאַרקלעמטן אייזן, און שטיל צוגעפייפט.

בשעת מעשה האָט אויף דער צווייטער זייט גאַס זיך באַוויזן אַ הויכער פאַרשוין אין אַ מונדיר און היטל פון גע־ריכטס־אַמט. ער איז פּאַמעלעך געגאַנגען איבערן טראָטואַר און זיך אַרומגעקוקט פוןביידע זייטן. אים אַנטקעגן איז געגאַנגען אַן עלטערער אַרבעטער. דער הויכער האָט זיך העפלעך אַ נויג געטון מיטן האַנט ביים היטל און עפּעס געפרעגט. דער אַרבעטער האָט געוויזן מיטן פינגער אין דער זייט פון פּאָראַ־פּאָנטאָווס מויער. דער הויכער האָט באַדאַנקט און איז אַריבער די גאַס אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען דער בעל־מלאכה, אויפ־הייבנדיק די קאָפּ פון שרויפשטאָק, האָט אים באַמערקט אויפן גאַס.

גלייך דערנאָך, האָט אַ סקריפּע געטון די טיר, און ס׳איז אַריינגעקומען דער גאַסט.

— זאָגט, דאָ וווינט דער האַנטווערקער פּאָראַפּאָנ־טאָוו? — האָט ער געפרעגט.

דער אַלטער האָט געעפנט דעם מויל, כדי צו ענטפערן, ער איז אָבער געבליבן זיצן, שטום קוקנדיק אויפן גאַסט. זיינע ברילן זיינען פּלוצלונג עפּעס אַראָפּגעקראָכן אויפן שפּיץ נאָז. דער קליענט האָט אַ שמייכל געטון.

— איר זענט דאָס זיכער פּאָראַפּאָנטאָוו? — האָט ער צו־געגעבן.

דער אַלטער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון דרימל און איז אויפגעשפּרונגען.

— זייט מוחל, הער, איך בין געוואָרן שוואַך אויף ז-
אויגן. דאָס בין איך. מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?
אָנשטאָט אַן ענטפער האָט דער גאַסט פונאַנדערגעוויקלט
אַ פעקל אין צייטונג-פּאַפּיר און אַוועקגעלייגט פאַרן בעל-מלאכה
אַ גרויסן מויזער אין אַ הילצערנער שייד.
— די שלאַג-פּרוזשינע האָט זיך צעבראָכן, — האָט ער גע-
זאָגט, — מ'דאַרף אַריינשטעלן אַ נייע. איך בעט נאָר נישט אויפ-
האַלטן, איך דאַרף נאָך היינט האָבן דעם ביקס, איך פאָר אין אַ שליחות.
דער אַלטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.
— ס'איז שווערלעך מיטאַמאָל. אפשר וועט נישט זיין קיין
פּאַסיקע פּרוזשינע, וועט אויסקומען צוגיין אין שטאָט אַריין...
איר זענט אַ היגער?
— יאָ, — האָט איינזילביק זיך אָפּגערופן דער קליענט.
— פון געריכטס-אַמט, הייסט עס, — האָט פאַרגעזעצט
דער בעל-מלאכה. — וווהין שיקט מען דאָס אייך, נישט שוין-זשע
צו כאַפּן טווערדאָווסקין? — האָט ער פאַרענדיקט, ליבלעך קוקנ-
דיק אויפן באַזוכער פון הינטער די ברילן.
דעם באַזוכערס ליפּן האָבן אַ צוג געטון מיט אַן אומצו-
פרידענעם און מאָדנעם שמייכל.
— איר זענט נייגעריק, — האָט ער געענטפערט, — איר
דאַרפט אָבער נישט. די שליחות איז אַ געהיימע און איר דאַרפט
וועגן דעם נישט וויסן.
— איך האָב אַזוי געפרעגט, — האָט זיך צומישט דער
אַלטער, — מער פון לאַנגווייליקייט. כ'לעב דאָ אויפן עק שטאָט,
ס'איז לאַנגווייליק. איין גליק וואָס ס'קומט אַ באַשטעלער, קאָן מען
זיך אַביסל דורכשמועסן. אויב אייך איז אַזוי איילִיק, — באַ-
אומרויקט זיך נישט, אויף זיבן אַזייגער וועלן מיר עס מאַכן.
צוויי רובל.
— גוט! איך וועל זיין, — האָט געענטפערט דער באַ-
שטעלער און, נישט געזעגענענדיק זיך, איז ער אַרויסגעגאַנגען.
דער אַלטער האָט נאָכגעקוקט, פאַרמאַכט די נישט גוט צוגעמאַכטע
טיר און איז אַוועק אין הינטערשטן צימער. פון דאָרטן איז ער

צוריק אַרויסגעקומען אין ווערקשטעל מיט אַ צייטונג, האָט זי פונאַנדערגעוויקלט און זיך לאַנג אין עפּעס איינגעקוקט. איבער זיינע ליפּן איז דורך אַ האַלבער שמייכל, אַ האַלבע גרימאַסע. ער האָט פּאָרזיכטיק באַהאַלטן די צייטונג און זיך גענומען פאַרן מויזער. ער האָט איבערגעקוקט אַלע פּרוזשינעס, וואָס זיינען געלעגן אין אַ באַזונדער קעסטל פון דער נישט-געפאַרבטער שאַנק, און מיט אַ נישט-צופרידענעם אויסזען אויפגעשטאַנען.

— סאַראַ טייוול! ס'וועט אויסקומען צו לויפן אין שטאָט אַריין. נישטאָ קיין פּאַסיקע.

ער האָט אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ די היטל, אַרויס אויפן גאַס, אָנגעהאָנגען אַ שלאָס אויף דער טיר און אַוועק איבערן גאַס מיט אַ דראָבנעם זקנישן שנעלן טריט.

אומגעקערט האָט ער זיך צו אָוונט-צו, ס'איז געווען האַלב זיבן. אָנצינדנדיק אַ נאַפט-לאָמפּ, האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויפן בענקל, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל, אים אויפגעוויקלט, אַרויסגענומען די פּרוזשינע, אַרומגעטאַפּט זי מיטן האַנט, פּרווונדיק איר בויגעוודיקייט, און, צורוקנדיק דעם פונאַנדערגענומענעם רעוואָלווער, האָט ער פון אים אַרויסגענומען דעם שלאָס און, איינשליסנדיק אין שרויפשטאָק, גענומען צופּאַסן די פּרוזשינע.

געאַרבעט האָט ער נישט געאיילט, אויפמערקזאַם, שטיל אונטערפייפנדיק, פּונקט ווי אינדערפרי, און מאָמענטנווייז זיך אָפּגעשטעלט, ווי זיך צוגעהערט צום מעלאָדיע-קלאַנג.

פּונקט זיבן האָבן אויפן טראָטואַר ביים גאַנעק זיך דערהערט טריט, דער טיר-סקאָבעל האָט זיך אייניקע מאָל אויפגעהייבן און אַ קלונג-געטון. דער אַלטער האָט אַ קוק געטון אויף דער טיר און געפרעגט...

— דאָס בין איך, — האָט געענטפערט אַ קול, — דער פרימאָרגנדיקער באַשטעלער, געקומען נאָכן רעוואָלווער.

פּאַראַפּאָנטאָוו האָט לאַנגזאַם זיך אויפגעהייבן און אָפּגערוקט דעם סקאָבעל. ס'איז אַריין דערזעלבער הויכער פאַרשוין אין געריכטס-אוניפאָרם.

— נו, וואָס, פּאַרטיק? — האָט ער געפרעגט.

— וואַרט-צו אַביסל, הער! איר וועט גלויבן, אַ גאַנצינקן טאָג אַרומגעלאָפן איבערן שטאָט, געזוכט אַ פּרוזשינע, און אָט נאָר-וואָס געפונען. דער רעוואָלווער, קאָן מען זאָגן, איז פון אַ זעלטענער סיסטעם, קאָן מען טאַקע מיטאַמאָל נישט געפינען. זעצט זיך צו, ס'וועט דויערן אַ צען מינוט, וועל איך מאַכן פאַרטיק.

ער האָט צוגערוקט דעם באַשטעלער אַ בענקל, יענער האָט זיך צוגעזעצט, אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס און אַ געגעץ געטון.

פּאָראַפּאָנטאָוו האָט געגראַבלט אין רעוואָלווער, עפּעס בור-טשענדיק. אויפן גאַס, הינטער דער טיר, האָט זיך דורכגעטראָגן אַן אויפברויז פון פאַרנאַכטיקן ווינטל, ס'האָבן זיך פונאַנדער-גערוישט די אַקאַציע-בוימער מיט די געדיכט-בלעטערדיקע היט-לען. פאַרביי דעם הויז האָבן זיך דערהערט עפּעס טריט. פּאָ-ראַפּאָנטאָוו האָט נאָך נידעריקער זיך איינגעבויגן איבערן רע-וואָלווער און פלוצלונג אָנגעהייבן רעדן שנעל און איילנדיק.

— אַ הינטיש לעבן האָבן מיר, הער. אַ גאַנצינקן טאָג נאָר דו האָרעוועסט און האָרעוועסט, און דו פּאַרדינסט קוים אויפן עסן, — ער האָט גערעדט, און אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ מאָדנעם, ווי די ווערטער וואָלטן פליסן פון זיינע ליפּן אינ-גאַנצן אומאָפּהענגיק פון זיינע געדאַנקען, און די געדאַנקען זיינען ערגעץ אין דרויסן פון צימער און כאַפּן-אויף עפּעס ווייטע קלאַנגען.

ער האָט פאַרמאַכט דעם שלאָס און מיט אים אַ קלאַפּ געטון. דערלאַנגט דעם באַשטעלער מיט אַן אויפגעשיינטן פּנים:

— נו, איצט איז פאַרטיק. נאַט-אייך.

דער באַשטעלער האָט איינגעוויקלט דעם מויזער אין אַ פּאַפּיר און אַרויסגענומען פון קעשענע דעם געלט-ביי̆טל. ער האָט געעפנט, אַרויסנעמענדיק געלט. אין דעמזעלבן אויגנ-בליק האָט פּאָראַפּאָנטאָוו הויך, מיט אַן אָנגעשטרענגטן און קווי-טשעדיקן קול, כמעט אויסגעשריגן: — מ'דאַרף דערלייגן, גנע-דיקער האַר!

דער באַשטעלער האָט אים פאַרווּנדערט אָנגעקוקט, ער האָט אָבער תּיכּף דערהערט, ווי הינטער זיין פּלייצע האָט מיט אַ רעש זיך געעפנט די טיר. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען, ווי אין צימער שפּאַרט זיך אַריין דורך דער שמאָלער טיר אַ גאַנצע כאָפּטע זשאַנדאַרמען.

מאָמענטאַל זיך אָריענטירנדיק, האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם אומנוציקן נישט-אָנגעלאָדענעם מויזער און אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ בראַונינג. ס'האָט אַ קנאַק געטון אַ קורצער שאָס, דער פאָדערשטער זשאַנדאַרמען-אונטעראָפיציר איז אַ פאַל געטון אויף דער פּאָדלאָגע. די האַנט האָט זיך אַ צי געטון צום צווייטן שאָס, זי איז אָבער תּיכּף אַראָפּגעפאַלן פון אַ קלאַפּ מיט אַ ביקסן-הענטל, מיט וועלכן פּאַראַפּאָנטאָוו האָט אים פון דער זייט מכבד געווען.

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך חמרים-ווייז אַרויפגעוואָרפן.

דער טיש איז אומגעפאַלן, די לאָמפּ האָט זיך פאַרלאָשן.

ווען עמעצער האָט מיט ציטערנדיקע פינגער אויפסניי אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, איז קוזמאַ פּאָראַפּאָנטאָווס באַשטעלער געלעגן אויף דער ערד, געבונדן די הענט און די פיס. דער זשאַנדאַרמען-ראָטמייסטער האָט זיך איבער אים איינגעבויגן:

— איר זענט טווערדאָווסקי?

און איז אַזש אָפּגעטרעטן אַהינטער, אָפּווישנדיק דעם שפּיי, וואָס ער האָט באַקומען אין פּנים.

---

## קאַפּיטל זיבעצן

# די פאַרליבטע פּראָקוראָרס ווייב

אַן איינפאַך געקליידעטע יונגע פרוי איז אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַנעק פון אַ ריינינקן שטיינערנעם מויער און אַ קוק געטון אויף דער צוגעשלאָגענער צום טיר וויזיט-קאַרטע:

„פּראָקוראָר פון קרייז-געריכט

סערגיי פּאַוולאָוויטש בובנאָוו",

האָט זי איבערגעלייענט, אַ זיפץ געטון און אָנגעדריקט דעם קנעפל פון עלעקטרישן גלעקל. ס'האָט אַ קלונג געטון אַ קייטל און אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן אַן עלעגאַנט שטוב-מיידל אין אַן אָנגעקראָכמאַלעטן פאַרטוך און אין אַ הייבל. זי האָט גרינגשעציק אָנגעקוקט דעם איינפאַכן גאַסט.

— וועמען ווינטשט איר?

— איז סאָפיאַ ניקאָלאַיעוונאַ אינדערהיים? — האָט די פרוי געפרעגט.

— וועגן וואָס פאַר אַן ענין?

— פערזענלעך. איר וועט איבערגעבן, אַז אַנטאָנינאַ מיכאַילאָוונאַ טקאַטשענקאָ האָט זי נויטיק.

דאָס שטובמיידל האָט פאַרקלאַפּט די טיר און איז פאַרשווונדן. אין אַ מינוט אַרום האָט זי ברייט געעפנט די טיר און דורכגעלאָזן דעם גאַסט.

— ביטע, — האָט זי מיט דרך-ארץ אַרויסגערעדט, באַגלייטנדיק זי אין פאַראַדנעם גאַסט-צימער, — די מאַדאַם וועט באַלד אַרויסגיין.

דער גאַסט האָט זיך געזעצט אויף אַ פאָטעל אין דערוואַרטונג פון דער באַלעבאָסטע. אין דערזעלבער צייט האָבן אויפן

גאַס, ביים גאַנעק פונם מויער, זיך געטראָפן צוויי פאַרבייגייערס. זיי האָבן גלייכגילטיק זיך אויסגעמיטן, ווי פרעמדע, און נאָר איינער פון זיי האָט שטיל, ווי צו זיך, געזאָגט:

— זי איז אַריין. סטעפּאַן, גיב גוט אַכטונג!

און זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. ביי די ווינקלען פון קוואַרטאַל האָבן ביידע זיך אָפּגעשטעלט און, נאַכלעסיק זיך אָנ־לענענדיק אָן די בוימער, זיינען זיי געשטאַנען און גערויכערט, וואַרפנדיק פון צייט צו צייט האַסטיקע בליקן אויפן מויער.

אין גאַסטצימער האָט אַ רויש געטון די פּאָרטיערע און מיט שנעלע טריט איז אַריין אַ פולע שיינע בלאָנדע פרוי אין אַ גרויער זיידענער קלייד. זי האָט זיך געוואָרפן צום גאַסט און זי אַרומגענומען.

— טאָניאַ! גאָט מיינער, ווי איך בין צופרידן! ווי אַזוי ביסטו אָבער געקומען צו מיר און ווי אַזוי האָסטו ריזיקירט? קום צו מיר אין בודואַר, ווייל דאָ קאָן נאָך אַריינדרינגען מיין סערזש, און דיר וועט קוים זיין אָנגענעם זיך צו טרעפן מיט אים, אויך איך וואָלט זייער דאָס נישט וועלן.

זי האָט אָנגענומען דעם גאַסט פאַרן האַנט און זי אַריינ־געפירט אין אַ ליכטיקן און קאָקעטן בודואַר.

— נו, זעץ זיך. אַך, ווי איך בין צופרידן! כ'מוז מיך מודה זיין, אין גימנאַזיע האָב איך בשום אופן נישט דערוואַרט, אַז דו וועסט האָבן אַזאַ ראָמאַנטישן גורל. די פריינדין פון באַ־רימטן טווערדאָווסקין. דאָס איז פּראַכטפול, ווי אַ ראָמאַן, — האָט אין התפעלות געפּלאַפּלט דעם פּראָקוראָרס ווייב, — ער איז דאָך אַן אמתע באַרימטקייט, דיין מאַן. ווי כאַדזשי־מוראַט אָדער זעלים־כאַן. צו זיין אַ ווייב פון אַזאַ מענטשן איז אַסאַך אָנגענעמער, ווי די ווייב פון אַ פּראָקוראָר, וועלכע שפּילט יעדע נאַכט ביז דריי אַזייגער אין קאָרטן, און אין דערהיים כראָפּעט ער און שענקט דיר נישט קיין שום אויפמערקזאַמקייט.

— ס'איז אפשר אָנגענעמער, ס'איז אָבער שווערער, ליבע סאָניאַ, — האָט אַנטאָנינאַ טרויעריק געענטפערט.

— ס'מאַכט נישט אויס. דערפאַר זיינען ביי דיר פּאַראַן

זכרונות. נו, דערציילֿ! אגב, דו האָסט זיך זיכער אויסגעהוו־
גערט. וואָס ווילסטו, קאַווע, קאַקאַאָ?

— באַאומרויק זיך נישט. איך ווילֿ גאָרנישט. איך בין
געקומען צו דיר, ווי צו אַן אַלטן פריינט, מיט אַ גרויסער בקשה.
אַדאַנק דיין לאַגע, קאָנסטו זי דערפילֿן. ס'איז נוגע מיין מאַן.

— דיין מאַן? — איז אַריין אין התפעלות דעם פּראָקוראָרס
ווייב, — אויסגעצייכנט, רעד! פאַר דיין מאַן וועלֿ איך מיך
סטאַרען צו טון אַלֿצדינג. מיין כּשרער מאַן רופט אים גזלן,
בנאמנות אָבער, ליבע טאָניאַ, זיי מיט זייער פּראָפּעראַנס, צוליב
וועלֿכן זיי איגנאָרירן זייערע ווייבער, זיינען גרעסערע גזלנים.
נו, רעד, רעד־זשע!

אַנטאָנינאַ האָט צוגערוקט דעם שטולֿ צו איר חברטע און,
נאָענט צו איר צוגעבויגן, האָט זי זיך פונאַנדערגערעדט שטי־
לֿערהייט, אויפגערעגט און אומרויק זיך אַרומקוקנדיק. דער
פּראָקוראָרס ווייבס פּנים איז געוואָרן פאַררויטלֿט, אירע אויגן
האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ היסטערישער התפעלות. זי האָט
אַ פּאַטש געטון מיט די הענט.

— גאָט מיינער, דאָס איז גלענצנד! — האָט זי געזאָגט,—
דאָס איז אַזוי ראָמאַנטיש! איך שווער דיר, אַז איך וועלֿ עס
טון. איבערמאָרגן וועט אַלֿץ זיין אין אָרדענונג, קאָנסט זיין
רויק. און אויב ער וועט פּרוּוון אָפּזאָגן, אָ, דעמאָלט וועלֿ איך
אים דערמאָנען זיין פּראָפּעראַנס! — האָט זי געזאָגט דראָענדיק.

— איך ווייס נישט, ווי זאָלֿ איך דיר דאַנקען, — האָט
אַנטאָנינאַ געזאָגט, איז אויפגעשטאַנען און זיך געזעגנט.

— צו וואָס? איך טו עס אין אַ גלייכער מאָס פאַר מיין
פאַרגעניגן וועגן, ווי פאַר דיר, — האָט געענטפערט די עק־
זאַלטירטע פּראָקוראָרס ווייב, קושנדיק די חברטע, — פאַרוואָס
ווילסטו אָבער נישט נאָך אַביסלֿ זיצן ביי מיר?

— כ קאָן נישט, שוין צייט. ס'וואַרט אויף מיר דאָס קינד.

— ווי, דו האָסט אַ קינד?... פון טווערדאָווסקין?

— יאָ, איך האָב געבאָרן מיט אַ וואָך צוריק.

— נו, איך וועלֿ דורכויס קומען אים אָנקוקן. אַך, ווי

לאַנגווײַליק איז, וואָס איך דאַרף האָבן אַ קינד פֿון אַזאַ פּאָג־פּאַטש, ווי סערזש, — האָט אַ זיפֿץ געטון דעם פּראָקוראָרס ווײַב, פֿאַרמאַכנדיק די טיר הינטערן גאַסט.

שמייכלענדיק איז אַנטאָנינאַ געגאַנגען איבערן גאַס. אויפֿן עק איז צו איר צוגעגאַנגען איינער פֿון די דורכגייערס, וואָס האָבן זיך באַגעגנט בײַם פּראָקוראָרס גאַנעק. ער איז גלײַכגילטיק פֿאַרבײַגעגאַנגען נעבן איר און קוים באַמערקבאַר אַ פֿרעג געטון:

— נו, ווי?

— אַלץ אין אָרדענונג, — האָט אַנטאָנינאַ געענטפֿערט, נישט אויסדרייענדיק זיך.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

פּראָקוראָר בובנאָוו האָט זיך אומגעקערט פֿון קלוב אַרום דרײַ אַזייגער בײַנאַכט אין אַ פֿריילעכער שטימונג. ער האָט אין פּאָקער געוווּנען אַן ערך צוויי־הונדערט רובל און אָפּגעגעסן אַ פֿײַנעם אָוונטעסן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון נאָנטע גוטע פֿרײַנט. אין פּאָדערהויז האָט ער אַראָפּגענומען די שיך, אָנגעטון די שטעקשיך און שטיל אַוועק אין שלאָפֿצימער, כּדי נישט אויפֿוועקן די פֿרוי און נישט באַקומען קיין פֿאָרוווּרף. אָבער צו זײַן פֿאַרוווּנדערונג איז די פֿרוי נישט געשלאָפֿן, זי איז געלעגן אין בעט, אין אַ חנעוודיקן שפּיצן־הייבל און, אָנגעלענט דאָס בלאָנד קעפּל אויף דער האַנט, געלייענט אַ פֿראַנצויזישן ראָמאַן אין אַ געלער הילע. דער פּראָקוראָר איז מיט מורא געבליבן שטיין אויפֿן שוועל.

— דו שלאָפֿסט נאָך נישט, סאָפֿי? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ דערשראָקענער פֿאַרוווּנדערונג.

— ניין, איך האָב געוואַרט אויף דיר, סערזש, — האָט געענטפֿערט דעם פּראָקוראָרס ווײַב און פֿאַרמאַטערט זיך אויסגעצויגן, ווי אַ שלעפֿערדיק קעצל. דער פּראָקוראָר האָט שטיל זיך געזעצט אויפֿן ברעג בעט און אַ קוש געטון דער ווײַבס האַנט. זי האָט פּיפּיק אַ שמייכל געטון און אים געדראָט מיטן פֿינגער.

— און איך האָב אויסגעטראַכט אַ שטראָף פֿאַר דײַן פֿאַרברענגען האַלבע נעכט אין די קלובן, — האָט זי געזאָגט, אָנ־

געמענדיק אַ מעגלעך באַקוועמסטע און פאַרפירערישסטע פּאָזע.

— מהם, — האָט געענטפערט דער פּראָקוראָר, אָנבויגנדיק זיך צו דער פלניתטע מיט אַ קוש. זי האָט פּלוצלונג זיך איינגעוויקלט ביז איבערן האַלדז אין קאָלדרע און, מאַכנדיק אַ שטרענגע מינע, האָט זי אים אַ קלאַפּ געטון איבער די ליפּן.

— ניין, ניין! דאָס לאָזט אָפּ! איך וועל אייך נישט דערלויבן זיך צורירן אַפילו צו מיינע פינגער, ביז איר, גנעדיקער האַר, וועט נישט דערפילן מיין בקשה.

— וואָס פאַראַ בקשה, גנעדיקע האַרין?

דעם פּראָקוראָרס ווייב האָט אַ זיפץ געטון.

— אַך, אַ קלייניקייט, סעריאָזשעלע. איך דאַרף האָבן אַ דורכלאָז-שיין אין תפיסה, כדי זיך זען מיט טווערדאָווסקין.

דער פּראָקוראָר איז אויפגעשפּרונגען. זיינע אויגן זיינען געוואָרן קיילעכדיק, און ער האָט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געוואָלט זי איבערצלמען.

— ביסטו ביים קלאָרן געדאַנק? — האָט ער אויסגעשריגן, — וואָס פאַראַ נאַרישע וויצן?

אויף איר שטערן האָט זיך באַוויזן אַ שטרענגער קנייטש, און אָנזאָג אויף אַ שטורעם.

— איך וויל זיך נישט, — האָט זי געזאָגט, —איך האָב אַפילו נישט בדעה צו וויצלען זיך. איך וויל זייער זען דעם באַרימטן גזלן. ס'איז מיר לאַנגווייליק צו לעבן. חוץ דיינע פאַרטנערן-קאָרטנשפּילערס און דיך, זע איך קיינעם נישט. און פון אייך איז פאַראַן קנאַפּ נחת. איך וויל אַ קוק טון אויף טווערדאָווסקין.

— חסר דעה ביזטו? דאָס איז אוממעגלעך, — האָט דער פּראָקוראָר געענטפערט, צונויפדריקנדיק די הענט, — וואָס פאַראַ ווילדע פאַנטאַזיע! — און, זעענדיק, אַז דער ווייבס פּנים נעמט אָן אַ שטרענגערן אויסדרוק, האָט ער איילִיק צוגעגעבן: —נו, לאָז וועל איך דיר געבן אַ קוש, טייבעלע!

דעם פּראָקוראָס פרוי האָט זיך אָבער אָפּגעטרייסלט פונם מאַן, ווי פון אַ קלעפּיק-קראַנקן.

— לאָז אָפּ, לאָז אָפּ! ס'איז מיר דערעסן זיך צו שטעכן

אָן דיינע פיש־באַקן. טשעפּע זיך אָפּ! אַט אַזוי האָסט מיך ליב? אַלזאָ גוט! קאָנסט זיך גיין שלאָפן אין דיין קאַבינעט און מער זיך אַהער נישט ווייזן. איך וויל דיך נישט אָנקוקן! איך וועל זיך פאַרשאַפן צוואַנציק, ניין, דרייסיק געליבטע, און דו קוש זיך אונדזער גלאַשאַן! דו מיינסט, אַז איך וויס נישט, אַז דו פּוצט זיך צו איר?

זי האָט אים געטראָפן אין פּינטל. דער פּראָקוראָר האָט זיך פאַרלאָרן.

— וואָס רעדסטו, — שעם זיך! וואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלן אין קאָפּ אַזאַ אוממעגלעכער געדאַנק? צו וואָס פאַראַ טייוול דאַרפסטו טווערדאָווסקין? וועגן וואָס וועסטו מיט אים, סוף כל סוף, רעדן?

— האָב נישט קיין מורא, — האָט איבערגעשלאָגן דעם פּראָקוראָרס ווייב, — ער קאָן זיכער רעדן אינטערעסאַנטער, ווי אָטאָ די דיינע געריכטס־קאַנדידאַטן, וועלכע האָבן מער אויפן קאָפּ נישט ווי בראָנפן און דעם צוואַנציקסטן פון חודש (ווען זיי באַקומען געהאַלט. איבערז.) אָדער דו גיסט מיר אַ דורכלאָז־שיין, אָדער...

— אָבער ער קאָן דאָך אַליין נישט וועלן, ס'זאָל גיין אויף אים קוקן, ווי אויף אַ חיה, עפּעס אַן עקזאַלטירטע... — דער פּראָקוראָר האָט שיר זיך נישט אַרויסגעכאַפּט „נאַר", ער האָט אָבער באַצייטנס פאַרבעסערט, — דאַמע. אָדער ער קאָן דיך פּראָסט פּשוט אויסזידלען, ווען ער וועט דערזען, אַז דו ביסט געקומען קוקן אויף אים, ווי אויף אַ חיה אין שטייג.

— איך זאָג דיר, אַז ער איז העפלעכער און אָנשטענדי־קער פון אייך אַלעמען. וועסט מיר געבן אַ דורכלאָז־צעטל אָדער נישט?...

— מ'דאַרף זיך אָבער מישב זיין. לאָז מיר אַ קלער טון...

— נאָר נישט געקלערט. וואָס פאַר אַ שלעכטער דו ביסט, סערזש. וואָס פאַראַ טיראַן! און איך האָב היינט אויף דיר אַזוי געצוואַרט. כ'האָב געמיינט, — האָט זי פאַרגעזעצט מיט אַ צוויבערדיקן שמייכעלע, אויפסנייַ אָפּוואַרפנדיק די קאָלדרע און

אָפּדענקנדיק איר גאַנצע פיגור, — ער וועט קומען פון קלוב, מסכּים זיין אויף מיין בקשה, וועט מיר טון די קליינע געפעליקייט, און איך וועל אים אַזוי שטאַ־אַרק צעקושן.

— נו, נו, גוט... איך וועל דיר געבן אַ דורכלאָז־שיין, לאָמיר זיך נישט קריגן, — האָט געזאָגט דער פּראָקוראָר, —נאָר גיב מיר אַ וואָרט, אַז דו וועסט נישט רעדן צו טווערדאָווסקין קיין נאַרישקייטן.

— וואָס פאַראַ נאַרעלע דו ביסט, — האָט געענטפערט דעם פּראָקוראָרס ווייב, לייגנדיק דעם מאַנס קאָפּ צו זיך אויפן ברוסט, — איך וויל דאָך פּשוט אַ קוק געבן אויפן גזלן. נו, לאָז וועל איך דיר געבן אַ קוש.

## קאַפּיטל אַכצן

## צו דער פרייהייט

ווי אַ געפאַנגענע חיה האָט טווערדאָווסקי זיך געוואָרפן אין זיין קאַמער, אין דעם הויכן אַכט-קלאַפּטערדיקן תּפיסה־טורעם, וווהין מ׳האָט אים איבערגעפירט נאָכן פּרווו צו אַנט־לויפן. די הענט און פיס האָט מען אים געשמידט אין קייטן, ביי דער קאַמער־טיר האָבן איינער נאָכן אַנדערן דעזשורירט צוויי עלטסטע און גרויזאַמסטע אויפזעערס באַלדעווו און מאָר־דיאַקין, וועלכע האָבן נישט אַראָפּגעלאָזן פון אויג דעם שרעק־לעכן אַרעסטאַנט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּאַניק אויף דער גאַנצער תּפיסה. דער תּפיסה־פאַרוואַלטער בכבודו ובעצמו קומט דריי מאָל אין טאָג אַ קוק טון, צי טווערדאָווסקי איז פאַראַן. אינדרויסן אויפן הויף אונטער דעם איינציקן פּיצינקן פענצטערל פון דער קאַמער האָט מען אָוועקגעשטעלט אַ ספּעציעלע אויס־ערלעכע שמירה, ווען מ׳האָט אָנגעזאָגט תּיכּף שיסן, ווי נאָר דער אַרעסטאַנט וועט זיך ווייזן אין פענצטער.

אוממעגלעך צו אַנטלויפן פונם שרעקלעכן טורעם. ס׳זיינען גראָב די שטיינערנע ווענט, אוממעגלעך זיי דורכצוברעכן, און אויב זיי שוין יאָ דורכברעכן, ווי אַזוי איז מעגלעך זיך אַראָפּ־צולאָזן פון אַן אַכט-קלאַפּטערדיקער הויך אונטערן אויפמערק־זאַמען קוק פונם שומר?

ס׳איז שווער אויפן האַרצן ביים אַטאַמאַן פון די וואַלד־ברידער. ס׳פאַרגייען מינוטן, שעהן, טעג, ער מאַטערט זיך אין דערוואַרטונג אויפן פּסק. ער איז מאָגער געוואָרן, זיך אויסגע־מאַטערט, די קייטן פאַלן שיר נישט אַראָפּ פון די הענט, די אויגן נאָר ברענען מיט אַן אומדערמידלעכן קאַמפּס-פייער, און

קאָפּ אַרבעט פּיבערדיק. נישט שוין זשע וועלן איוואַנישין און וואָלאָדיאַ גאָרנישט אויסקלערן אויף דער פרייַ? נישט שוין זשע איז באַשערט אומצוקומען, נישט אויספירנדיק קיין צענט-חלק פונם פאַרגענומענעם, נישט פאַרענדיקנדיק די נקמה אָן די פּריצים?

שפּרייזט טווערדאָווסקי אין קאַמער פון איין ווינקל אין אַנדערן. שטומפּיק קלינגען די קייטן.

פּלוצלונג בלייבט ער שטיין און קוקט צו דער טיר. ס'קנאַקט דער שליסל אין שלאָס, מיט אַ גרילץ עפנט זיך די טיר און אין קאַמער גייט פאָרזיכטיק אַריין דער טורמע-נאַטשאַלניק אין דער באַגלייטונג פון באַלדעוון. טווערדאָווסקי קוקט אים אָן אויסוואַרטנדיק.

— הער טווערדאָווסקי, — זאָגט דער טורמע-נאַטשאַלניק, — זייט אַזוי גוט צו גיין אויף אַ זעונג.

טווערדאָווסקי מאַכט אַ טריט פאָרויס. אין זיינע אויגן צינדט זיך אָן אַ פייער פון האָפענונג.

— אַ זעונג? מיט וועמען? — פרעגט ער מיט אַן עטוואָס ציטערנדיקן קול.

דער טורמע-נאַטשאַלניק גיט כיטרע און חניפהדיק אַ שמייכל.

— איר וועט בשום אופן נישט טרעפן. די פרוי פונם פּראָקוראָר פון קרייז-געריכט, פרוי בובנאָוו. די דאַמע אינטע-רעסירט זיך זייער מיט אייך.

טווערדאָווסקיס פּויסטן האָבן צאָרנדיק זיך געבײַלט, דער לכתחילה אויפגעשיינטער פּנים איז פינצטער געוואָרן. ער גלייכט זיך אויס און זאָגט בייז צום טורמע-נאַטשאַלניק:

— איך בין נישט קיין לאַלקע צום אָנקוקן. טרייבט די-דאָזיקע אידיאָטקע צום טייוול!

דער טורמע-נאַטשאַלניק האָט צעפּירט מיט די הענט.

— ווי איר ווילט, הער טווערדאָווסקי. איר וועט דערפון קיין הזיק נישט האָבן, ווי ס'זאָל נישט זיין וועט איר זיך דאָך אַביסל צעשטרייען. איך רעד צו אייך אויס מענטשלעכקייט, איר, ווידער, טוט ווי אייך געפעלט.

ער דרייט זיך אויס, כדי אַרויסצוגיין. פּלוצלונג באַשליסט זיך טווערדאָווסקי און שטעלט אים אָפּ.

— וואַרט־צו, גוט! כ׳וועל באַלד אַרויסגיין.

דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט זיך דערפרייט. אים האָט זיך זייער נישט געוואָלט איבערגעבן טווערדאָווסקיס אָפּזאָג. גאָט באַהיט, די איינפלוסרייכע דאַמע וועט זיך נאָך באַליידיקן, זיך באַקלאָגן פאַרן מאַן, ס׳וועלן זיך אָנהייבן אַמטלעכע אומאָנגענעמלעכקייטן.

— אָט איז גוט, — האָט ער מסכּים געווען, — באַלד, הייסט עס, וועל איך איר איבערגעבן, זי זאָל צוּוואַרטן. איר מוזט אָבער מוחל זיין, ביי דער זעונג וועל איך אַסיסטירן. אַזוי איז מיר באַפוילן געוואָרן.

— גוט, — האָט טווערדאָווסקי געענטפערט מיט אַ פריילעך געוואָרענעם געזיכט.

דער טורמע־נאַטשאַלניק איז אַרויסגעגאַנגען. טווערדאָווסקי האָט אָפּגעטרייסלט דעם כאַלאַט, מיט זיינע פאָלעס האָט ער אָפּגעווישט דעם שטויב פון די שווערע תּפיסה־שיך. באַלדעצוו, וועלכער איז געשטאַנען אין קאַמער, האָט שווייגנדיק אים נאָכגעקוקט.

— וואָס קוקסטו, באַלדעצוו? איך מאַך מיין טואַלעט פאַר אַ ליבע־זעונג, — האָט זיך געוויצלט באַלדעצוו. — האָסט נישט צומאָל אַ שטיקל שטריקל דעם כאַלאַט אַרומצוציען, אַנישט די שעה זאָל נישט זיין, דער כאַלאַט וועט זיך עפענען, די דאַמע וועט דערזען די אונטער־וועש — איז אומבאַקוועם.

באַלדעצוו האָט אָפּגעקנעפּלט זיין רעקל און פון הינטער אים אַרויסגעשלעפּט אַ לעדערנעם גאַרטעלע.

— אָט האָט איר, איוואַן וואַסיליעוויטש, גאַרטלט זיך אַרום. ווען איר וועט זיך אָבער אומקערן אין קאַמער, זאָלט איר מיר דעם גאַרטל אָפּגעבן, אַנישט, נישט אויסגערעדט זאָל זיין, איר קאָנט נאָך מאַכן אַ פּעטל, און איך וועל זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

— כ׳וועל אומקערן, באַלדעצוו, האָב נישט קיין מורא. צו שטאַרבן איז מיר נאָך פרי.

טווערדאָווסקי האָט זיך אַרומגעגאַרטלט מיטן רימענדל און איז אַוועק אין באַלדעצוס באַגלייטונג אין קאַנטאָר אַריין. ביי טווערדאָווסקיס באַווייזן זיך האָט זיך אויפגעהייבן און געמאַכט אייניקע שנעלע טריט אַנטקעגן אים אַ דאַמע אונטער אַ געדיכטן שלייער, וואָס איז געזעסן אויף דער באַנק. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהייבן דעם שלייער. טווערדאָווסקי, וואָס האָט געקוקט אויף איר מיט אַ שפּאָטישן שמייכל, האָט פּלוצלונג אויפגעציטערט און בלאַס געוואָרן. דער שלייער האָט אָבער מאָמענטאַל צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער דאַמעס פּנים, און טווערדאָווסקי האָט מיט דרך-ארץ זיך געווענדעט צו דער באַזוכערין:

— מיט וואָס קאָן איך דינען, מאַדאַם?

די דאַמע האָט זיך אַרומגעקוקט. דער תּפיסה-נאַטשאַלניק איז געשטאַנען אייניקע טריט פונדערווייטנס, אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט און צוגעקוקט. די דאַמע האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען.

— ליידער, הער טווערדאָווסקי, טאָרן מיר נישט רעדן אָן עדות. דאָס וועט מיך אָבער נישט אָפּהאַלטן. איך האָב מיך באַשלאָסן אויף אַלעם. פון דער צייט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט וועגן אייך, קאָן איך רויק נישט לעבן. אייער געשטאַלט האָט פאַר מיר פאַרשטעלט אַלץ, מיט וואָס איך האָב ביז-איצט געלעבט. און איך קאָן זיך מער נישט מאַטערן מיט מיין שווייגן. איך בין געקומען אויפריכטיק אייך זאָגן, אַז איך האָב אייך ליב.

דער תּפיסה-נאַטשאַלניק האָט זיך צעטומלט און זיך פאַרלאָרן. פון איין זייט, האָט ער לויט דער אינסטרוקציע נישט געקאָנט לאָזן דעם אַרעסטאַנט מיט דער דאַמע אַליין. פון דער צווייטער זייט, הערן אַזעלכע דערקלערונגען איז געווען אי נישט דעליקאַט אי נישט אומגעפּערלעך. פאַרווערן אָבער דעם געשפּרעך האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט זיך צעהוסט, אָפּגעטראָטן צום פענצטער און גענומען אַרויסקוקן, שטייענדיק מיט דער פּלייצע צו טווערדאָווסקין און דעם פּראָקוראָרס ווייב. די

דאַמע האָט גענומען טווערדאָווסקין פאַרן האַנט און אים איינגעזעצט נעבן זיך אויפן באַנק.

די ז'אַמע האָט כּסדר גערעדט אייליק, אויפגערעגט און אָפּגעריסן וועגן איר פּלוצלונג אויפגעבראַזטן געפיל און בשעת מעשה אַרויפגעלייגט אירע קליינע הענטלעך אויף טווערדאָווסקיס הענט. איר פעלערינע האָט פאַרדעקט דידאָזיקע פאַרייניקטע הענט, און ביידע זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אין דערדאָזיקער פּאָזע.

— איך בין זייער גערירט, מאַדאַם, מיט אייער דערקלערונג און פיל מיך געשמייכלט, וואָס איך האָב געקאָנט אין אייך דערוועקן אַזאַ שיין און אויפריכטיק געפיל, — האָט טווערדאָווסקי געענטפערט, — וואָס בין איך אָבער פאַר אייך, אַן אָרעמער אַרעסטאַנט, וועמען ס'איז באַשערט קאַטאָרגע, און אפשר אויך דער טויט? איך וועל אייך ברענגען נאָר אומגליק. אַנטלויפט פון מיר, פאַרגעסט מיך, און איך וועל אַפילו אין קבר אַריין מיטנעמען אייער באַצויבערנדיקן אָנבליק פון אַ פרוי, וואָס האָט ליב באַקומען אַן אומגליקלעכן.

טווערדאָווסקיס קול האָט געקלונגען מיט אַ טראַגישן טעמבער, אין זיינע אויגן אָבער האָבן זיך געשפּילט שאַרפע פרייז לעכע פייערלעך, און די ליפּן האָבן געציטערט, ווי זיי וואָלטן פאַרשטיקט אַ געלעכטער.

— איר זענט גערעכט, — האָט די דאַמע געזאָגט, וויינענדיק, — איר זענט גערעכט. איך בין אומזיניק! זייט מיר מוחל. איך גיי אַוועק, דאָך וועט מיר אָבער זיין גרינגער פונם באַוווסטזיין, אַז איך האָב פאַר אייך געעפנט מיין האַרץ.

זי האָט זיך אויפגעהייבן און געוואָרפן טווערדאָווסקין אויפן האַלדז, און דערנאָך מיט אַ יללה אַרויסגעלאָפן פון קאַנטאָר. טווערדאָווסקי האָט איר נאָכגעקוקט. דער תּפיסה-נאַטשאַלניק איז צוגעגאַנגען און אים אָנגערירט פאַרן אַקסל.

— צייט אין קאַמער אַריין, הער טווערדאָווסקי. אַן אָנגענעמע דאַמעלע. מקנה צו זיין, וואָסער בר-מזל איר זענט. איך גראַטולי̇ר אייך!

— אַ דאַנק, הער נאַטשאַלניק. די דאַמע איז אַ מערקווירדיקע. פאַראַן מיט וואָס צו גראַטולירן, — האָט טווערדאָווסקי געענטפערט מיט אַ שמייכל, און אין באַגלייטונג פונם אָנגעקומענעם באַלדעװון איז ער אַוועק אין קאַמער. דער שמייכל איז נישט אַראָפּ פון זיין פּנים.

ביים אַריינגאַנג אין קאַמער האָט ער באַלדעװון אָפּגעגעבן דעם רימען און איז אַריין אין קאַמער. דאָ האָט ער זיך געלייגט אויף דער קאָיקע, מיטן פּנים צו דער וואַנט און, פאַרזיכטיק קוקנדיק אויף דער טיר, אַרונטערגערוקט די האַנט הינטערן כאַלאַט. איינס נאָכן אַנדערן האָט ער אַרויסגעשלעפּט אויף דער קאָלדרע אַ דינעם זיידענעם שנירל, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין אַ קניילעכל, אַ זעקל, אַ דאַמען־ברוינינג און אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן. אין שאַכטל איז געווען צוואַנציק סיגאַרעטן פון ווייסן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר און פינף — פון געלן. איבער די פּאַפּיראָסן איז געלעגן אַ דין פּאַפּירל. טווערדאָווסקי האָט דאָס פּאַפּיר איבערגעלייענט:

— „מיר שיקן מתּנות דורך טאָניאַן. מיר וואַרטן אייער באַפרייען זיך, ווינטשן דערפאָלג. וואָלאָדיאַ און סטעפּאַן".

טווערדאָווסקי האָט שנעל צעקייט און אַראָפּגעשלונגען דאָס בריוול, דאָס איבעריקע האָט ער ווידער באַהאַלטן אויפן קערפּער הינטערן כאַלאַט און, אויסדרייענדיק זיך אײנגאַנצן צו דער וואַנט, האָט ער הויך אָנגעהייבן צו כראָפּען. ווען באַלדעװו האָט אים אויפגעוועקט צום ביינאַכטיקן טיי, האָט טווערדאָווסקי זיך אָפּגעזאָגט.

— באַלדעװו, איך בין היינט זאַט מיט ליבע, — האָט ער געזאָגט, קלאַפּנדיק דעם אויפזעער איבערן אַקסל, — איך נויטיק זיך אין גאָרנישט.

— איר האָט מזל, איוואַן וואַסיליעוויטש. — האָט זיך באַלדעװו צעשמייכלט.

שוין אַרום צען אַזייגער ביינאַכט האָט טווערדאָווסקי זיך אויפגעהייבן פון בעטל און גענומען שפּרייזן איבערן קאַמער פון איין ווינקל צום צווייטן, רויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס. ער האָט

זיך טיף פאַרצויגן, אַרויסגעלאָזן דעם רויך און הויך געלויבט דעם טיטון.

— אָט אַ טיטון! וואָס שייך, פּראָקוראָרישער. מענטשן האָבן אַ לעבן. נישט קיין טיטון, נאָר ממש האָניג!

ס'האָט אַ קלאַפּ געטון די „אויג״ און אין איר האָט זיך באַוויזן באַלדעוועס פּנים.

— וואָס רעדט איר, איוואַן וואַסיליעוויטש?

— איך לויב דעם טיטון. דעם פּראָקוראָרס פּרוי האָט מיר היינט געשענקט פּאַפּיראָסן. אויסגעצייכנטער טיטון. צייט איך לעב האָב איך נאָך אַזעלכן נישט געררויכערט.

— באמת אַזאַ גוטער? — האָט באַלדעוו געצווייפלט.

— אמת! אָט רויכער! איך בין היינט אין אַ גוטער שטימונג, בין מיך מכבד, — און טווערדאָווסקיס האַנט האָט דורכגערוקט אין דער „טיר-אויג״ אַ געלן פּאַפּיראָס.

— אַ דאַנק, — האָט געזאָגט דער אויפזעער און אָנגעריבן אַ שוועבעלע. אין צען מינוט אַרום האָט טווערדאָווסקי פאַר־זיכטיק אַרויסגעקוקט דורכן „אויג״. אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט איז באַלדעוו אויף אַ בענקל געווען פאַרזונקען אין אַ גאָר טיפן שלאָף.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אויפן אויסערלעכן פּאָסטן ביים טורעם האָט דעזשורירט דער ייִנגערער אויפזעער באַביענקאָ. נאָך האַלבער נאַכט איז ער געשטאַנען ביי דער טורעם-וואַנט און, אָנגעשפּאַרט אויפן ביקס, האָט ער לייכט צוגעדרעמלט. די שטילע מאַי-נאַכט האָט אַראָפּ־געשאָטן אויף אים דאָס מילדע זילבער פון די שטערן, און באַביענקאָ האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיין היימישן דאָרף, וועגן דער סאַדזשלקע און וועגן בראַונע מיידלשע אויגן. ער האָט אי־בערגעטראָטן פון איין פוס אויף דער אַנדערער, אַ זיפץ געטון און אַ וואָרף געטון מיט די אויגן אין דערהויך צום טורעם.

ווי אַ באַרג וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים אויף די אַקסלען און צוגעשמידט זיינע טריט צו דרערד. איבער אים, צוויי קלאַפטער אין דערהויך, האָט אַן גערויש זיך אויף דער

וואַנט געוויגט אַ מענטשלעכע פיגור.

באַביענקאָ איז געוואָרן אַפּהענטיק. אין זיין מוח האָבן מיט אַ מוראדיקן ווירבל אָנגעהייבן דרייען די געדאַנקען. פאַרשטענדלעך, דאָס לאָזט זיך אַראָפּ דער שרעקלעכער אַרעסטאַנט פונם איינצלנעם טורעם, דער אַטאַמאַן טווערדאָווסקי. מ׳דאַרף שיסן שנעלער. באַביענקאָס פינגער דריקן דעם ביקס, עפּעס אַן אינערלעכע שרעק שטערט אים אָבער אויפצוהייבן דעם ביקס. ברייט עפענענדיק די אויגן און ציטערנדיק אינגאַנצן, קוקט ער אויף דער פיגור, וואָס שאָקלט זיך, און אָנשטאָט צו שיסן, פרעגט ער מיט אַ ציטערנדיקער שעפּטש:

— איוואַן וואַסילעוויטש! דאָס זענט איר, — צי נישט?

אין ענטפער האָט ער דערהערט אַ שטרענגן און באַפעלערישן שעפּטש:

— שווייג! רויק, דער טייוול זאָל דיך נעמען!

נאָך אַ גרעסערע מורא כאַפּט אַרום באַביענקאָן. ס׳טרייסלען אים די ציין, און די שרעקלעכע פיגור איז שוין נאָענט איבער אים. אָט איז זי אַראָפּגעשפרונגען אָן גערויש, און אין באַביענקאָס אויגן קוקן באַפעלעריש גלאַנצנדיקע אין דער פינצטער שטרענגע בליקן.

— גיב דעם ביקס!

ווי אַן אויטאָמאַט, דערלאַנגט באַביענקאָ דעם ביקס. שטיל קנאַלט דער שלאָס, דער ביקס איז שוין ווידער אין באַביענקאָס הענט.

— מאַך נישט קיין טומל! דעם שלאָס וועל איך דיר אָפּגעבן, ווען כ׳וועל אַריבערקריכן דעם פּאַרקן. שטיי רויק, ווי קיינמאָל גאָרנישט. וועסט זיך טוישן, וועט קיינער נישט באַמערקן. און וועסטו טומלען — וועסטו אַליין זיך איבערגעבן דעם געריכט.

ווי דורכן חלום, זעט באַביענקאָ אַ הויכע פיגור, וואָס לויפט-דורך דעם הויף צו דער וואַנט. ס׳ווערט אונטערגעשטעלט אַ ברעט. די פיגור איז אויפן פּאַרקן.

— לייג אַוועק די ברעט אויף אַן אָרט! קיין וואָרט נישט

קיינעם, נאַ-דיר דעם שלאָס!

מיט אַ לייכטן קלונג פֿאַלט דער שלאָס אין הויף אַריין.

ווען באַביענקאָ הייבט-אויף די אויגן צום פֿאַרקן, איז שוין דאָרט קיינער נישט פֿאַראַן. מיט אַ זיפֿץ שלעפּט דער אויפֿזעער אַוועק אויף אַן אָרט די ברעט און שטעלט זיך צו דער וואַנט, דערהערנדיק די טריט פֿון דער נייער וואַך.

באַביענקאָ האָט איבערגעגעבן דעם פּאָסטן אין אָרדענונג.

---

## קאַפּיטל נײַנצן

# נײַע שלאַכטן

טווערדאָווסקי איז נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַרײַן. איבער אַלע שפּורן האָבן זיך געוואָרפן פּאָליצײַיִשע און זשאַנדאַרמען-שפּיאָנען, זיי האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט געפינען. די מלחמה האָט אינגיכן איבערגעריסן די זוכענישן.

אַ בלוטיקער שׂרפה-אָפּגלאַנץ האָט זיך אויפגעהייבן איבערן לאַנד און אַלץ פאַרשטעלט. ס'איז נישט געווען קיין צײַט צו זוכן טווערדאָווסקין. די מאַכט איז געווען פאַרנומען מיטן אָוועקטרײַבן אויף דער וועלט-שלאַכט די מיליאָניקע פּויערשע רוסלאַנד.

איז דורכגעפלויגן אַן אומבאַוווּסט דורך וועמען געלאָזטער קלאַנג, אַז טווערדאָווסקי איז געהרגעט געוואָרן דורך זײַנע אייגענע חבֿרהלײַט ביים צעטיילן די רויב. דערמיט האָט מען זיך באַרויקט, בפּרט, אַז טווערדאָווסקי אַליין האָט נישט געוויזן קיין שום סימנים פון לעבן.

דער פעברואַר-שטורעם האָט אַראָפּגערוימט, אַראָפּגעבלאָזן פון די אומענדלעכע רוסישע פעלדער גובערנאַטאָרן, זשאַנדאַרמען, פּראָקוראָרן, פּריסטאַווס און פּריצים און אָקטאָבער האָט זיי אַרײַנגעיאָגט אין קבֿר-אַרײַן. ס'איז אויפגעשטאַנען אַ וווּנדערבאַר נײַ לעבן, ס'איז געקומען אַ נײַער שטורעם, ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ נײַער קאַמף נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט מיט יענע, וואָס האָבן מיטן כּוח פון געווער און פויסט געוואָלט אומקערן דאָס אַלטע...

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אין דעצעמבער זיבעצנטן יאָר האָבן יאַמערלעך געקרעכצט

די ישובים און דערפער, וואָס ביים טראַקט פון רומעניע צום ברעג פון שוואַרצן ים און דניעפּר. פּאָלקאָווניק האַלטשינסקי האָט צונויפגעקליבן אַ שוואַרצע כמאַרע אָפיצירן פון אַ צוויי־טויזנט מאַן, צונויפגעשטויסן פון זיי אַ שלאַג־פּאָלק און זיך דורכגעקליבן פון רומעניע אויף קובאַן, ווו גענעראַל קאָרנילאָוו, דער אַלטער שונא פון דער רעוואָלוציע, האָט פונאַנדערגע־בלאָזן אַ פלאַם פון מרידה.

גרויזאַם האָבן זיך אויפן וועג נוקם געווען די אָפיצירן אָן די פויערן פאַר די בזיונות, וואָס זיי האָבן געליטן אויפן פראָנט פון די פויערן, וואָס האָבן געטראָגן די זעלנערישע שינעלן.

אין יעדן דערפל, אין יעדן ישוב זיינען אויסגעלייגט גע־וואָרן אויפן טרוקענעם שניי די דערשאָסענע דאָרפישע באָלשע־וויקעס, זיי זיינען אויסגעהאָנגען געוואָרן אויף די ברונעם־שטעקנס און טויערן.

נישט געקענט האָבן די האַלטשינישע אָפיצירן די מדות פון „רחמים" און רחמנות". די איינציקע מדה זייערע איז גע־ווען „נקמה".

אומדערבאַרמדיקע, טעמפּע און בייזע נקמה. נאַכט־ביי־נאַכט האָט דער הימל געלויכטן מיט שרפות־פלאַמען, ס'האָבן געברענט די פויערשע כאַטעס. אַפילו די בהמות האָט מען נישט געשאַנעוועט, און ביי די דערפער האָבן זיך געוואַלגערט צוזא־מען מיט די מענטשישע קערפּערס אויך פּגרים פון קי, שעפּסן און חזירים.

— מיט די וואָרצלען וועל איך אַרויסרייסן די באָלשע־וויסטישע מגפה, — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק האַלטשינסקי־צוקוקנדיק זיך צו דער אחזריות פון זיינע אָפיצירי, — זיי וועלן געדענקען, די הינטישע זין, די ראַטן־מאַכט.

האָבן זיך באַוועגט די האַלטשינישע האָרדעס אויפן גלייכן וועג, כמעט נישט באַגעגענענדיק קיין ווידערשטאַנד. די אַלטע אַרמיי איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און פונאַנדערגעשאָטן איבער די היימישע ערטער, קיין נייער כוח איז נאָך נישט געווען. די איינצלנע קליינע אָפּטיילן פון דער רויטער גוואַרדיע, נישט

דיסציפּלינירטע, נישט אויסגעמוּשטרירטע, וואָס זיינען מערסטנס באַשטאַנען פון ערב־רב, האָבן אין קאַמף נישט געקאָנט זיך פאַרגלייכן מיט האַלטשינסקיס אָפיצירן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען ספּעציעלע שולן און די שטרענגע מלחמה־שול.

אינדערפרי אויפן גרויסן פּלאַץ פון דאָרף „ניי־שטייגער", ווו ביים קלויסטער־פּאַרקן זיינען געלעגן איינער נעבן אַנדערן די קערפּערס פון עלף ניישטייגערשע פויערן, האָט דער סיגנאַליסט אויסגעטראָמייטערט, מ'זאָל זיך לאָזן אין וועג.

דער פּלאַץ האָט מאָמענטאַל זיך אָנגעפילט מיט אָפיצירן, דער פּאָלק האָט זיך אויסגעשטעלט אין קאַמף־אָרדענונג.

— רעכטס לויט אָפּטיילונגען! ערשטער באַטאַליאָן, מאַרש! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון דער פּאָלקאָווניק האַלטשינסקי, זיך דרייענדיק איבערן פּלאַץ אויף אַ הויכן העלגעלן פערד.

דער פּאָלק האָט דעפּילירט פאַרביי אים. ביים דורכגיין פון דער מינען־אויפרייס־קאָמענדע האָט האַלטשינסקי אַ שמייכל געטון און מיט אַ ווונק צוגערופן דעם קאָמאַנדיר. ער האָט אים געזאָגט אייניקע ווערטער.

פון די רייען האָבן זיך אויסגעטיילט אייניקע מאַן אָפיצירן.

— צינדט־אונטער אַלע כאַטעס פון דער לינקער זייט גאַס, — האָט האַלטשינסקי געזאָגט מיט אַ געלעכטער, — ווער ס'ווינט לינקס איז זיכער אַ באָלשעוויק.

די אָפיצירן האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזן איבערן גאַס מיט בינטלעך שטרוי און פלעשלעך נאַפט.

די איבערגעשראָקענע פויערן, וואָס האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אינמיטן פּלאַץ ווי אַן אונטערטעניקע סטאַדע שעפּסן און האָבן נאָר געוואָרפן אויפן פּאָלקאָווניק האַסטיקע, פינצטערע שנאה־בליקן, האָבן אַלע צוזאַמען זיך אַ לאָז געטון צו אים און געפאַלן אויף די קני.

— אייער עקסעלענץ! האָט רחמנות, פאַר וואָס גיין בעטלען?

— אַהאַ, — האָט האַלטשינסקי געזאָגט, — אָט ווי זיי האָבן איצט געגעבן לשון: — אייער עקסעלענץ. און ווען איך וואָלט

צו זיי איינער אַליין אַריינגעפאַלן, וואָלטן זיי מיך אויף שטיקער צעריסן, די געמיינע חיות! אוועק! — און איבערבויגנדיק זיך פון פערד, האָט ער אַ שמיץ געטון דער נאָנטסטן פויער מיט דער נאַגאַיקע איבערן פנים.

ווידער זיינען די פויערן ווי אַ דערשראָקן-אונטערטעניקע סטאַדע צוריקגעלאָפן פון האַטשינסקין. ס'איז נאָר געבליבן דער געליטענער זיך וואַלגערן אין יסורים איבערן ברודירן שניי, צוהאַלטנדיק דאָס צעשלאָגן אויג און קלאָגנדיק.

— וואָס פאַר אַ געקלאָגעריי? פאַרשטופּט אים די האַלדז!

דער נאָנטסטער אָפיציר האָט אויפגעהויבן דעם ביקס און מיט אַ שאָס פון דער נאָנט האָט ער דעם געשלאָגענעם צע-האַקט דעם שאַרבן.

פון די הייזער האָט אָנגעהייבן צו קריכן אַ געדיכטער רויך, פלאַמען-צינגער האָבן רוישנדיק אָנגעהייבן לעקן די שטרוי-ענע דעכער.

— איבערלאָזן די קוילנוואָרפערישע קאַוואַלעריע-אָפטיילונג! נישט לאָזן לעשן! ווי נאָר עמעצער וועט זיך דערנענטערן — רייב מיט די קוילנוואָרפערס.

האַלטשינסקי האָט אַ שמיץ געטון דעם פערד און צוגע-ריטן צום קאָפּ פון פאָלק. ווי אַ לאַנגער שלאַנג איז דער פאָלק אַרויס פון דאָרף און זיך געצויגן איבערן וועג. אינגיכן איז ער נעלם געוואָרן הינטער די בערגלעך אין דער סטעפּי-שער ווייטקייט. די הייזער האָבן געשרפעט ווי ריזיקע פאַקעלן, אונטער דער פאַרשטיקער געקלאָגעריי פון די פויערן און דער היסטערישער יאָמעריי פון די באַבעס. צוויי קוילוואָרפערס ביי די עקן פון פלאַץ האָבן אָבער געהאַלטן אין אומבאַוועגלעכקייט דעמדאָזיקן המון, וואָס האָט פון שרעק און אויפרעגונג אָנגע-וואָרן דעם באַוווסטזיין.

די אָפיצירן ביי די קוילנוואָרפערס האָבן אומגעלומפּערט געלאַכט, זיך טוישנדיק מיט באַמערקונגען מכּוח די נאַרישע מאָרדעס פון דידאָזיקע באַלשעוויקישע בהמות. די געיאָמעריי און דאָס קנאַקן פון די פלאַמען האָט וואָס ווייטער אַלץ מער

פאַרטויבט אַלע אַנדערע קלאַנגען.

און די אָפיצירן, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די קוילנ-וואַרפערס, האָבן נאָר דאָן זיך אויסגעדרייט אויף אַ פערדישער טופעריי, ווען פון א זייטיקער גאַס אין דאָרף האָבן אויפן פלאַץ זיך באַוויזן אין גאַלאָפּ די ערשטע רייען רייטערס מיט בלאַנקע שווערדן. אויף די פּאַפּאַכעס זיינען ביי זיי געווען העלרויטע בענדער. דער קאָמאַנדיר פון קוילנוואַרפער-אָפּטיילונג, אַן אָפיציר, וואָס האָט אַסך דורכגעמאַכט, האָט זיך נישט פאַרלאָרן און מאָמענטאַל באַפוילן:

— אויסדרייען! איבער די רייטערס פונהינטן! אַ טאַשמע!

דער ערשטער קוילנוואַרפער האָט אַ שפּריץ געטון מיט בליי, ווען די רייטערס זיינען שוין געווען אַ פּופציק טריט נאָענט, און ווי מיט אַ מעסער האָט אָפּגעשניטן די ערשטע רייען אין דערזעלבער מינוט האָבן אָבער ווי אויפגעכאַפּט זיך די אומבאַוועגלעכע פויערן. נישט צונויפגערעדט, אָבער מיטאַמאָל, ווי אַלע וואָלטן איינצייטיק פאַרשטאַנען, וואָס מ׳דאַרף טון, האָט דער צונויפגעשלאָגענער המון, אָן געווער, זיך אַ וואָרף געטון פון הינטן אויף די קוילנוואַרפערס.

ביידע קוילנוואַרפערס זיינען אומגעוואָרפן געוואָרן אונטערן דרוק פון די לעבעדיקע קערפּערס, איבער די אומגעוואָרפענע אָפיצירן האָבן געטראָטן די שווערע פּאַדקאָוועס פון די פויערשע טשאָבאָטעס, די אַנטלאָפענע אָפיצירן האָבן די רייטערס געהאַקט און זיי נאָכגעיאָגט איבערן פלאַץ.

ביים קלויסטער-הויז האָבן זיך אָפּגעשטעלט דריי רייטערס. איינער פון זיי אויף אַ פערד, אַ גרויצן מיט עפּלפלעקן, האָט לאַנג געקוקט אויף די עלף צעשאָסענע קערפּערס און געביסן די ליפּן. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צום אַנדערן.

— וואָלאָדיאַ, הייס איבערטראָגן אַלעמען אין שפּיטאָל! מאָרגן וועלן מיר מקבר זיין. איך באַפולמעכטיק דיך צו זאָרגן וועגן דעם.

דער צווייטער האָט אויסגעהערט דעם באַפעל און עפעס

געפרעגט, אַנווייזנדיק אויף די זעקס לעבעדיק-געפאַנגענע אָפּי-
צירן, וועלכע די קאַוואַלעריסטן האָבן מיט נאַגאַיקעס געטריבן.
— קלויב-אויף דעם עולם אין אַ קרייז! — האָט דער ער-
שטער געענטפערט.

די פּויערן, אויפגערעגטע, דורכוועכטלענדיק זיך, האָבן אַרומגערינגלט אין אַ פעסטן רונג די גרופּע פון די דריי ריי-טערס און די געפאַנגענע. דער וואָס איז געזעסן אויפן גרויען פערד האָט הויך אויפגעהייבן אַ האַנט, רופנדיק צו שווייגן. אַלץ איז מאָמענטאַל שטיל געוואָרן, נאָר צענדליקער פּויערישע אויגן זיינען איבערגעלאָפן פונם רייטערס פּנים צו די ווייסע, ווי קרייד, פּנימער פון די געפאַנגענע.

— חברים פּויערן! — האָט זיך דערהערט אַ קלינגעדיקער און פולער קול, — אין מיינע הענט זיינען זעקס פון יענע אומזיניקע, וועלכע מיינען, אַז מיט בלוט און אייזן קאָן מען אומקערן דאָס אַרבעטנדיקע פּויערטום און רשות און מאַכט פון די פּריצים! איך גיב זיי אָפּ אונטער אייער משפט. וואָס זאָלן מיר זיי טון?

— טויטן!... ממיתן, ווי הינט!... באַגראָבן אין דרערד לעבעדיקערהייט!... פאַרברענען אויף אַ פייער! — האָבן זיך דערהערט אויפגערעגטע רציחהדיקע קולות און לסוף, זיך צו-נויפגעגאָסן אין איין אַלגעמיינעם געשריי:

— פאַרברענען לעבעדיקערהייט! זאָלן זיי זיך איינקאָר-טשען.

דעם רייטערס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט און אַ ציטער געטון. ער האָט ווידער באַפעלעריש אַ מאַך געטון מיטן האַנט.

— חברים, — האָט ער געזאָגט, -- אייער אורטייל איז קלאָר — טויט! — איך וועל אים אויספירן. פאַרברענען אָבער מענטשן לעבעדיקערהייט פּאַסט נישט פאַר אַ פאָלק, וואָס איז באַפרייט געוואָרן און קעמפט פאַר דער פרייהייט, דאָס פּאַסט פאַר די צעווילדעוועטע פּריצים, וואָס האָבן אָנגעוואָרן דעם קאָפּ פון רציחה, ווייל ס'האָט זיך אָפּגעטון פון זיי דער כּוח און די מאַכט. מיר מאַטערן נישט און פייניקן נישט. דאָס גע-

זעץ פון טויט איז שטרענג און אומבאַדינגט, דער טויט טאָר אָבער נישט ווערן באַגלייט מיט איבעריקע יסורים. טויט די שונאים, נאָר מאַטערט זיי נישט! לאָמיר ווייזן, אַז מיר זיינען בעסער פאַר זיי.

די פויערן זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— דאָ? — האָט געפרעגט איינער פון דעם רייטערס באַגלייטער.

— ניין! דאָ האָבן זיי דערשאָסן אונדזערע ברידער. זאָל זייער שוואַרצע בלוט זיך נישט צונויפמישן מיט ריינער בלוט, דאָרט, אויפן גאַס.

די זעקס האָט מען אַוועקגעפירט. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אין געסל דערהערט אַ זאַלפּ. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אויפן פּלאַץ. אַן אַלטע פויערטע איז צוגעגאַנגען צום רייטער אויפן גרויען פערד און צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו זיין פוס.

ווי רופט מען דיך, זונעלע, איך זאָל וויסן פאַר וועמען גאָט בעטן?

דער רייטער האָט שטיל געענטפערט:

— גאָט בעטן, באָבעלע, דאַרף מען נישט. נישט כדאי. און רופן רופט מען מיך איוואַן טווערדאָווסקי.

## קאַפּיטל צוואַנציק

# אומגעריכטע באַגעגעניש

באַלויכטן מיטן ציטערדיקן פייער פון אַ ליכט, האָבן דריי קעפּ איינאָוונט אין דער קלויסטער־הויז זיך געבויגן איבער דער ראַיאָן־מאַפּע.

טווערדאָווסקיס פינגער האָט דורכגעפירט אַ ליניע צווישן די געפּלאָנטערטע און דראָבנע צייכנס פון דער מאַפּע.

— פון שעפּעטאָווקע וועלן זיי גראָד גיין אויף פּערע־יאַסלאַוואָווקע. צוואָס זאָלן זיי זיך טרייסלען אויף פּיאַטיכאַטקי? דאָס דערפל איז אַן אָרעמס, דאָרט איז נישט פאַראַן קיין פּרנסה. אַלזאָ, קוקט! אויף דער נייַנטער וויאָרסט גייט די וועג מיטן טאָל, דורך די וועלדלעך. אַהער וועט איר זיך ווענדן! פאַרנעמט אַ פּאָזיציע און וואַרט אויף מיך! ביזן פרימאָרגן וועל איך קומען.

וואָלאָדיאַ האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ פון דער מאַפּע.

— איוואַן, וואָלסט אַוועקגעוואָרפן דעמדאָזיקן עסק. די שעה זאָל נישט בשעה זיין, קאָנסט זיך נאָך אָנרייסן. מיר וועלן זיי אַזוי אויך צעקלאַפּן אויף וואָס די וועלט שטייט.

— מיש זיך נישט אין דיינע עסקים! — האָט טווער־דאָווסקי געגעבן אַ פּסק, - טו, וואָס מ׳הייסט דיר!

האַלבע נאַכט זיינען טווערדאָווסקיס דרייהונדערט חברה־לייט אַרויס פון דאָרף אויפן וועג קיין פּערעיאַסלאַוואָווקע. גע־פירט האָבן זיי וואָלאָדיאַ און דער צווייטער נייער געהילף קאָסאָבאָטשקאָ. דער אַלטער חבר איוואַנישין איז העלדיש גע־פאַלן אין אָקטאָבער אין פּעטערבורג, ביים שטורמען דעם ווינ־טער־פּאַלאַץ.

די קאָלאָנע האָט פּאַמעלעך זיך געצויגן איבערן שנייאיקן

וועג. פּאָרויס זיינען שווייגנדיק געפאָרן וואָלאָדיאַ און קאָסאָ־באָטשקאָ. וואָלאָדיאַ האָט געריכערט אַ „קאָזע־פיסל“ (טיטון, צונויפגעדרייט אין אַ פּאַפּירל. — איבערז.). דער פּראַקטיקער ווינט האָט געריסן און פונאַנדערגעוואָרפן אינם ווייסלעכן נעפּל די גילדערנע פונקען פון דער מאַכאָרקע.

— ס'געפעלט מיר נישט זיין איינפאַל, — האָט ער גע־זאָגט צו קאָסאָבאָטשקאָן, — ער קריכט אַליין אין פייער. און איך בין היינט פון דערפרי אָן עפּעס אומרויק. די האַרץ איז נישט אויפן אָרט.

קאָסאָבאָטשקאָ האָט אַ ברום געטון אין זיינע אַראָפּהענ־גענדיקע כינעזישע וואָנצעס.

— אָהאָ! צי ביסטו אַ באַבע? וועסט נאָך אָנהייבן גלויבן אין שדים?

— גאָר נישט דאָס,—האָט וואָלאָדיאַ זיך אָפּגערופן,—ס'טרעפט אָבער אַזאַ שווערקייט. ס'איז אומעטיק.

קאָסאָבאָטשקאָ איז נאָענט צוגעפאָרן און אַ קלאַפּ געטון וואָלאָדיאַן איבערן קני.

— עהע! דו שלינג אַראָפּ אַ גלעזל בראָנפן, וועט איבער־גיין. נאַ, שלי־מזל!

ער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן רעקל אַ רייזע־פלאַש און דערלאַנגט וואָלאָדיאַן, אָפּשרויפנדיק דאָס העלדזל. וואָלאָ־דיאַ האָט אָפּגעזופּט אַביסל. אַ וואַרעמע כוואַליע איז דורכגע־לאָפן איבער זיין קערפּער. ער האָט אָפּגעגעבן די פלאַש קאָ־סאָבאָטשקאָן און, ווערנדיק מיטאַמאָל פרייליכער, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער אָפּטיילונג.

— צוזאַמענציען זיך! די הינטערשטע — נישט אָפּשטיין! מונטערער!

האָבן אָנגעהייבן צו קלאַפּן אָפּטער און דייטלעכער די פערדס קאָפּיטעס, די קאָלאָנע האָט אָנגעהייבן ווערן קירצער.

לויטן קירצער ווערן און לויט דעם, ווי שנעל דאָס איז אויסגעפירט געוואָרן, איז געווען קאָנטיק, אַז די לייט פון דער אָפּטיילונג קאָנען זייער זאַך. און באמת, — טווער־

דאָווסקי האָט אָנגעקליבן זיין אָפּטיילונג פון אַלטע און דער־פאַרענע קאַוואַלעריסטן, לאַנג שמועסנדיק מיט יעדן צוגעקומענעם.

אַדאַנק דעם, האָט טווערדאָווסקיס אָפּטיילונג געשמט מיט איר דיסציפּלין און שלאָגפייאיקייט צווישן די פיל קליינע אָפּטיילונגען רויטע גוואַרדיע, וואָס האָבן אָפּערירט אין דער ריכטונג. חוץ דער דיסציפּלין און שלאָגפייאיקייט, האָט טווער־דאָווסקי אויך מאָראַליש הויך אַוועקגעשטעלט די אָפּטיילונג. קיין פאַלן פון גזילה און פאַרגוואַלטיקונג זיינען נישט געווען באַ־קאַנט אין דער אָפּטיילונג. אין די ערשטע צייטן האָבן איי־ניקע צוו דער אָפּטיילונג, וואָס זיינען אַדורך דעם עקזאַמען ביים נאַטשאַלניק, זיך דערלויבט אַ גזילה אין אַ פאַרוואָרפע־נעם שטעטל.

אינדערפרי זיינען זיי אויף טווערדאָווסקיס באַפעל אייגנ־הענטיק דערשאָסן געוואָרן דורך וואָלאָדיאַן און קאָסאָבאָטשקאָן פאַרן פראָנט פון דער אָפּטיילונג. טווערדאָווסקי האָט געוויזן מיטן פינגער אויף די קערפּערס און, בייז אָנכמורנדיק די ברעמען, האָט ער געזאָגט:

— איר זאָלט געדענקען! אַזוי וועט זיין מיט יעדן ליב־האָבער פון אַ לייכט פאַרדינסטל, מעג עס זיין אַפילו מיין ליבלעכער ברודער. די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי רויבט נישט, און ווער ס'פאַרשטייט עס נישט, דער האָט נישט קיין אָרט אויף אונדזער ריינער ערד.

דער ביישפּיל האָט געווירקט און מער קיין רויבערייען איז נישט געווען. נאָך מער, די אָפּטיילונג־לייט האָבן מיט רוגזה זיך אָפּגעשאָקלט פון מענטשן פון אַנדערע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך געריכט מיט זייער רויב, מיט בריליאַנטענע רינגען, גאָלדענע זייגערס, פוטערס, אַראָפּגענומענע פון בורזשויען.

— אונדז האָט דער אַטאַמאַן פאַרווערט מיט אַזאַ שווינערייי זיך פאַרנעמען, — פלעגן זיי ענטפערן און אָפּקערן זיך מיט די פלייצעס צו די פרעמדע.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

אַ רויכערדיקער און פּראַסטיקער ווינטערדיקער פאַרטאָג. האָט ווי אַ ראָז פּאַסיקל אָנגעהייבן צו שפּראָצן אויפן האָרי־זאָנט, ווען די אָפּטיילונג האָט דערגרייכט דעם אָנגעצייכנטן אויף דער מאַפּע דורך טווערדאָווסקין טאָל צווישן די וועלדלעך. וואָלאָדיאַ האָט אָפּגעשטעלט די אָפּטיילונג.

— דו נעם אָנדערהאַלבן הונדערט און גיי רעכטס, און איך וועל גיין לינקס, — האָט ער געזאָגט צו קאָסאַבאָטשקאָן. די אָפּטיילונג האָט זיך צעטיילט אויף צוויי טיילן און איז אַריין אין די וועלדלעך ביי ביידע זייטן פונם טאָל, באַהאַלטנ־דיק זיך הינטער די געדיכטע ביימער, וואָס האָבן פאַרדעקט די ברעגן וועלדלעך.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . .

האַלטשינסקיס חברה האָט צוויי אַזייגער ביי׳טאָג זיך אַריינ־געריסן אין שעפּעטאָווקע און דאָ האָט זיך איבערגעחזרט דאָס־זעלבע, ווי אין ניישטייגער. אַפילו נאָך ערגער. ווען ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אָפּיצירן, האָבן די פויערן געפּרווט זיך קעגנשטעלן, מיינענדיק, אַז די ווייסע זיינען אַ קליין הייפל, וועלכע האָט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אין דאָרף. אין די אָפּיצירן האָבן אַ קלאַפּ געטון אייניקע שאָסן פון די געבראַכטע פון פראָנט ביקסן און יעגער־ביקסן.

די אויסשפּיר־אָפּטיילונג האָט אָפּגעטראָטן און געמאָלדן האַל־טשינסקין וועגן דעם ווידערשטאַנד.

— אַהאַ, אַזוי? — האָט אין גרימצאָרן געזאָגט דער פּאָל־קאָווניק, — אַרטילעריע!

די אונטערגעקומענע אָפּיצירישע באַטעריי האָט זיך אויס־געשטעלט, און מאָמענטאַל האָבן אויפן דאָרף זיך אַ שאָט געטון מענגעס גראַנאַ״ן. נאָך אַ לאַנגן באַשיסן די שוצלאָזע פויערן, זיינען די אָפּיצירן אָן שטערונג אַריין אין דאָרף.

האָט זיך אָנגעהייבן אַן אַלגעמיינע רעוויזיע, שמייסערײַ און דערשיסונגען. צו אָוונט־צו האָט דער פרייליכער רוישי־קער דאָרף אויסגעזען ווי אַ בית־הקברות.

דער פּאָלקאָווניק האַלטשינסקי האָט מיט זיינע שטאַב-לייט איינגעאָרדנט זיך אויף נאַכטלעגער אין דער שול, אַרויסטרייבנ־דיק די לערערין. אין אָוונט האָט ער זיך באַומרויקט, ווו האָט זיך אַהינטגעטון די קוילנ.וואַרפער-אָפּטיילונג, און געשיקט קאַוואַלעריע צוריק אין נײישטייגער נאָך די קוילנוואַרפערס. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט די אָפיצירן צום אָוונטעסן. צווישן די אָפיצירן איז געווען איין ציווילער אין אַ גוטן פּוטער מיט אַ ביבערנעם קראַגן. ער האָט פריינטלעך און פאַמי־ליער זיך באַצויגן צום פּאָלקאָווניק.

די געוויינלעכע אָפיצירן פון דער אָפּטיילונג האָבן מיט קנאה זיך צוגעהערט צו די געלעכטערס און צום געזאַנג, וואָס האָבן זיך געהערט פון דער שול, ווו ס'האָט געבאַלעוועט דער שטאַב.

די האַרמאַטן-באַטעריע האָט אויף ביינאַכט זיך פונאַנדער־געלייגט ביים עק דאָרף. זעקס האַרמאַטן זיינען געשטאַנען אויס־געשטעלט אין אַ שורה, נעבן זיי איז געגאַנגען אַ שומר, איינ־געוויקלט אין אַ פעלץ.

ער האָט זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געהערט פון מיטן דאָרף, און שטיל צוגעפייפט. פּלוצים האָט ער דערהערט טריט הינטערן פּלויט און געוואָרן אויפמערקזאַם. פון הינטערן פּלויט האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ פיגור.

— שטיי, ווער גייט? — האָט אַ געשריי געטון דער אָפי־ציר. די פיגור האָט זיך אָפּגעשטעלט און דער אָפיציר האָט דערהערט אַ דערשראָקענעם אויסגעשריי:

— אָי, האַרציקע, גאָט מיינער!

דער אָפיציר האָט אַ טראָט געטון פאָרויס, זיך צוקוקנדיק. פאַר אים איז געשטאַנען אַ הויכער נאָך יונגער פויער אין אַ גוטן שאָפּענעם פעלץ און אין אַ באַראַנקענער היטל.

— וואָס שלעפּסטו זיך דאָ אַרום, דו הינטישער זון? — האָט געפרעגט דער אָפיציר.

— ביייזערט זיך נישט, אייער ווילגעבוירן, — האָט זיך געבעטן דער פויער מיט אַ חניפהדיקן קול, — ווי די האַר־

מאַטן האָבן אָנגעהייבן צו קלאַפּן איבערן דאָרף, האָב איך מיך זייער דערשראָקן, געכאַפּט וויפל כ׳האָב געהאַט געלט און אַנטלאָפן. איצט קום איך צוריק.

דער אָפיציר האָט אַ שמייכל געטון. אים איז איינגעפאַלן אַ גוטע אידעע.

— מיט געלט ביסטו אַנטלאָפן? אַנו, קום נאָר אַהער! וווּ האָסטו דאָס געלט?

— אין גאַרטל.

— גיב־אַהער, מנוול, אָנגעראַבעוועט, — האָט אַ געשריי געטון דער אָפיציר, אָנשטעלנדיק דעם שפּיז אויפן פויער.

— אייער ווילגעבוירן!

— שווייג, אַנדערש לייג איך דיך אַוועק אויפן אָרט!

דער פויער האָט שווער אַ זיפץ געטון און, אויפבינדנדיק דעם גאַרטל, האָט ער אים דערלאַנגט דעם אָפיציר.

— נעמט, וואָס זאָל איך מיט אייך מאַכן. דאָס לעבן איז טייערער.

דער אָפיציר האָט גענומען דעם גאַרטל און, אונטערהאַלטנדיק דעם ביקס אויפן לינקן עלנבויגן, האָט ער אַ טאַפּ געטון די סחרה.

— אָהאָ! אַ פיינער פּעקל.

— אייער ווילגעבוירן, — האָט שטיל געבעטן דער פויער,— גיט כאָטש איין קערענקע אויף פרנסה מאָרגן פאַר מיין ווייב.

— דאָס יאָ. לאָמיר זיך טיילן. מיר ראַבעווען נישט, ווי די רויטע מנוולים, און האָבן מיטלייד מיט מענטשן.

דער אָפיציר האָט גענומען פונאַנדערבינדן דעם ברעג גאַרטל. דער פויער האָט שטיל אַ טראָט געטון צו אים, זיין האַנט האָט אַ פלי געטון אין דער לופטן, ס׳האָט זיך דערדערט אַ קורצער קנאַק פון אַ צעבראָכענער שלייף־ביין, און דער אָפיציר האָט אָן איין קלאַנג זיך געלייגט צו די פיס פונם באַרויבטן.

דער פויער האָט זיך אַרומגעקוקט און, אויפהייבנדיק זיין גאַרטל, איז ער צוגעגאַנגען צום ערשטן האַרמאַט. ער האָט שטיל

געעפנט דעם שלאָס, זיך איינגעבויגן. שטיל האָט אַ קלונג געטון איין שטאָל אָן אַנדערן. דאָסזעלבע איז געווען מיט די איבעריקע האַרמאַטן.

געענדיקט מיט דעם, האָט דער פויער זיך אויסגעגלייכט און מיט גלייכע טריט אַוועק אין מיטן דאָרף.

די שמחה אין שטאַב האָט זיך פונאַנדערגעוואָקסן. די פּלעשער זיינען געוואָרן ליידיק. די אָפיצירן האָבן געמאַכט אַ ראָד, פּאַטשנדיק מיט די הענט, און אינמיטן ראָד האָט געטאַנצט אַ לעגזינקע אַ שיינער גרוזינישער אָפיציר אין אוניפאָרם פון דאַגעסטאַנער רייטער-פּאָלק.

אינמיטן געטופּעריי, גיטאַרן-קלאַנג, הענט-פּאַטשעריי און אויסגעשרייען איז אין צימער פונם באַל אַריין אַ פּאַרשנייטער אָפיציר און, דערנענטערנדיק זיך צום פּאָלקאָווניק, האָט ער סאַלוטירט.

— הער פּאָלקאָווניק, דערלויבט צו ראַפּאָרטירן! אייך וויל זען עפּעס אַ פויער...

דער פּאָלקאָווניק האָט אַ וואָרף געטון אויפן אָפיציר די אַביסל פאַרשיכורטע אויגן.

— אַ פויער? מיך? וואָס פאַר אַ חוצפּה! גיט אים צווייהונדערט שאָמפּאָלן, ס'זאָל אים איבערגיין דער חשק מיך צו באַאומרויקן.

דער אָפיציר האָט אַ קנאַק געטון מיט די שפּאָרן, ער האָט אָבער עקשנותדיק געזאָגט:

— הער פּאָלקאָווניק, ער זאָגט, אַז ער האָט אַ וויכטיקע מיטטיילונג און וויל אייך וואָרענען פון אַ געפאַר. ער איז פון די רייכע פויערן, וואָס האַלטן אונדזער זייט.

— דאַן פירט אים אַריין אַהער. נאָר אויב ער זאָגט ליגנט, וועל איך אים... — און דער פּאָלקאָווניק האָט געביילט אַ פויסט.

די לעזגינקע איז געוואָרן איבערגעריסן, ס'איז געוואָרן שטיל. די אָפיצירן האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט אויף די בענק, דער פּאָלקאָווניק האָט פאַרנומען אַן אָרט אין אַ פאָטעל.

ס'איז ווידער אַריינגעקומען דערזעלבער אָפיציר און מיט אים אַ פויער אין אַ שאָפענעם פעלצל און אין אַ באַראַנקענער היטל. אויפן שוועל האָט ער די היטל אַראָפּגענומען, אָפּגעטרייסלט אָן קני פון שניי און טיף, ביזן גאַרטל, זיך געבויגט פאַרן פאַלקאָווניק.

— זייט באַגריסט, אייער הויכוווילגעבוירן!

— זיי באַגריסט! — האָט נאָכלעסיק געענטפערט דער פאַלקאָווניק. — וועגן וואָס ביסטו געקומען?

— דערלויבט איר צו זאָגן, גלייך, אייער הויכוווילגעבוירן? — האָט געפרעגט דער פויער, זיך נאָכאַמאָל בוקנדיק און נישט באַמערקנדיק, ווי פון ווינקל צימער קוקן אים נאָך דורכדרינגענד אַזן פיבערהאַפטע די אויגן פון ציווילן, דעם איינציקן ציווילן אינם פיינעם פוטער, וואָס האָט זיך געפונען ביים פאַלקאָווניקס שטאַב. דערהערנדיק די ערשטע קלאַנגען פונם פויערס שטים, האָט דער ציווילער זיך אויפגעהייבן פון באַנק און אַפילו געמאַכט צוויי-דריי טריט צום פאַלקאָווניקס פאָטעל, נישט אָפּרייסנדיק זיך פון פויערס פיגור.

פאַרשטענדלעך, רעד! טאַקע גלייך און דעם אמת. וועסט אָפּנאַרן — וועל איך שמייסן צום טויט! — האָט אַ געשריי געטון דער פאַלקאָווניק.

דער פויער האָט האַסטיק זיך איבערגעצלמט אויף דער הענגענדיקער אין ווינקל איקאָנע (הייליק בילד.-איבערז.).

— זאָלן מיר די אויגן אַרויס, אויב כ'וועל זאָגן ליגנט! אַלץ מיטן אמת. איך האָב פאַרשטאַנען, אייער הויכוווילגעבוירן, אַז פונדאַנען גייט איר אויף פיאַטיכאַטקי?

— וואָס איז דיין דאגה? — האָט בייז געפרעגט דער פאַלקאָווניק, רונצלענדיק דעם שטערן.

איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, איר זאָלט נישט גיין אויף פיאַטיכאַטקי, ווייל דאָרט אויפן וועג איז אַ מכשול. די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעטריבן גוואַרדיע זייער אַסאַך, כדי אייך צו כאַפּן. אַ טויזנט פיר מאַטראָסן איז דאָרט פאַראַן.

— אַ דאַנק דיר פאַר אַן עצה, — האָט גרינגשעציק גע-

זאָגט דער פּאָלקאָווניק, — קעגן פּערציק טויזנט פון דערדאָזיקער באַנדע וועלן מיר אויך זיך נישט דערשרעקן, מיר האָבן אָבער סיי ווי סיי באַשלאָסן גיין נישט אויף פּיאַטיכאַטקי, נאָר אויף פּערעיאַסלאַוואָוקע.

עפּעס אַ מאָמענטאַלער פרייליכער בליץ האָט אַ גלאַנץ געטון אין דעם פויערס אויגן, און נאָך נענטער האָט זיך צוגערוקט דער ציווילער, וואָס האָט פון דערזייט געקוקט אויף אים.

— און דערפאַר, וואָס דו ביסט געטריי דער שבועה און דיין פליכט, טרינק־אויס פאַר מיין געזונט, — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק, אָנגיסנדיק אַ גלאָז בראָנפן.

— אַ שיינעם דאַנק!

דער פויער האָט אויסגעליידיקט די גלאָז און זי אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

— אָט וועלן די מאַטראָסן זיך דערבייזערן, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז איר וועט גלייך אין זייערע לאַפּעס אַריינפאַלן. שוין איינמאָל חיות. און דער קאָמאַנדיר זייערער, דער גזלן, דער קאַטאָרזשניק טווערדאָווסקי...

דער ציווילער האָט מיט איין שפּרונג זיך געפונען צווישן דעם פויער און דעם פּאָלקאָווניק.

— אַ! — האָט ער אויסגעשריען, — איצט האָב איך דיך דערקענט, באַנדיט! האַלטס אים, דאָס איז טווערדאָווסקי אַליין!

דער פויער האָט שנעל אַ וואָרף געטון מיט די אויגן אויפן ציווילן און מאָמענטאַל זיך אַ ריס געטון צו דער טיר. עמיצער פון די אָפיצירן האָט אים אַ קלאַפּ געטון מיט אַ הענטל פון אַ נאַגאַן אין שטערן. מ׳האָט זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן און געבונדן אים די הענט מיט זיין אייגענעם גאַרטל. ווען דער גערודער האָט זיך איינגעשטילט, האָט דער פּאָלקאָווניק געפרעגט דעם ציווילן:

— הער טריאַפּיצין, צי זענט איר זיכער, אַז דאָס איז טווערדאָווסקי?

— נאָך אַ מין! איך וועל דעמדאָזיקן פּרצוף אין גאַנצן לעבן נישט פאַרגעסן. ווי ער, דער אויסוואורף, האָט מיך באַרויבט!

— רעווידירן! — האָט אַ געשריי געטון דער פּאָלקאָווניק. נאָך אַ האַלבפּאַרחלשטן פון קלאַפּ טווערדאָווסקין האָבן די אָפיצירן אַרומגעטאַפּט און אין קנאַפּל פון שוך האָבן זיי געפונען אַ צייגעניש, אַרויסגעגעבן דורכן רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן קאָמיטעט מיטן רעכט צו פאַרמירן אָפּטיילונגען פון דער רויטער גוואַרדיע.

— אַזוי, — האָט אַ שיפּע געטון דער פּאָלקאָווניק, — אַריינגעפאַלן דאָס פייגעלע, שטיי!

— פונאַנדערשיסן אים, הער פּאָלקאָווניק! תיכּף פונאַנדערשיסן! — האָט אַ וואָיע געטון טריאַפּיצין. דער פּאָלקאָווניק האָט אומצופרידן אַ קוק געטון אויף אים. ער האָט בכלל נישט ליב געהאַט, אַז ציווילע זאָלן רוקן דעם נאָז אין מיליטערישע ענינים, און האָט דעריבער אים געגעבן אַן אָפּשניט.

— איך ווייס אַליין. מיר וועלן אים מאָרגן צעשיסן ביי אַ פייערלעכן פּאַראַד, מיט מוזיק. מיר וועלן אים צוברעטן, אַז דער נשמה זאָל זיין פריילעכער זיך צעשיידן מיטן גוף און דערווייל וועלן מיר אים באַהאַלטן ביז מאָרגן.

— ער וועט אָבער אַנטלויפן, — האָט זיך באַאומרויקט טריאַפּיצין.

דער פּאָלקאָווניק האָט איראָניש אַ קוק געטון אויף אים.

— ער וועט אַנטלויפן? דאָס איז ער נאָר ביי אַזעלכע פאַרשוינען, ווי איר, געלאָפן. פון מיר אָבער לויפט מען אויף יענער וועלט. פּאָרוטשיק לעבעדעוו! איך גיב אייך איבער. איר זענט פאַראַנטוואָרטלעך מיטן קאָפּ און מיטן לעבן!

— איך הער, הער פּאָלקאָווניק! — האָט סאַלוטירט אַ ברייטפּלייציקער אָפיציר מיט אַ רויטן פּנים און אייזיקע אויגן.

די אָפיצירן האָבן אונטער די הענט אַרויסגעפירט דעם אַרעסטירטן פון צימער.

## קאַפּיטל איינאונצוואַנציק

## דער נישט־איינגעגעבענער פּאַראַד

טווערדאָווסקין האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַ שמוציקן חזיר־שטאַל, גלייך אויפן פאַרפרוירענעם מיסט, מיט געבונדענע הענט און פיס. דער פּאָרוטשיק לעבעדעוו האָט אים אַ שטויס געטון מיטן פוס אין זייט, און די אָפיצירן זיינען אַוועק פאַרענדיקן דעם איבערגעריסענעם באַל.

ס'איז אָבער נישט באַשערט געווען ווידער זיך לאָזן ווילגיין, ווייל פון עק דאָרף איז געקומען צו לויפן איינער פון די באַטעריע־אָפיצירן מיט אַ טרייסלענדיקע ליפּ און געמאָלדן וועגן אַן אומגלויבלעכן פּאָרפאַל. דער שומר ביי די האַרמאַטן איז דערהרגעט פון אַ קלאַפּ מיט עפּעס אַ שווערער זאַך אין קאָפּ, און ביי אַלע זעקס האַרמאַטן זיינען אַראָפּגעקלאַפּט די שלעסער, צוליב וואָס זיי טויגן שוין לחלוטין צו גאָרנישט.

דידאָזיקע בשורה האָט געטראָפן אין שטאַב, ווי אַ קלאַפּ פון אַ דונער. אַלעמענס פּנימער האָבן זיך אויסגעצויגן.

— אָט אַן אויסוווּרף! — האָט אַ ריטש געגעבן דער פּאָלקאָווניק, אַ קלאַפּ טוענדיק מיטן פויסט איבערן טיש, — דאָס איז זיין אַרבעט. אָבער וואָס פאַר אַ חוצפה. וואָס פאַראַ אומזיניקע ווילדיונגישקייט. אָפּטון אַזאַ מין קונץ און נאָך האָבן די אומפאַרשעמטקייט צו קומען אַהער וואָרענען, אַז מיר זאָלן נישט גיין אויף פּיאַטיכאַטקי. נו, איצט וועלן זיי אונדז אָפּוואַרטן, ווי נאַראָנים, אויפן וועג קיין פּערעיאַסלאַוואָוקע און מיר וועלן גיין אַקוראַט אויף פּיאַטיכאַטקי. און פאַרן אַוועקגיין וועל איך איינאָרדענען פאַרן גאַנצן פּאָלק און פאַרן דאָרף אַ גוטן פּאַראַד. איך וועל אָפּשינדן פון דעמדאָזיקן באַרימטן

כוליגאַן לעבעדיקערהייט זיין קרעציקע הויט און וועל זי אָנציען אויף אונדזערע פויקן. לכל הפחות וועלן מיר האָבן מיט וואָס זיך צו באַרימען. פאָרוטשיק לעבעדעיו!

פאָרוטשיק לעבעדעוו האָט ווידער זיך אויסגעצויגן פאַר נאַטשאַלסטוואָ.

— פון דעמדאָזיקן פּאַסקודניאַק קאָן מען אַלצדינג דערוואַרטן. קאָנטראָלירט די וואַך ביים שטאַל און די אָנוועזנהייט פונם אַרעסטירטן יעדע האַלבע שעה! איר הערט?

פאָרוטשיק לעבעדעוו האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן.

— איך הער, הער פּאָלקאָווניק!

— נו, און איצט, הערן אָפיצירן, צייט צו גיין שלאָפן. אויף היינט — גענוג איינדרוקן. מאָרגן אויסשטעלן זיך אויפן פּלאַץ ניין אַזייגער אינדערפרי.

די אָפיצירן זיינען איינער נאָכן אַנדערן אַרויסגעגאַנגען.

אין צימער זיינען געבליבן נאָר דער פּאָלקאָווניק און טריאַפּיצין. דער פּאָלקאָווניק איז אַרויפגעקראָכן אויף דער לעזערינס בעט און אומברחמנותדיק צעקנייטשט און אויסגעשמירט די באַשיידענע ריינע דעק מיט די שמוציקע שטיוול, טריאַפּיצין האָט זיך איינגעאָרדנט אויף צוזויפגערוקטע בענק, איבערגעדעקטע מיט אַ זאַק היי. דער פּאָלקאָווניק האָט פאַרלאָשן די ליכט און אַ געגעץ געטון.

— הער פּאָלקאָווניק, — האָט נערוועז געזאָגט טראַפּיצין, זיך דרייענדיק אויף זיין זאַק, — הער פּאָלקאָווניק!

— נו, וואָס? — האָט זיך געבייזערט דער פּאָלקאָווניק, — שטערט נישט שלאָפן!

— הער פּאָלקאָווניק! ליקווידירט תיכף טוועדאָווסקין! ביז אינדערפרי וועט ער פאַרשווינדן. איך קען דעמדאָזיקן מענטשן צו לאַנג און ווייס, אַז ער קאָן אוממעגלעכעס אויפטון.

— גייט צום טייוול! פּחדן! — האָט געענטפערט דער פּאָלקאָווניק און, זיך אויסדרייענדיק מיטן נאָז צו דער וואַנט, האָט ער אָנגעהייבן צו שנאָרכן.

ביים שטאַל איז געשטאַנען אַ וואַך פון פינף אָפיצירן.

טיר — ביי די ווינקלען און איינער ביים טיר. פּאָרוטשיק לעבע־דעוו איז יעדע האַלבע שעה געגאַנגען אין שטאַל זיך איבער־צייגן — צי דער אַרעסטאַנט איז פאַראַן.

בעת די ערשטע באַזוכן פונם פּאָרוטשיק האָט טווער־דאָווסקי געקרעכצט, זיך געזידלט און געבעטן געבן אים מיט וואָס ס'איז זיך צודעקן, ווייל ער ווערט פאַרפרוירן. לאַכנדיק האָט פּאָרוטשיק לעבעדעוו אים געראַטן צו מאַכן קאָזשלקעס. בעתן פינפטן באַזוך האָבן די קרעכצן אויפגעהערט. טווערדאָוו־סקי איז געלעגן מיטן פנים צו דרערד, זיך נישט גערירט און נישט אָפּגערופן זיך אויף לעבעדעווס ווענדונגען. לעבעדעוו האָט אים אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט אין האַלדז, דער אַרעס־טאַנט האָט קוים-קוים אַ קרעכץ געטון.

— ער וועט נאָך באמת דערפרוירן ווערן, דער טייוול! די נאַכט איז אַ קאַלטע! מ'דאַרף צודעקן, אַנדערש קאָן איך באַקומען אַן אָפּשניט פונם פּאָלקאָווניק, — האָט געטראַכט לע־בעדעוו און איז אַרויס פון שטאַל.

— גיב גוט אַכטונג, — האָט ער געזאָגט צום וועכטער ביים אַריינגאַנג, — איך גיי נאָך אַ פערד-דעק, וועל אים, דער טייוול, צודעקן, ווייל ער ווערט, דוכט זיך, פאַרפרוירן!

ער איז אַרויסגעגאַנגען אין פערדשטאַל, ווו ס'זיינען גע־שטאַנען די פערד פונם שטאַב, און זיך גיך אומגעקערט צום חזירשטאַל מיט אַ טוכענער פערד-דעק אין די הענט.

— און צוואָס פאַרעט מען זיך? — האָט אַ בורטשע גע־טון דער וועכטער, — זאָל ער פגרן!

דער פּאָרוטשיק איז פאַרשוווּנדן אין שטאַל. דער וועכ־טער האָט דערהערט אַ געוויש פון דער פונאַנדערגעבעטער פערד־דעק און שפּעטער אַביסל איז דער פּאָרוטשיק לעבעדעוו אַרויס־געגאַנגען, האַלטנדיק ביים נאָז אַ טיכל.

— או, טייוול! חשך מצרים, זיך אָנגעשטויסן אָן אַ פּלאָקן, צעקלאַפּט דעם נאָז, -- האָט ער פאַרשטיקט אַ זאָג געטון און, שעלטנדיק, שנעל אַוועקגעגאַנגען צום שטאַב-הויז.

דער פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אַ זוניקער און העלער.

מיט ברידליאַנטענע פונקען האָט געבּרענט דער פּוּכיקער שניי.

האַלטשינסקיס פאָלק האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ פּירעק אויפן דאָרפישן פּלאַץ אַרום דעם פלאָקן, אַרום וועלכן די פּוי־ערן פלעגן אין אַ געוויינלעכער צייט טרייבן פערד. אַהער האָט מען אויך צונויפגעטריבן די גאַנצע באַפעלקערונג. צוויי בריה־דיקע זעלנערס זיינען געשטאַנען ביים פלאָקן און געפּאַכט אין דער לופטן מיט שאַמפּאַלס. פּאָלקאָווניק האַלטשינסקי האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל פון דער שול. דער פאָלק האָט איינשטי־מיק געענטפערט אויף זיין באַגריסונג.

— נו, מיט גאָטס הילף, לאָמיר אָנהייבן די פאָר־שטעלונג, — האָט אַ שמייכל געטון האַלטשינסקי, — פּאָרוטשיק לעבּעדעוו!

פּאָרוטשיק לעבּעדעוו האָט אָבער זיך נישט באַוויזן, ווי געוויינלעך, פאַר זיין באַפעלער.

— פּאָרוטשיק לעבּעדעוו! — האָט מיטן פולן קול אַ גע־שריי געטון דער פּאָלקאָווניק. נישטאָ קיין ענטפער.

דער פּאָלקאָווניק האָט אויפגעבּרויזט.

— וווּ האָט ער זיך אַהינגעטון? דער טייוול זאָל עס נע־מען! נישט שוין זשע פּאָפּט ער? וועקט אים אויף!

די אָפיצירן האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו דער כאַטע, ווו ס'פלעגט נעכטיקן דער פּאָרוטשיק לעבּעדעוו, דער דינער האָט אָבער געענטפערט, אַז דער פּאָרוטשיק איז ביינאַכט נישט אַהיימגעקומען. דער פּאָלקאָווניק איז בלאַס געוואָרן און האַס־טיק מיט ריזיקע טריט צוגעלאָפן צום שטאַל. אויפגעפּראַלט די טיר. אַ זונענשטראַל האָט זיך אַריינגעריסן אין דער פערשטיק־טער לופט פון שטאַל. דער אַרעסטאַנט איז געלעגן צוגעדעקט מיט דער פערד־דעק איבערן קאָפּ. דער פּאָלקאָווניק האָט האַסטיק אַראָפּגעריסן די פערד־דעק און איז אָפּגעשפּרונגען צום וואַנט.

פאַר אים איז געלעגן אינגאַנצן אויסגעשמירט מיט מיסט, האַלב אויסגעטון מיט אַן אָנוטשע פאַרשטעקט אין מויל, מיט אַרויסגעשטאַרטע אויגן און וועַרגנדיק זיך, — דער פּאָרוטשיק לעבּעדעוו.

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

# פאַנצערצוג „רוס"

ס'זידט, ס'ברענט איבער די סטעפּישע ווייטקייטן דער פייער פון בירגערקריג. ס'וואַקסן און פעסטיקן זיך די כּוחות פון די אַרבעטער. פון קליינע נישט־דיסציפּלינירטע אָפּטיילן רויטער גוואַרדיע וואַקסן־אויס מיט יעדן טאָג צונויפגעשמידטע מיט אייזערנער דיסציפּלין רויטאַרמייאישע פּאָלקן, דיוויזיעס און אַרמייען.

איינגעזעקשנט איז אָבער אויך דער שונא. ווי אַ וואָלף בייסנדיק, גיט ער אָפּ יעדן שפּאַן ערד נאָר נאָך אַ שלאַכט און, צייטנווייס, וואַרפט ער זיך אַליין פאָרויס, נויטנדיק די רויטע אָפּטיילן אָפּצוטרעטן.

פון טווערדאָוסקיס פּאַרטיזאַנישן אָפּטייל האָט זיך שוין אויסגעפאָרעמט אַ קאַוואַלעריע־בריגאַדע.

די ווייסע איז באַקאַנט טווערדאָוסקיס נאָמען, און ער וואַרפט אָן אַ מורא אויף די דרייסטסטע און העלדישסטע. נישט איין ווייסער גענעראַל האָט געענדיקט מיט אַ זעלבסטמאָרד, כּדי אויסצומיידן די חרפּה פון אַוועקלייגן דאָס געווער פאַר אומבאַזיגבאַרן קאָמאַנדיר פון דער רויטער קאַוואַלעריע.

אַריבערגעוואָרפן אויפן דרום־פראָנט, שלאָגט זיך טווערדאָווסקיס בריגאַדע מיטן באַרימטן אין דער ווייסער אַרמיי רייטער־קאָרפּוס פון גענעראַל סלאָנאָוו. טווערדאָווסקי האָט זיך געטראָפן מיט אַ פּאַסיקן קעגנער. אַ פאַרצווייפלטע קאָפּ איז גענעראַל סלאָנאָוו. מיט פלינקע איבערפאַלן לאָזן זיך זיינע רייטערס אויפן הינטן פון דער רויטער אַרמיי, פאַרברענענדיק פּראָוויאַנט לאַגערס, אויפרייסנדיק באַן־סטאַציעס און וואַסער־ברונעמס, צע־

שטערנדיק וועגן און פאַרניכטנדיק אויף זייער וועג אַלץ, וואָס לאָזט זיך נאָר פאַרניכטן.

זיי פלעגן אָנפאַלן, פאַרניכטן, צעשטערן און צוריק אַוועקגיין צו זיך הינטער דער פראָנט-ליניע.

דעם צווייטן חודש יאָגט זיך טווערדאָווסקי נאָכן גענעראַל, אָבער אָן פּעולה.

אייןיקע מאָל האָט זיך איינגעגעבן צו דעריאָגן קליינע אָפּטיילן פון סלאָנאָווס קאָרפּוס און צעשלאָגן זיי, די הויפּט-כּוחות אָבער זיינען אָן שטערונג צוריקגעגאַנגען אין זייער נאָרע צו דער גרויסער קניפּ-סטאַציע, ווו דער קאָרפּוס האָט געהאַט זיין באַזע. דורכרייסן זיך צו דער סטאַציע און פאַרעניקן מיט די ווייסע אין זייער נעסט איז געווען אוממעגלעך.

איבער דער אייזנבאַן-ליניע האָט קורסירט דער בעסטער פאַנצערצוג פון די ווייסע „רוס", וועלכער איז געווען באַוואָפנט מיט שווערע ים-האַרמאַטן און צענדליקער קוילנוואַרפערס. וואָס האָט געקאָנט קעגן דעם צוג אויפטון די לייכטע קאַוואַלעריע, וועלכע איז געווען אוממאַכטיק קעגן זיינע שווערע האַרמאַטן?

אויסער זיך פון גרימצאָרן, האָט טווערדאָווסקי לסוף געגעבן אַ שבועה, אַז ער וועט איינעמען דעם פאַרשאָלטענעם פאַנצערצוג מיט ליידיקע הענט און איינער אַליין. אַפילו אין שטאַב פון דער בריגאַדע האָבן דידאָזיקע ווערטער אַרויסגערופן אַ סקעפּטישן שמייכל און צווייפל. טווערדאָווסקי האָט אַרומגענומען מיט זיינע בליקן די חברים, אַ קלאַפּ געטון מיטן פויסט איבערן טיש און דעצידירט געזאָגט:

— איך זאָג, אַז כ'וועל איינעמען. און וועל איך נישט איינעמען, וועל איך זיך לאָזן אַ קויל אין שטערן.

און מיט אַ שטאָלצן טריט איז ער אַרויסגעגאַנגען.

אין צוויי וואָכן אַרום איז אויף דער קניפּ-סטאַציע, ווו דער פאַנצערצוג „רוס" האָט געהאַט זיין מקום מנוחה, אַנטדעקט געוואָרן אַ פּרווו אויפצורייסן אים. אַן אומבאַקאַנטער פאַרברעכער, וועלכער איז אונטערן אָנשטעל פון אַ רעדער-שמירער געקראָכן צווישן די רעדער, האָט בייגאַכט צו אַ ראָד צוגע-

טשעפּעט אַ טאָרפּעדע מיט אַ ריזיקער אויפרייס-קראַפט, וועלכע האָט ביים ערשטן קער פון ראָד באַדאַרפט אויפרייסן און פו-נאַנדערטראָגן דעם גאַנצן צוג. דער פאַרבעכער איז, ווייזט-אויס, געווען אַ פרישער אין אויפרייס-ענינים און פון אויפרעגונג, אָדער צוליב איילעניש, האָט ער פאַרגעסן פונם טאָרפּעדע-אָנצינדער אַרויסנעמען דעם פאַרהיטער, און ווען דער צוג האָט זיך גע-רירט, האָט די טאָרפּעדע אומשולדיק זיך נאָכגעשלעפּט איבער די שפּאַלן. מ'האָט זי תיכף באַמערקט און אַראָפּגענומען.

נאָך דעם פּרוּוו איז דער פּאָדפּאָלקאָווניק סטערניצקי, דער קאָמאַנדיר פונם פּאַנצערצוג, געוואָרן אַראָפּגעזעצט פאַר שלימזלדיקייט און נישט געהעריק אָפּהיטן דעם צוג, ווייל די אויס-פאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין דער נאַכט פונם אַטענטאַט האָט ער אַליין געזעצן דעם רעדער-שמירער אונטער די וואַגאָנעס און ביי אים אַפילו נישט געפרעגט קיין דאָקומענטן. אויף סטערניצקיס אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער ניי-אָנגעקומענער פונם שטאַב פון די פּאַנצערטיילן פון דער פרייוויליקער אַרמיי קאַפּיטאַן פּטשעלין, אַ געאָרגי-קאַוואַלער.

דאָס צעלאָזן זאָרגלאָז לעבן, וואָס די אָפיצירן און זעל-נערס פונם פּאַנצערצוג האָבן געהאַט ביי סטערניצקין, האָט זיך ווי אָפּגעריסן. קאַפּיטאַן פּטשעלין האָט אויסגעשטעלט די גאַנצע מאַנשאַפט און דערקלערט:

— איבערנעמענדיק די אָנפירונג מיטן פּאַנצערצוג נעם איך אויף זיך איבער די גאַנצע אַחריות פאַר אים. דער פּאַנצערצוג איז אַ בלאָם אין אויג פון טווערדאָווסקיס רייטערס. זיי וועלן טון אַל-דאָס מעגלעכעס, כדי צו פאַרניכטן אים. לויט די ידיעות פון אויסשפּיר-אָפּטייל האָט טווערדאָווסקי אַליין זיך געשוואָרן צו פאַרניכטן דעם צוג, און טווערדאָווסקי איז אַ געפערלעכער קעג-נער. דעריבער באַפעל איך אַלע הערן אָפיצירן און זעלנערס מיט דער גאַנצער שטרענגקייט אויספירן אַלע פאָרשריפטן פון רעגולאַמין וועגן פראָנט-, פעלד- און וואַך-דינסט. פאַרן קלענסטן חטא וועט מען איבערגעגעבן ווערן צום פעלד-געריכט. און די שיכּורים וועל איך דערשיסן אָן געריכט, וואָס פאַר אַן אמת זיי

זאָלן נישט פאַרנעמען.

כאָטש אַזאַ באַפעל האָט זייער נישט געשמעקט דעם צע־לאָזענעם פאַנצערצוג-עולם, דאָך האָבן זיי זיך באַרויקט און גענומען פינקטלעך אויספירן אַלע פאָדערונגען פון דער שווע־רער פאַנצערצוג־דינסט. אָן אָפּרו האָט קאַפּיטאַן פּטשעלין טאָג־ביי־טאָג באַקוקט דעם צוג און אין די ערשטע טעג אומברחמנות־דיק אָפּגעגעבן צום געריכט דעם אַרטילעריע-נאַטשאַלניק און די עלטסטע פּאָר שלעכט-אויסגערייניקטע האַרמאַטן-שלעסער.

נאָך דעם האָבן אַלע ראַנגען פונם צוג גענומען איינער דעם אַנדערן איבעריאָגן אין פלייס בנוגע דער דינסט.

אין אייניקע טעג אַרום האָט קאַפּיטאַן פּטשעלין באַקומען פון שטאָב אַ באַפעל אַרויסצופאָרן ביינאַכט פון דער סטאַציע אין דער דרום-ריכטונג און ביים פונקט קאַראַפּיש עפענען דעם בייגעלייגטן צום באַפעל פאַרחתמעטן פּאַקעט, אין וועלכן ס'זיי־נען פאַראַן אינסטרוקציעס פאַר וויטערדיקער האַנדלונג. פּטשע־לין האָט אויפגעזאַמלט די אָפיצירן און זיי געמאָלדן, אַז דער צוג דאַרף זיין גרייט אין וועג אַריין צען אַזייגער ביינאַכט.

— און וווהין וועלן מיר פאָרן, הער קאַפּיטאַן? — האָט געפרעגט דער יונגינקער פּראַפּאָרשטשיק וועטקין.

— דאָס וועלן מיר זיך דערוויסן ביי קאַראַפּיש, הער פּראַ־פּאָרשטשיק. מעסיקט אייער נייגעריקייט, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן, און דערביי געוואָרפן אויף אים אַזאַ קוק, אַז וועטקין האָט זיך צונויפגעדרייט ווי פון אַן אייזיקן וואַסער־שפּריץ.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

אין דעמזעלביקן אָוונט האָט מען געבראַכט צום קאָמאַנ־דיר פון דריטן עסקאַדראָן פונם צווייטן קאַוופּאָלק פון טווערדאָווו־סקיס בריגאַדע אַ פּאַקעט מיט אַן אויפשריפט: „שטרענג געהיים".

ער האָט אים געעפנט און איבערגעלייענט: „אויפן באַפעל פונם בריגאַדע־קאָמאַנדיר חבר טווערדאָווסקי דאַרפט איר נאָכן דערהאַלטן פון דעם פּאַקעט, ווי נאָר ס'וועט ווערן פינצטער, זיך ווענדן אין דער ריכטונג פון באַן-פונקט קאַראַפּיש און, געהיים אַריבערגייענדיק די ליניע פונם שונאס וואַך, פאַרכאַפּן דעם

פונקט, באַנוצנדיק זיך בשעת הדחק אויסשליסלעך מיט קאַלטן געווער, און וואַרטן אויפן פונקט. די ווייטערדיקע באַפעלן וועט איר באַקומען פונם חבר טווערדאָווסקי פּערזענלעך".

דער עסקאַדראָן-קאָמאַנדיר האָט אַ שאָקל געטון מיטן צעפּאַטלטן קאָפּ און בורטשנדיק געזאָגט:

— אָט, אַן אָנשיקעניש!

צען אַזייגער ביינאַכט איז דער פּאַנצערצוג „רוס", קלינגענדיק מיט די בופערס אָפּגעפּאָרן אין דער פינצטערניש פון דער דרום-נאַכט אין דער ריכטונג פון באַן-פונקט קאַראַפּיש. אויף דער צענטער וויאָרסט האָט קאַפּיטאַן פּטשעלין באַפוילן די אָפיצירן זיך צונויפזאַמלען אין קאַמער פון מיטלסטן וואַגאָן. אויפן טיש איז געלעגן אַ פאַרחתמעטער פּאַקעט. די אָפיצירן האָבן זיך פונאַנדערגעזעצט אַרום טיש, קאַפּיטאַן פּטשעלין איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר, און געריכערט.

— פּראַפּאָרשטשיק וועטקין, — האָט ער געזאָגט, — עפנט דעם פּאַקעט און לייענט איבער אינדערהויך דעם באַפעל.

רויט ווערנדיק פון פאַרגעניגן, האָט וועטקין אויפגעריסן דעם פּאַקעט און צוגעטראָגן דעם פּאַפּיר צו די אויגן. ער האָט געעפנט דעם מויל, כדי צו לייענען. נאָר פּלוצים האָבן זיינע אויגן זיך ברייט צעעפנט, ער האָט אַ קוק געטון אויפן קאַפּיטאַן.

— דאָ איז עפּעס אַ פּלוידעריי, הער קאַפּיטאַן!

— מאַלט נישט קיין נאַרישקייטן, לייענט! — האָט אַ געשריי געטון דער קאַפּיטאַן.

„צו די הערן אָפיצירן פונם פּאַנצערצוג „רוס". דערמיט ווערט אייך פאַראָרדנט נאָכן קומען אויפן באַן-פונקט קאַראַפּיש אַריבערגיין פון דער פרייוויליקער אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פונם נאַטשאַלניק פון דער אייזערנער רייטער-בריגאַדע פון דער רויטער אַרמיי חבר טווערדאָווסקי. די, וואָס וועלן זיך אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן באַפעל, ווערט גאַראַנטירט דאָס לעבן און די פאַרנומענע פּאָסטנס", — האָט, שטאַמלענדיק, איבערגעלייענט וועטקין.

די פינף אָפיצירן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס, הער קאַפּיטאַן? — האָט דערשראָקן געפרעגט איינער פון זיי.

קאַפּיטאַן פּטשעלין האָט אַרויסלאָזן אַ קנויל רויך און ווייטער געשטאַנען אין טיר־דורכגאַנג.

— קיין באַזונדערס. דאָס איז אַ באַפעל. צוואַנציק מינוט גיב איך אייך אויף ישוב הדעת, — צי ווילט איר זיך מיר אונטערוואַרפן, ווייל, אָננעמענדיק מיך פאַר קאַפּיטאַן פּטשעלין, האָט איר אַ טעות. איך בין טווערדאָווסקי.

די אָפיצירן האָבן פאַרוווּנדערטע אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, קאַפּיטאַן פּטשעלין איז אָבער פאַרשוווּנדן, פאַרקלאַפּנדיק הינטער זיך די געפּאַנצערטע טיר, וואָס איז געווען אַ צאָל די גרעב. די אָפיצירן האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר, גענומען קלאַפּן אין איר מיט די פויסטן און בענקלעך אין גערויש פונם צוג זיינען אָבער דידאָזיקע קלאַנגען פאַרטרונקען געוואָרן אָן רושם. חוצדעם, איז אין שכנותדיקן אָפיצירן־וואַגאָן קיינער נישט געווען.

קאַפּיטאַן פּטשעלין איז דורכגעלאָפן דורכן וואַגאָן־קאָרידאָר, אַרויסגעשפּרונגען אויפן פּלאַטפאָרם און, עפענענדיק די טיר, אַרויפגעקראָכן איבערן לייטער אויפן טרייסלענדיקן זיך וואַגאָן־דאַך. שטייענדיק אויפן דאַך, האָט ער פון זיך אַראָפּגעריסן די וואָנצעס און די שליפּעס און, שפּרינגענדיק פון איין דאַך אויפן אַנדערן, איז ער געלאָפן צום לאָקאָמאָטיוו.

פונדערווייטנס האָבן זיך שוין געזען די פייערן פונם באַן־פונקט און דער מאַשיניסט האָט אָנגעהייבן פאַרקלענערן די שנעלקייט, ווען פון טענדער איז פּלוצים אַראָפּגעשפּרונגען אַ מענטשלעכע פיגור און צוגעשטעלט צו זיין נאָז אַ רעוואָלווער.

— פון אָרט נישט! די הענט אַהינטער!

דער דערשראָקענער מאַשיניסט האָט שווייגנדיק אויסגעפילט דעם באַפעל.

— בינד אים די הענט, — האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן

דעם הייצער, דערלאַנגענדיק אים אַ שטיקל שטריק. בליצנדיק מיט די אויגן-ווייסלעך אויפן שוואַרצן פּנים, האָט דער הייצער אויסגעפּילט דעם באַפעל.

זיצנדיק אין ווינקל, האָט דער מאַשיניסט פּלוצלונג געפרעגט דעם קאַפּיטאַן:

— איר, חבר, זענט נישט אַמאָל פון די רויטע?

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויסגעדרייט צו אים.

— און איר? — האָט ער געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— איך בין דאָך אייערער, זיי האָבן אָבער מיך מאָביליזירט, אָט פיר איך די פּאַסקודניאַקעס צוליב דער משפחה, כּדי זיי זאָלן מיין משפחה נישט טשעפּען.

די הענט פונעם מענטשן מיטן רעוואָלווער האָבן מאָמענטאַל באַפרייט דעם מאַשיניסטס דלאָניעס פונעם שטריק און אים הייס אַרומגענומען.

— אויסגעצייכנט, חבר! גיי צוריק צום מאַשין!

דער צוג האָט גענומען קלאַפּן איבערן וועקסל. דער מאַשיניסט האָט געלאָזן קאָנטער-פּאַרע און דער לאָקאָמאָטיוו איז געבליבן שטיין קעגן אַ קליינטשיקן סטאַנציע-הייזל. אויפן פּעראָן זיינען געשטאַנען אייניקע באַוואָפנטע לייט.

— חבר האַרקאַווענקאָ! — האָט אַ באַקאַנטער קול אַ געשריי געטון פון לאָקאָמאָטיוו.

— איך, חבר טווערדאָווסקי! — האָט זיך אָפּגערופן דער עסקאַדראָן-קאָמאַנדיר, וואַרפנדיק זיך פאָרויס.

— ווו זיינען דיינע לייט? — האָט טווערדאָווסקי געפרעגט, אַראָפּשפּרינגענדיק אויפן פּעראָן.

— דאָ, הינטערן באַן-פונקט.

— מאָמענטאַל!... אַרומרינגלען דעם צוג! אין דער סעקונדע!

האַרקאַווענקאָ האָט זיך אַ לאָז געטון אויף דער סטאַציע, און אין אַ מינוט אַרום זיינען פון אַלע זייטן געלאָפן קאַוואַלעריסטן, אַרומרינגלענדיק דעם צוג. טווערדאָווסקי איז געגאַנגען לענגויס דעם צוג!

— עפענען די טירן! אַרויסגיין! — האָט ער באַפוילן, — אויסשטעלן זיך לענגויס דעם צוג!

דערהערנדיק דעם קול פון דעם שטרענגן קאַפּיטאַן, האָבן די זעלנערס מאָמענטאַל זיך אַרויסגעשאָטן פון די וואַגאָנעס און זיך געשטעלט לענגויס פון זיי. ס'האָט זיך דערהערט פּטשע-לינס קאָמאַנדע: „אַכטונג!"

דערנאָך האָט זיין שטאַרקע שטימע אינערגעץ פון דער פינצטער געזאָגט:

— סאָלדאַטן פון דער פּרייוויליקער אַרמיי! איר געפינט זיך אין געפענגעניש ביי די רויטע. רירט זיך נישט און פּרוּווט נישט זיך קעגנצושטעלן, כּדי אויסצומיידן אומזיסטע בלוטפאַר-גיסונג! איר זענט אַרומגערינגלט. איר זענט אָבער אָפּגענאַרטע מענטשן און אַסך פון אייך האָט מען מיט גוואַלט געצווּנגען צו דינען די שונאים פון דער אַרבעטער- און פּויערן-מאַכט. מיט פרייד וועלן מיר אַריינגעמען אין אונדזער סביבה די יעניקע פון אייך, וועלכע וועלן דאָס וועלן...

ביים לעצטן וואָרט האָבן אויפן פּעראָן אויפגעפלאַמט פּעך-פאַקעלן און באַלויכטן די פיגור פון טווערדאָווסקין, די קאַוואַלעריסטן, וואָס האָבן געהאַלטן די ביקסן אָנגעגרייט, און די פינצטערע רייען סאָלדאַטן פון פאַנצערצוג.

—... ווער ס'וויל אַריבערגיין צו אונדז, ווער ס'וויל צוזאַ-מען מיט אונדז קעמפן פאַר דער בשותּפותדיקער זאַך פון די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט... צוויי טריט פאָרויס!

אַ מינוטיקער שווייגן און אין פולער שטילקייט האָט די גאַנצע שערענגע געמאַכט צוויי טריט פאָרויס.

— אויסגעצייכנט, — האָט טווערדאָווסקי געזאָגט, — איך האָב טאַקע אַזוי געקלערט. קאָמענדאָר האַלקין, עפנט דעם קאָמפּס-קאָמער און לאָזט-אַרויס די הערן אָפיצירן!

באַלויכטן מיט פאַקעלן, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דרערד פינף אָפיצירן, צעשראָקענע, פינצטערע, מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן פונם ליכט. טווערדאָווסקי איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— נו וואָס, הערן אָפיצירן, איר האָט זיך באַקלערט? —

האָט ער געפרעגט. — איך באַשטעטיק, אַז אַלע, וואָס וועלן זיך מיר אונטערוואַרפן, וועט גאַראַנטירט ווערן דאָס לעבן און דער אמת.

אַ מינוטיקער שווייגן. דערנאָך האָט פונם הייפל אָפיצירן זיך דערהערט די אויפגערעגטע שטים פון פּאָרוטשיק קאָראַבלעוו:

— איך ווייס נישט... איך בין פרעמד צו אייערע איבער־צייגונגען, אייער פּרעכטיקע גבורה און מוטיקייט נויטן מיך אָבער, בירגער טווערדאָווסקי, צו זאָגן אייך, אַז כ'וואָלט גע־רעכנט פאַר אַ כּבוד צו דינען אונטער אייער אָנפירונג. איך בין צו אייער דינסט!

— און איך... און איך... — האָבן זיך דערהערט צוויי שטימען, פון וועלכע איינע האָט געהערט צום פּאַפּאָרשטשיק וועטקין, און די צווייטע צום פּאָדפּאָרוטשיק קאַרנילאָוויטש.

— און איר? — האָט טווערדאָווסקי געפרעגט די איבע־ריקע צוויי.

— ניין! — האָבןביידע זייער שטיל געענטפערט.

— נעמט זיי, — האָט טווערדאָווסקי געזאָגט צו האַרקאַ־ווענקאָ, — פירט זיי אַרויס הינטערן באַן־פּונקט ביז דער וואָך און לאָזט זיי אָפּ. זאָלן זיי אָפּגעבן אַ גרוס סלאָנאָוון.

אין צען מינוט אַרום האָט דער צוג זיך געטראָגן אויף דער גאַנצער פּאַרע און, דורכלויפנדיק אין אַ שעה אַרום די ענדע־סטאַציע פון די ווייסע, קעגן די סיגנאַלן זיך אָפּצושטעלן, האָט דער צוג, ווי אַ שטורעמווינט, זיך אַוועקגעיאָגט אין דער טעריטאָריע פון די רויטע.

## קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק

# אַ מאָדנער פּאַציִענט

די צעקלאַפּטע ווייסע אַרמייען האָבן זיך געגליטשט צום ים. מיט יעדן טאָג האָבן זיך באַפרייט פון אונטערן פּריציש-גענעראַלישן יאָך אַלץ נייע און נייע שטחים אַרבעטס-ערד, וואָס זיינען באַגאָסן פון שוייס און בלוט פון די קעמפער. הינטער דער פּלייצע פון די זיגרייכע אַרמייען פונם ראַטנלאַנד איז אָבער אויפגעשטאַנען אַ נייע סכנה. דאָ דאָ, דאָ דאָרט, פּלעגן אויפפלאַקערן אויפשטאַנדן פון קולאַקעס (רייכע פּויערן. — איבערז.), וועלכע זיינען געוואָרן אונטערגעהעצט און אונטער-געשטיצט פון אַגענטן פון די ווייסע. איבער די פּאַרוויסטע גו-בערניעס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט באַנדיטישע שייקעס פון די גרינע, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון דעזערטירן פון ביידע צדדים און פון קרימינעלע עלעמענטן. מיט זיי האָט זיך אָנגע-הייבן אַ נייער עקשנותדיקער און בלוטיקער קאַמף.

• • • • • • • • • • • • • • • • •

אינם קאַבינעט פון מיטגליד פונם רעוואָל. מיליטער-ראַט פון דער אַרמיי זיינען ביים פאַרוואָרפענעם מיט פּאַפּירן טיש געזעסן צוויי מענטשן.

— איר זענט נישט גערעכט, חבר טווערדאָווסקי, — האָט איינער פון זיי געזאָגט, זיך אויפהייבנדיק, — דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. דאָס איז זייער אַן ערנסטער קעגנער. קאָן זיין אַפילו ערנסטער פון די ווייסע. מיט די ווייסע איז איצט פאַרענדיקט, זיי וועלן שוין צו זיך נישט קומען, און מיר וועלן זייערע רעשטלעך פּטרן אָן אייך אויך.

דער צווייטער פון די שמועסנדיקע, טווערדאָווסקי, האָט אַ

שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— זעט, איר ווייסט בעסער. וואַנגעל וועט אייך אָבער נאָך פאַרשאַפן שוועריקייטן. און אויב מ׳זאָל איצט זיך אַ לאָז טון אויף אים, וועט במשך צוויי וואָכן פון אים נישט בלייבן קיין שריד ופליט. און איר טרייבט מיך אויף עפּעס אומגליקלעכע באַנדיטן.

דער מיטגליד פון מיליטער־ראַט האָט אַ שמייכל געטון.

— איך פאַרשטיי, אַז ס׳פאַרדריסט אייך נאָך סלאָנאָווּן צו שלאָגן זיך מיטן גרינעם סימאָנאָוו. נאָר איך חזר אייך איבער, אַז דאָס איז זייער אַן ערנסטער קעגנער. די גאַנצע גובערניע איז אַרומגענומען מיט אויפשטאַנד. די לאַגע איז גינסטיק פאַר די אויפשטייענדיקע. אַ שטאַרק דורכגעהאַקטע געגנט; אַסאַך קליינע נאָר געדיכטע וועלדער און זומפן, וואָס מאַכן אוממעגלעך זיי צו כאַפּן. דערמאָנט זיך אייער אייגענע פּראַקטיק, ווען איר האָט אָנגעפירט מיט די וואַלד־ברידער. מיט אַ קליינער קאָמפּאַניע האָט איר אָנגעיאָגט אַ פּאַניק אַפילו אויף דער פּעטערבורגער מאַכט און מ׳האָט אייך נישט געקאָנט כאַפּן. דאָסזעלבע איז איצט. אַלזאָ...

— גוט! כ׳בין מסכים, — האָט טווערדאָווסקי געזאָגט, אַ קלאַפּ טוענדיק אין דער דערלאַנגטער האַנט פונם מיטגליד פון מיליטער־ראַט, — איך וועל אָבער מיט זיי נישט באַלמוטשען אַזוי לאַנג, ווי מ׳האָט אַמאָל מיט מיר באַלמוטשעט. צוויי וואָכן צייט און אַ סוף.

— איך ווינטש דערפאָלג, — האָט געזאָגט דער מיטגליד פון ראַט.

אינגיכן האָט צווישן די גרינע זיך פונאַנדערטראָגן אַ קלאַנג, אַז קעגן זיי האָט מען געשיקט טווערדאָווסקיס רייטער־דיוויזיע. די דידאָזיקע ידיעה האָט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן רושם. די שייקעס פון די גרינע, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די זומפן, האָבן אָנגעהייבן זיך פונאַנדערשיטן און צעשטויבן.

דער אָנפירער פון די גרינע, דער געוועזענער ס.ר. סימאָנאָוו, האָט לכתחילה זיך פאַרלאָרן, דערנאָך אָבער האָט ער

באַשלאָסן צו דיסציפּלינירן זיינע אָפּטיילן מיט שטרענגע מיטלען. ער האָט אָנגעהייבן פונאַנדערצושיסן די אַנטלויפנדיקע און פאַרברענען די דערפער פון די דעזערטירן. דאָס האָט אָפּגעשטעלט דאָס לויפן און אינגיכן האָבן די גרינע דערזען, אַז קיין געפאַר איז נאָך נישטאָ און טווערדאָווסקיס דעוויזיע איז נאָך אין זייערע מקומות נישט פאַראַן. זיי האָבן זיך באַרויקט און פאַרגעזעצט זייערע צעשטערנדיקע אָנפאַלן אויף די דערפער און שטעטלעך, פאַרניכטנדיק די פּראָוויאַנטירונג- און ראַטן-טעטיקייט און אומרחמנותדיק זיך אָפּפאַרטיקנדיק מיט די פאַרהאַלטענע טוערס.

סימאָנאָוו האָט באַקומען נאָך מער חוצפּה און אַפילו צוגעשיקט אין גובאויספּירקאָם אַ דראָאונג-בריוו, אין וועלכן ער האָט געפאָדערט מ׳זאָל צונעמען טווערדאָווסקיס דיוויזיע פון דער גובערניע, וואָרענענדיק, אַז אין פאַל פון אַן אָפּזאָג וועט ער פאַרברענען די שטאָט און אויסשחטן אַלע באָלשעוויקעס.

כאָטש טווערדאָווסקי האָט באַקומען צוגעשיקט פון גובאויספּירקאָם דעם באַנדיטס בריוו מיט אַ בקשה אָנצונעמען אַנטשיידנע מיטלען, איז די דיוויזיע געבליבן דאָך שטיין אויף אָפּרו און זיך אין ערגעץ נישט גערירט.

די גרינע האָבן באַקומען די אמתע חוצפּה. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן ביינאַכט אין אַ קרייז-שטאָט, אויסגעהרגעט אייניקע צענדליק מענטשן, פאַרברענט פּראָוויאַנט-סקלאַדעס און צעשטערט די עלעקטרישע סטאַציע און וואַסערלייטונג.

סימאָנאָוו האָט אָפן זיך באַרימט, אַז אינגיכן וועט ער קומען צוגאַסט צו טווערדאָווסקין און וועט אים אויפהענגען אויפן שטאָטישן טורעם.

טווערדאָווסקי האָט אָבער כסדר געשוויגן. ער איז אַפילו אַוועקגעפאָרן פון שטאָט זיך זען מיט דער פרוי און קינד, וועלכע ער האָט שוין צוויי יאָר נישט געזען, און איבערגעגעבן וואָלאָדיאַן די אָנפירונג מיט דער דיוויזיע אויף דער צייט פון זיין אָפּפאָר.

די גרינע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם און געחוזקט:

— געפֿאָרן דער רויטבייכיקער ביי דער נקבה אָננעמען מוט. מיט אונדז זיך שלאָגן איז ער צו איידל!

אָבער אין צען טעג אַרום האָט טווערדאָווסקי, אַ פּריי־לעכער און פֿאַרברוינטער, זיך באַוויזן אין דיוויזיע־שטאַב, וווּ וואָלאָדיאַ האָט אים פֿייערלעך באַגעגנט.

— זיי באַגריסט, איוואַן! נו, ווי האָט זיך איינגעגעבן די רייזע? וואָס מאַכט טאָניאַ? דער קליינער? — האָט ער ליבלעך פֿונאַנדערגעפֿרעגט טווערדאָווסקין, בלייבנדיק מיט אים אַליין אין שטאַב.

טווערדאָווסקי האָט שווייגנדיק אים אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף די אַקסלען.

— אַ נאַר ביסטו, וואָלאָדיאַ! דו מיינסט, אַז איך בין געווען ביי אַנטאָנינאַן?

וואָלאָדיאַ האָט שווייגנדיק געקוקט אויף זיין דיוונאַטש (דיוויזיע־נאַטשאַלניק) מיט תּמעוואַטע אויגן.

— וואָס מיינסטו, אַז איך האָב געקאָנט וואַרפֿן די די־וויזיע אין אַזאַ צייט און אוועקפֿאָרן צו דער ווייב? ווי איך האָב נישט ליב אַנטאָנינאַן, וואָלט איך דאָס קיינמאָל נישט געטון.

— טאָ ווּ ביסטו געווען? — האָט וואָלאָדיאַ זיך געוווּנדערט.

— ווּ כ'בין געווען — דאָרט בין איך נישטאָ. און געווען בין איך אין דער סאַמאַראָדנער וואָלפֿישער נאָרע ביי סימאָנאָוון.

— וואָס רעדסטו?

— דאָס וואָס דו הערסט. אונטערן האַנט מיט אים זיך אַרומגעפֿירט, אַפֿילו אים, דעם הינטישן זון, זייער געפֿעלן גע־וואָרן. ער האָט מיר צוגערעדט אָננעמען די אָנפֿירונג פֿון זיינעם אַ פּאָלק.

— דיר? טווערדאָווסקין?

— נו, פֿאַרוואָס עפּעס טווערדאָווסקין! נישט טווערדאָוו־סקין, נאָר שליאַפּקינען, אַזוי האָב איך מיך דאָרט גערופֿן. דער־פֿאַר וועל איך איצט מיט אים איינס־צוויי פֿאַרענדיקן. זיי זיינען דערמיט שטאַרק, וואָס אין יעדן דאָרף איז פֿאַראַן סימאָנאָווס אַ קאָמענדאַנט. ער שפּיאָנירט נאָך אונדזער יעדע באַוועגונג און

מאַכן מיר נאָר איין טריט — ווייסן זיי שוין אַלץ. און די קאָמענדאַנטן ציטערן פאַר סימאָנאָוון און האָבן מורא פאַר אים ווי פאַר אַ טייוול, כאָטש זיי האָבן אים קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען, ווייל ער האָט זיך זיי קיינמאָל נישט געוויזן. הכלל, אין אָוונט וועל איך דיר אַלץ איבערגעבן, וואָס צו טון, דערווייל וועל איך גיין זיך דורכשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן, פאָרנדיק.

• • • • • • • • • • • • • • • • •

דער ציין־דאָקטאָר שליקערמאַן האָט אָפּגעלאָזן דעם לעצטן פּאַציענט פון זיין קאַלטער בודע, וואָס האָט געטראָגן דעם חויכן נאָמען פון אַ קאַבינעט, און צונויפגעלייגט די אינסטרו־מענטן אין קעסטל, ווען ער האָט דערהערט ביי דער טיר אַ שטאַרקן קלונג. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר מיט מעגלע־כער פאָרזיכט, אין שטאָט זיינען אָפט געווען אָנפאַלן, און גע־פרעגט, ווער איז.

— דאָ וווינט דער ציין־דאָקטאָר? — האָט זיך דער־הערט אַ שטים פון הינטער דער טיר.

— דאָ, וואָס איז?

— אַ פּאַציענט.

— אַנטשולדיקט, וואָס הייסט אַ פּאַציענט? — האָט שלי־קערמאַן זיך אויפגערעגט, — פאַר פּאַציענטן איז דאָך פאַראַן אויפנאַם־שעהן. וואָס פאַראַ פּאַציענטן קאָנען איצט זיין, ווען ס'איז נאָך דער צייט?

— עפנט, דאָקטאָר! איך וועל גוט באַצאָלן. נישט מיט קיין געלט, נאָר מיט פּראָדוקטן. מיט פּוטער און באַראַנינע.

אַזאַ ברייטהאַרציקער צוזאָג האָט ווייכער געמאַכט שלי־קערמאַנס האַרץ און, נאָך אַלץ מיט מורא, האָט ער פאָרזיכטיק געעפנט די טיר־קייטל. קעגן אים איז געשטאַנען אַן אומבאַ־קאַנטער אין אַ שינעל מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס.

— גייט־אַריין אין קאַבינעט, — האָט מיט זעלבסטווירדע געזאָגט שליקערמאַן און אָנגעצונדן ביים פּאָטעל דאָס פאַרלאָשן לעמפּל.

— זעצט זיך! וואָס איז אייך?

דער אומבאַקאַנטער האָט מיטן פינגער אַ שטופּ געטון אין פאָדערשטן בייס-צאָן פון אייבערשטן קינבאַק.

— אַהער אַ גאָלדן קריינדל.

שליקערמאַן האָט באַטראַכט דעם צאָן און געקוועטשט מיט די אַקסלען.

— דאָס איז דאָך אַ גאַנץ געזונטער צאָן. הלואי ביי מיינע קינדער זאָלן זיין אַזעלכע ציין. צוואָס זאָל איך אויף אים מאַכן אַ קריידנל?

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איר זאָלט מאַכן! — האָט דער פּאַציענט אומגעדולדיק זיך געשפּאַרט.

שליקערמאַנס דאָקטאָרישע אייגנליבע האָט אויפגעברויזט, ווי אַ ווולקאַן.

— איר וועט שוין מיך לערנען, ווו צו שטעלן קריינדלעך? זאָג איך אייך, אַז איך בין נישט מסכים, נעמט זיך אייער פוּטער און באַראַנינע און גייט.

ער האָט נישט דערזאָגט, זיינע אויגן האָבן מיט טויט-שרעק זיך אָפּגעשטעלט אויפן רעוואָלווער, וואָס ז׳ער פּאַציענט האָט צוגעדריקט צום זייט פון זיין ווייסן כאַלאַט.

— וואָס? וואָס איז דאָס?

— מאַכט זיך נישט נאַריש, דאָקטאָר! — האָט דער פּאַציענט געענטפערט. — נעמט וועלכע ס׳איז קריינדל און בויגט צו צום צאָן. איך דאַרף עס צייטווייליק, אָבער שוין. אַנדערש וועט אייערע קינדער אויסקומען אייך צו באַוויינען.

דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער אַרויסגעשלעפּט דאָס קעסטל מיט די קריינדלעך.

ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט דער פּאַציענט זיך אויפגעהייבן און פעסט געדריקט דעם דאָקטאָר די האַנט, דער-לאַנגענדיק אים דעם זעקל.

— דאָ איז פאַראַן צען פונט פוטער און אַ פוד באַראַנינע. איך מיין, אַז אייך האָט מען שוין לאַנג אַזוי רייך נישט באַצאָלט. נאָך איין תּנאַי. איר וועט קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן

וועגן רעם, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַרויסגעגאַנגען. דער דאָקטאָר האָט שווייגנדיק איינגעלייגט די אינסטרומענטן, איבערזיין לייב זיינען דורכגעלאָפן מוראשקעס. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין צווייטן צימער, ווו זיין ווייב האָט געבריט קאָרענע קאַווע. דער דאָקטאָר האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול און אויפגעציטערט.

— יאָ! האָט איר געזען אַזאַ פאַציענט? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

— דו האָסט עפּעס געזאָגט, משה? — האָט די פרוי אויפגעהייבן דעם קאָפּ. דער דאָקטאָר האָט אויף איר אַ קוק געטון און געענטפערט: — ניין... גאָרנישט. דאָס האָט זיך דיר געדאַכט...

## קאַפּיטל פיראונצוואַנציק

# איינער קעגן פערציק

ס׳איז שווער מלחמה צו האַלטן מיט סימאָנאָוון. אין יעדן דאָרף האָט סימאָנאָוו קאָמענדאַנטן פון די אָרטיקע רייכע פויערן (קולאַקעס), אין יעדן דאָרף האָט ער מענטשן צו פאַרבינדונג. געשעט וואָס עס איז — אַלץ ווערט מאָמענטאַל פון דאָרף צו דאָרף, פון ישוב צו ישוב, דורך די קאָמענדאַנטן און שליחים איבערגעגעבן דעם געהיימנישפולן נאַטשאַלניק פון דער גרינער אַרמיי, וועלכער שטעקט אין ערגעץ אינמיטן זומפּן און, אויס מורא פאַר אַן אַטענטאַט, ווייזט ער זיך קיינמאָל קיינעם נישט, חוץ צו זיינע נאָנטסטע לייט.

וועגן סימאָנאָוון טראָגן זיך איבער די דערפער אומגלויביקע קלאַנגען, מ׳שמועסט אַפילו, אַז דער גרינער אַטאַמאַן ווערט ביינאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ געפליגלטן שלאַנג און פליט איבער די פעלדער, וועלדער און זומפּן, דערפאַר ווייס ער אַלץ און ס׳איז אוממעגלעך אים צו כאַפּן. אַנדערע שמועסן, אַז סימאָנאָוו האָט נאָר איין אויג, אָבער אַ פאַרכשופט און ער זעט מיט אים צוויי אַרשין אונטער דרערד. ס׳גייט נאָך אַ קלאַנג, אַז סימאָנאָוו איז פאַרכשופט קעגן קוילן, אַז זיין ציגיינערשע כשופמאַכערין האָט אים אויסגעבאָדן אין קראָען-בלוט און דערפאַר קאָן אים קיין קויל נישט שאַטן.

און אין אַלגעמיין האָט קיינער אויף זיכער גאָרנישט נישט געוווּסט, אַפילו סימאָנאָווס קאָמענדאַנטן, וועלכע האָבן נאָר געוווּסט, אַז דער אַטאַמאַן גייט אָנגעטון אַ געלע לעדערנע קורטקע און רויטע הויזן.

— אין דאָרף סאָלאָוואָע איז סימאָנאָווס קאָמענדאַנט געווען

איליאַ סאַוואַטעעוויטש דולאָוו, גאָר אַ רייכער פּויער. די זאַפּאַסן, וואָס ער האָט באַהאַלטן אויף אַ שלעכטער צייט, וועט אים קלעקן נישט נאָר כּדי זיך אַליין צו דערנערן, נאָר אויך אויף צו געבן הלוואות אָרעמעלייט און צו פאַרקנעכטן זיי צו זיך מיט לייב און נשמה. דער גאַנצער דאָרף איז ביי איליאַ סאַוואַטעעוויטשן אין חובות, ווי אין זייד, און ער קוועטשט־אויס פון די בעלי־חובות די זאַפטן, ווי אַ שפּין, אָן רחמנות און מיטלייד.

אַ קוק טון אויף אים אויבנויף — די גוטסקייט אַליין. די אַקסלען — אַ קלאַפּטער אין דער ברייט, די אויגעלעך — קליינינקע, בלויע, גוטע און דער שמייכל פון די ליפּן, וואָס זיינען פאַרדעקט מיט וואָנצעס און מיט אַ ברייטער גאָטפּאָרכטיקער באָרד, — שטענדיק אַ ליבלעכער און פריינטלעכער, און אַ ווייב האָט ער צו זיך צוגעפּאַסט — ווייס און אויפגעגאַנגען ווי אַ קלאָרע בולקע. גאַנצענע טעג ליגט זי אויפן בעט, קייט קיכלעך און זינגט סענטימענטאַלע לידער.

איליאַ סאַוואַטעעוויטש זיצט ביים סאַמאָוואַר, קוויקט זיך מיט עפּל־טיי. די טיי איז נישט קיין שלעכטע, צו קיין כינעזישע קומט זי אָבער נישט. ווו קאָן מען דען באַקומען כינעזישע טיי? אָט וועלן די גרינע צעשלאָגן די באָלשעוויקעס, דער האַנדל וועט אויפלעבן, דעמאָלט וועט אויפסניי זיין כינעזישער טיי. און דערווייל מוז מען זיך באַגנוגענען מיט עפּל־טיי. שוין דעם עלפטן טעפּל טרינקט אויס איליאַ סאַוואַטעעוויטש.

ער האָט אויפגעקנעפּלט דאָס וועסטל, די ראָזע ציצענע העמד, בלאָזט זיך אויס.

די זון איז אונטערגעגאַנגען, ס'לויפן איבער דרערד די קרומע שאָטנס פון בין־השמשות. אָט האָבן זיי אַ ציטער געטון איבער דער גאַסן־שטויב, ווי אַ זומער־פּייגעלע מיט די פליגלען, און זיך אויסגעלאָשן. שנעל דערנעענטערט זיך די שוואַרצע וואַרעמע נאַכט.

דולאָוו גיסט־אָן דעם צוועלפטן טעפּל, דערווייל דערהערט זיך אויפן גאַס אַ לייכטע פערדישע טופּעריי, און עמיצער רייט־אונטער צום גאַנעק. דולאָוו שטייט־אויף און עפנט די טיר.

— ווען טראָגט עס? — פרעגט ער, אומצופרידן מיט דער אומדערוואַרטענער שטערונג.

אַ מענטש אין אַן אָפּגעריסענער היטל מיט אַ פּאַסעק הינטער די פּלייצעס גייט־אַרויף אויפן גאַנעק.

— דו ביסט דאָס דולאָוו?

— טאַקע איך. און דו, גוטער ברודער, פונוואַנען קומסטו?

אַנשטאָט אַן ענטפער שטופּט דער מענטש שיר נישט אין נאָז אַריין דולאָוון אַ צעטל. דולאָוו כאַפּט עס שנעל.

— קומט אין צימער, — זאָגט ער שטיל, — דאָ איז נישט באַקוועם.

אין צימער וויקלט ער פונאַנדער דעם צעטל ביים לאָמפּ, פריער פּאָרזיכטיק וואַרפנדיק אַן אויג אויפן טיר.

אינם צעטל שטייט: „דער שטאַב פון דער פּאַלקס־אויפשטאַנד־גרופּע פון אַטאַמאַן סימאָנאָוו. צום קאָמענדאַנט פון דאָרף סאָלאָוואָע. מ׳איז אייך מודיע, אַז היינט ביינאַכט דאַרפט איר צוגרייטן אַ דירה פאַרן אָנקומענדיקן גרופּע־אָנפירער סימאָנאָוו. האַלטן בסוד״.

דולאָוו פאַרברענט תיכף דעם צעטל ביים לאָמפּ און וואַרפט די אויגן אויפן שליח.

יענער זיצט אָנגעמאַטערט ביים טיש. זיין אָפּגעריסענער אויסזען, די בלאָטע, וואָס קלעפּט אויף אים פון אַלע זייטן, די נישט־פאַרקעמטע האָר זאָגן עדות, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט שוין לאַנג נישט געזען קיין שטוב און וווינט אין ערגעץ אין אַ וואַלדיקער אָדער זומפּיקער לאָך, ווי אַ פאַריאָגטע חיה.

— ווילסט טיי? — פרעגט דער באַלעבאָס.

דער אָפּגעריסענער איז מסכּים און, נישט אַרויסלאָזנדיק פון האַנט דעם פּאַסיק, טרינקט ער מיט פאַרגעניגן אויס אַ טעפּל קאָכעדיקן טיי, וואָס דולאָוו האָט אים אָנגעגאָסן.

— ווען וועט דער אַטאַמאַן קומען צופאָרן?

— אינמיטן נאַכט, — ענטפערט דער שליח און געזעגנט זיך.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַרום האַלבע נאַכט דערהערט דולאָוו, וועלכער דרעמלט

ביים טיש, אַ פּאַרזיכטיקע פּערדישע טופּעריי. ער שטייט אויף, עפנט די טיר און קוקט זיך איין אין דער נאַכט אַריין. דריי רייטערס. איינער קריכט אַראָפּ פון פערד.

— קאָמענדאַט!

— דאָ בין איך, — ענטפערט דערשראָקן דולאָוו.

— וואָסזשע, הינטישער זון, זעסט נישט? נעם-צו דעם פערד! — זאָגט מיט אַ בייזן שעפּטש דער, וואָס איז אַראָפּ פון פערד, און שטופּט מיטן הענטל פון דער נאַגאַיקע אין דולאָווס געשצערטלטע באָרד. דולאָוו כאַפּט שנעל אָן דאָס פערד פאַרן ציימל און פירט עס אַריין אין הויף. ווען ער קערט זיך אום, שטייט שוין דער גאַסט אויפן גאַנעק און זאָגט צו די איבעריקע צוויי:

— פאָרט, מאָרגן ביינאַכט קומט נאָך מיר צופאָרן!

די צווייען האָבן אַ שמיץ געטון די פערד און אַוועקגעריטן. דולאָוו פירט אַריין דעם גאַסט אין שטוב. פאַר אים איז אַ פאַרברוינטער מאַן מיט אַ שוואַרצן בינד אויפן אויג, אין אַ נייער לעדערנער ברוינער קורטקע און אין רויטע רייט-הויזן.

דולאָוו קוקט אים אָן אויפמערקזאַם.

— איר זענט עס דער הער קאָמאַנדיר סימאָנאָוו?

— וואָס זיינען דיר די אויגן אויסגעקראָכן? רייב-אויס די קוקערס! — האָט געענטפערט דער אָנגעקומענער.

— זייט מוחל, הער קאָמאַנדיר, נאָר אויף אייער אייגענעם באַפעל דאַרפן מיר זיך איבערצייגן לויט די אָנגעגעבענע סימנים. לויטן אָנצוג זענט איר ענלעך.

דער אָנגעקומענער לאַכט מיט אַ הייזעריקן געלעכטער און ביים ליכט פון נאַכט-לאָמפּ זעט דולאָוו, ווי ס׳גלאַנצט דער גאָלדענער צאָן, דער הויפּט-סימן פונם אַטאַמאַן, וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַלע קאָמענדאַנטן.

דולאָוו זיפצט און וואַרפט זיך צום סאַמאָוואַר.

— זעצט זיך! צי ווינטשט איר נישט קיין טיי?

סימאָנאָוו האָט אים גראָב איבערגעריסן:

— נישטאָ קיין צייט טרינקען טיי. איך בין זאַט. קום אַהער!

דולאָוו דערנענטערט זיך.

— הער צו, — זאָגט סימאָנאָוו, — מיר האָבן פאַרפירט אַ גרויסן עסק. מ'דאַרף אַלעמען אין ראַיאָן מודיע זיין. איך וועל מיך באַלד לייגן שלאָפן, און דו שיק שליחים אין פּאַוו־לאָווקאַ, סוסלאָוו, קוט, שולאַווקאַ און יאַסנאָע, אַז אונדזערע זאָלן ביז אינדערפרי קומען. רוף נאָר נישט קיין שפּיאָנען, נאָר די איבערגעבליבענסטע, וואָס זיינען פאַר אונז מיט לייב און נשמה. כ'וועל מיט אייך זיך דורכשמועסן. און איצט פיר מיך שלאָפן.

דולאָוו פירט אַריין דעם שטרענגן גאַסט אין שטוב, וועלכע ער טרעט אים אָפּ. אַליין מיט דער ווייב וועט ער שלאָפן אין פאָרהויז. נישט אויסגעטוען זיך, וואַרפט זיך דער גאַסט אויפן באַרג פעדערנעס, וואָס זיינען איינגעבעט אין בעט.

— צי האָט איר נישט וואָס עס איז צו באַפוילן? — האָט דולאָוו געפרעגט.

— אַוועק צום טייוול! טו, וואָס כ'הייס דיר! — לאָזט זיך הערן אַ האַסטיקער ענטפער.

אויף די שפּיץ פינגער גייט דולאָוו אַרויס אין פאָדער־הויז. די ווייב וואַרפט זיך צו אים.

— נו וואָס? געקומען? ווי זעט ער אויס? אַ שיינער?

דולאָוו קראַצט זיך אין נאַקן און זאָגט באַגייסטערט:

— אַן ערנסטער מענטש. אַן אמתער מאַנספּאַרשוין... אָט וואָס: דו, באַבע, לייג זיך שלאָפן, איך האָב נאָך אַ באַרג אַר־בעט. אַ גאַנצע נאַכט וועל איך באַלמוטשען.

ער טוט אָן די היטל און גייט אַרויס. אינגיכן פאָרן אַרויס אין אייניקע ריכטונגען רייטערס אויפצוקלייבן אויף סי־מאָנאָווס באַפעל די געטרייע לייט.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אויף מאָרגן, ווי נאָר ס'ווערט פינצטער, הייבן אָן צו דולאָווס הויז זיך צוזאַמענקלייבן מענטשן. די פענצטער פון דולאָווס שטוב זיינען געדיכט פאַרהאָנגען. איינער נאָכן אַנדערן שטופּן זיך אַריין אָנגעפּאָרענע אין צימער, ס'איז פאַראַן ביז

אַ פּערציק מאַן. אַלע זיינען זיי פעסטע, אויסגעפּאַשעטע, פראַנ־טיש געקליידעטע לייט, אַלע אַרמיקע קולאַקעס האָבן זיך צו־נויפגעזאַמלט אויפן רוף פון זייער פירער.

זיי זיצן אויף די בענק און שמועסן זיך שטיל אַדורך. לסוף פראַלט־אויף די טיר און, אין דולאָוס באַגלייטונג, פליט־אַריין מיט שנעלע טריט אַטאַמאַן סימאָנאָוו.

אַלע שטייען אויף און בוקן זיך טיף פאַר דער נאַטשאַלסטוואָ.

סימאָנאָוו ענטפערט מיט אַ שנעלן שאָקל מיטן קאָפ און זעצט זיך ביים טיש.

— אַלע זיכערע? — פרעגט ער, אַרומגעמענדיק די פאַר־זאַמלטע מיט אַזאַ דורכדרינגענדיקן בליק, פון וועלכן ס'זיינען אַזש אַדורך מוראַשקעס איבער זייערע לייבער.

— אַלע, גנעדיקער! די בעסטע. ווי איר האָט באַפוילן, זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן. די אויסגעקליבנסטע.

— נו, גוט! קלאַפט נישט מיטן צונג, ווי אַ צויג מיט די ציצקעס! — פאַרשטופּט דער אַטאַמאַן דעם באַרעדעוודיקן דו־לוואָן דאָס מויל אונטער אַלעמענס צופרידענעם געלעכטער.

פונאַנדערגעלייגט אויפן טיש אַ קליינע מאַפּע, הייבט זיך סימאָנאָוו אויף.

— ברידער פויערן! — זאָגט ער, — ס'איז געקומען די צייט מיר זאָלן ערנסט זיך נעמען צו די באַלשעוויסטישע כוח־גייערס! איך האָב דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז די רייטערס פון די באַלשעוויקעס טרעטן קעגן אונדז אַרויס אין ראַיאָן פון פּאַ־וולאָווקע. דאַרפן מיר טאַקע זיך מיישב זיין, ווי זאָלן מיר זיי אַריינגנאַרן אין דער בלאָטע, הינטער יאַסנאָע. אויב זיי וועלן אַהין פאַרקריכן מיט די פערד, — וועלן זיי, די טייוואָלים, איינזינקען, דעמאָלט וועלן מיר אָנלויפן. און מיט איין קלאַפּ מאַכן אַ תל פון זיי. דערנאָך וועלן מיר גיין אויף דער גובערניע.

אַלע האָבן זיך איינגעבויגן איבער דער מאַפּע, די אויגן האָבן זיך פאַנאַנדערגעברענט ביי די קולאַקעס.

סימאָנאָוו ווייזט מיטן פינגער אויף דער מאַפּע, ווו מיט קאָלירטע בלייפעדערס מיט גרין און רויט איז אָנגעצייכנט,

וווהין מ'דאַרף פאַרנאַרן די באָלשעוויקישע קאַוואַלעריע און ווי די גרינע וועלן זי פאַרניכטן.

די פאַררויטלטע פּרצופים האָבן זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, אַלעמען ווילט זיך אַ קוק טון, ווי מ'וועט מאַכן אַ סוף מיט די פאַרהאַסטע רויטבייכיקע. דערוויילּ האָט סימאָנאָוו באַפרייט דעם אָרט ביי דער מאַפּע, ער איז אַליין אָפּגעטראָטן צו דער וואַנט. פרייען זיך די קולאַקעס, קוועלן, רייסן איינער פון אַנדערן די מאַפּע, זאָגן אַריין די רויטע אין זייערע טאַטנס טאַטן אַריין.

און...

— די הענט אין דערהויך, מנוולים! איך בין טווערדאָווסקי!

ינען אָפּגעפלויגן פון דער מאַפּע די קולאַקעס, צעטומלט דורך דעם שרעקלעכן אויסגעשריי. פאַרגליווערט קוקן זיי אויפן שטייענדיקן ביי דער וואַנט סימאָנאָוון, וועלכער איז ווי מיט אַ קאָפּ העכער אויסגעוואַקסן, און האַלט אין ביידע הענט רעוואָלווערן.

די סטאַדע קולאַקעס איז נבהל ונשתומם געוואָרן, דולאָוו האָט זיך אָבער נישט פאַרלאָרן, אַ שטויס געטון מיטן פוס, און אומגעוואָרפן דעם טיש. די לאָמפּ האָט אַ בליץ געטון און זיך פאַרלאָשן. אין דער פינצטער האָט זיך דערהערט דולאָווס געשריי:

— חברה, האָט קיין מורא נישט! ער איז איינער! רייבט אים, ווי עס לאָזט זיך!

די פולע פינצטערניש אין ענגן שטיבל האָבן דורכגעשניטן פייערלעך פון שאָסן. די גאַנצע שטוב האָט געדונערט און ס'איז געווען אַ תהו ובהו. עמעצער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער טיר, כדי צו אַנטלויפן, ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זי איז פאַרקלאַפּט אויף אַ ריגל, און די ציטערנדיקע הענט האָבן אים נישט געקאָנט אָנטאַפּן.

די קרעכצן, געשרייען, ריטשעריי און שיסעריי האָט געדויערט אייניקע מינוטן. ס'האָבן זיך געשאָטן די צעבראָכענע שויבן, דערנאָך האָבן אויפן גאַס זיך דערהערט געשרייען און ס'האָבן זיך אַ שאָט געטון אין דער טיר דונערנדיקע קלעפּ. די טיר איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די זאַוויאַסעס און אומגע-

פּאַלן. אין שטוב האָט אַ שטראָם געטון אַ העלער שטראַל פון אַן עלעקטרישן לעמפּל. דער המון האָט זיך צונויפגעשלאָגן און אָפּגעשטראָמט צו דער וואַנט. דער דינער שפּיז ליכט, וואָס איז געקראָכן איבער די פּנימער, האָט זיך אויסגעוויזן שרעקלעכער פון קוילן.

פון דער טיר האָט זיך דערהערט אַ שטים:

— חבר טווערדאָווסקי, ווו זענט איר?

ערגעץ פון דערהויך, ווי פון סופית אַראָפּ, האָט אַ שטים געענטפערט:

— דאָ. צינדט אָן ליכט. רירט זיך קיינער נישט פון אָרט. אַכטונג, קולאַקישע מאָרדעס!

ס'האָבן אויפגעבליצלט שוועבעלעך אין די הענט פון די קאָוואַלעריסטן. פון דרערד האָט מען אויפגעהייבן דעם לאָמפּ. ער איז אָבער געווען צעקנייטשט ווי אַ פּלעצל. לסוף האָט מען געבראַכט צו שלעפּן אַ לאָמפּ פון שכנותדיקן צימער, ווו דו-לאָווס ווייכלייביקע ווייב האָט פון שרעק געוואָיעט און זיך גע-קייקלט אויף פּאָדלאָגע.

די לאָמפּ האָט באַלויכטן די טויטע קערפּערס אויף דרערד, די קרעכצנדיקע פּאַרווונדעטע און די לעבעדיקע, וואָס האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין ווינקל אין אַ קנויל. זיי זיינען געשטאַ-נען און די אויגן זייערע זיינען געלאָפן איבער די פּנימער פון די קאָוואַלעריסטן.

— חבר טווערדאָווסקי, ווו-זשע זענט איר? — האָט נאָכ-אַמאָל אַ רוף-געטון קאָסאָבאָטשקאָ.

— דאָ!

אַלע האָבן אויפגעהייבן די אויגן אין דערהויך און דער-זען אויפן אויוון טווערדאָווסקיס פּנים מיט פריילעך-גלאַנצנדיקע אויגן.

— קריכט-אַראָפּ! — האָט קאָסאָבאָטשקאָ זיך פאַנאַנדער-געלאַכט.

טווערדאָווסקיס ליפּן האָבן פּלוצלונג זיך צונויפגעדריקט אין אַ ווייטאָקדיקער גרימאַסע.

— העלפט אַראָפּגיין! ביי מיר איז דורכגעשאָסן אַן אַקסל און אַ פּוס.

הענדום־פּענדום האָבן די קאַוואַלעריסטן זיך אַ וואָרף געטון אַראָפּנעמען פון אויוון דעם באַליבטן קאָמאַנדיר.

אין דערזעלבער נאַכט, אויף שנעל איבערגעבונדן די ווונדן, האָט טוועטדאָווסקי געוואָרפן זיין דיוויזיע אַרומצורינגלען די הויפּט־כוחות פון די גרינע אין דעם ראַיאָן, פון וואַנען ער האָט מיט אַ פלינקן מאַנעווער פריער אויפגערוימט סימאָנאָווס שפּיאָנען. די דיוויזיע האָט געריטן אַ גאַנצע נאַכט און פרימאָרגן, פאַרענדיקנדיק ביז צוועלף אַזייגער אַרומרינגלען סימאָנאָווס לאַגער.

נאָך אַן עקשנותדיקער שלאַכט, וועלכע האָט זיך געענדיקט נאָר אויף צומאָרגנס אינדערפרי, האָבן די רעשטלעך פון די גרינע זיך אונטערגעגעבן אויפן חסד פון די זיגער, און סימאָנאָוון אַליין האָט מען געפונען אין זומפּ מיט אַ דורכגעשאָסענעם שלייף. די גובערני'ע איז געוואָרן אָפּגערייניקט.

---

## קאַפּיטל פינפאונצוואַנציק

# דער לעצטער קאַמף

אויסגעדאַרט און פאַרענדערט, מיט דער האַנט אויף אַ בינדער, ווי פריער אָבער מונטער און פול מיט ענערגיע, האָט טווערדאָווסקי, נאָך צוויי חדשים, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין שפּיטאָל, זיך געמעלדן אין קאַבינעט פונם מיטגליד פון מיליטער־ראַט.

— נו, וואָס? איך האָב אייך געוואָרנט, אַז וראַנגעל וועט אייך אָנטון צרות. איר האָט נישט געוואָלט גלויבן, אָט האָט איר איצט, — האָט ער געזאָגט נאָך אַ פריינטלעכער באַגריסונג.

דער מיטגליד פון מיליטער־ראַט האָט אַ שמייכל געטון.

— זעסט, סאַראַ כוואַט! געקומען איצט שלאָגן דעם באַראָן? מהיכא תיתי, מ'דאַרף וואָס שנעלער פאַרענדיקן מיט די רעשטלעך פון דער ווייסער גוואַרדיע. ס'איז שוין דערעסן די־דאָזיקע מכה. אַלץ איינס וועלן מיר זי אַרויסרייסן, פריער אָדער שפּעטער, — און זיינע ליפּן האָבן ענערגיש און שטרענג זיך צונויפגעדריקט.

— נו וואָס? זאָל איך איבערנעמען די דיוויזיע? — האָט טווערדאָווסקי געפרעגט.

דער מיטגליד פון מיליטער־ראַט האָט פון דערזייט אויף אים אַ קוק געטון און אָנגעברוגזט די ברעמען.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — די דיוויזיע וועט איר, חבר טווערדאָסקי, מער נישט באַקומען.

טווערדאָווסקי האָט געגעבן אַ טריט אַהינטער און אויסגעגלאָצט אויף אים אויגן, פול מיט כעס און באַליידיקונג.

— פאַרוואָס איז דאָס? — האָט ער געפרעגט, — וואָס

באַטייט דאָס?

— דאָס איז דער טייטש, — האָט מיט אַ קליגערישן שמייכעלע פאָרגעזעצט דער מיטגליד פון מיליטער־ראַט, — אַז איר וועט מוזן זיך אונטערוואַרפן אונדזער באַשלוס און אָננעמען אַ רייטער־קאָרפּוס. אַ דיוויזיע איז שוין צו קליין פאַר אייך, טייערער פריינט.

טווערדאָווסקיס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט, ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי אַ מיידל, וואָס האָט דערהערט אַ ליבע־דערקלערונג.

— איך ווייס נישט, — האָט ער שטיל געזאָגט, — צי איך האָב פאַרדינט אַזאַ כּבוד.

— מיר ווייסן דאָס, — האָט געענטפערט דער מיטגליד פון מיליטער־ראַט, — מיר ווייסן און בעטן אייך אָננעמען די אָנפירונג מיטן קאָרפּוס, וועלכער וואַרט מיט אומגעדולד אויף זיין העלדישן קאָמאַנדיר און וויל מיט אים צוזאַמען גיין צו נייע נצחונות. און חוצדעם, וועט איר דערלויבן אייך איבערגעבן אָט דאָס.

ער האָט גענומען פון טיש אַ קליינעם סאַמעטענעם פוטלאַר און אים געעפנט.

אינעם זון־שטראַל, וואָס האָט דורכגעשלאָגן דורך די פּראַקטיקע געמעלן אויף די פענצטער־שויבן, האָט אַ פינקל געטון מיט זילבערנעם קרישטאָל אַן אָרדן פון דער רויטער פאָן.

נידעריק איינגעבויגן דעם קאָפּ, האָט טווערדאָווסקי צוגענומען פון חברס האַנט דעם פּריז און נאָך אַ פּויזע האָט ער קורץ געפרעגט.

— ווען באַפעלט איר, איך זאָל איבערנעמען דעם קאָרפּוס?

— ווען איר וועט ווערן.

— גוט. כ׳נעם היינט איבער.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אָנזאַמלענדיק כּוחות פאַר דעם לעצטן קלאַפּ, איז די רויטע אַרמיי געשטאַנען קעגנאיבער די אומבאַזיגבאַרע בעטאָן־פאַרפעסטיקונגען פון די ווייסע אין די זאַלציקע מדבריות פון

טשאַנגאַרער דורכגאַנג, דורכגענומען פון שטאַרקע, קאַלטע און שטעכיקע ווינטן און באַשאָטן מיט שניי.

שווער איז אָנגעקומען דער לעצטער העלדנטאַט. אַ געדיכטע נעץ פון פעלד-פאַרטן, פאַרשטאַרקט דורך מעכטיקער אַרטילעריע פון גרויסע קאַליבערס, האָט געהערשט אויפן שונאס ברעג פון שמאָלן דורכגאַנג. פון דאָרט האָט מען, ווי אויפן האַנט, געזען אַלע פּאָזיציעס פון די רויטע, וועלכע זיינען געווען פונאַנדערגעוואָרפן אינם וויסטן זאַלציקן סטעפּ.

די קלענסטע באַוועגונג אין די רויטאַרמייאישע אָקאָפּעס האָט אַרויסגערופן אַ הוראַגאַן-פייער מצד דעם קעגנער, וועלכער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין קוילן, און יעדן טאָג האָבן געקאָסט אומגעהויערע קרבנות. נאָך עקשנותדיקער תּאָבן זיך דערפאַר געהאַלטן די רויטע אָפּטיילן, געדענקענדיק, אַז דאָס זיינען די לעצטע קרבנות אויפן לעצטן פראָנט פון דער זיגערישער איבערקערעניש, אַז מיטן אָנווערן פון דעמדאָזיקן שטיקל ערד, וועלכן דער שונא האָט פאַרכאַפּט, וועט קומען דער שלום און די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צו פרידלעכער אַרבעט, צו אויפלעבן דאָס פאַרוויסטע לאַנד. אָנזאַמלענדיק כּוחות, האָט די אַרמיי געוואַרט אויפן מאָמענט, ווען דער באַפעל פון דער אָנפירונג וועט זי וואַרפן אין „לעצטן און אַנטשיידענעם קאַמף”.

אין דער נאַכט אויפן פערצנטן נאָוועמבער האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כּוח אַ יאָג געטאָן אַ ווינט פון לאַנד. אויף דעם ווינט האָט מען שוין לאַנג געוואַרט מיט אומגעדולד און שרעק. ער האָט אויף אייניקע וויאָרסט אויסגעטריקנט דעם פלאַכן באָדן פון ים-בוזעם און דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט וואַרפן פאָרויס מיליטער-טיילן דורכן אויסגעטריקנטן באָדן און אַזוי אַרום אַרומרינגלען דעם שונאס פּאָזיציעס, קעגן וועלכע אַ פראָנטאַטאַקע וואָלט געווען אַן אומזין און פאַרמשפט אויף אַ מפּלה.

אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען דער ווינט האָט געוואָיעט און ס׳איז געפאַלן אַ שטעכיקער שניי, האָט טווערדאָווסקיס רייטער-קאָרפּוס פון בערג-אַפּהאַנג זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די האַרטע, ווי איינגעקלאַפּטע, שטיינדלעך פון אויסגעטריקנטן ים-גרונט און

איז פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם בײַנאַכטיקן נעפּל.

פאַרטאָג האָט ער זיך אַרויסגעקליבן צוריק אויפן ברעג, שוין הינטער דעם שונאס פּאָזיציעס און פּלוצלונג, ווי אַ בליץ, זיך אַ לאָז געטון די ווײַסע פון הינטן, אײַנצײַטיק מיט דער אָנגעהייבער אַטאַקע אויפן פראָנט.

דאָס אוממעגלעכע איז געשען. דער שונא האָט זיך פאַרלאָרן. צעטומלט און כמעט אָן אַ שאָס געוואָרפן די פּאָזיציעס, וואָס די אַטאַקירנדיקע אַליין האָבן געהאַלטן פאַר אומצוטריטבאַרע.

אין פאַרצווייפלונג און שרעק האָבן די ווײַסע זיך געוואָרפן פּאַניש אַנטלויפן אויף די וועגן, וואָס פירן צום ים. געטראָטן זיי אויף די פּיאַטעס, אָנגעזעצט זיך אויף די פּלייצעס, צעהאַקט און פאַרניכטעט אַלצדינג אויפן וועג, האָט זיך אַ לאָז געטון דער רייטער-קאָרפּוס.

ווי אַ גוססדיקער וואָלף אין לעצטן קאַמף, האָט דער שונא נאָכאַמאָל געוויזן זײַנע ציין. כּדי צו ראַטעווען די אַנטלויפנדיקע, כּדי צו דעקן דעם ריקצוג, האָט די אָנפירונג פון די ווײַסע אַנטקעגן טווערדאָווסקי רייטער-קאָרפּוס געוואָרפן איר גאַנצע שטאָלץ און האָפענונג, דעם גענעראַל באַרבאָוויטשעס קאַוואַלעריע-אָפּטייל, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון אָפיצירן.

י אַ ים-שטורעם איז אָנגעלאָפן די אָפיצירישע קאַוואַלעריע און מיט אַ שווערן קלאַפּ האָט זי אַראָפּגעשווענקט די פאָדערשטע טיילן פון טווערדאָסקיס קאָרפּוס. מ׳האָט טווערדאָווסקין צווויסן געגעבן וועגן דער אָנגעהייבענער צעטומלונג. ער איז אַרויסגעשפרונגען פון דער רווינירטער געביידע פון דער האַלב-סטאַציע, פונוואַנען ער האָט אָנגעפירט מיטן שלאַכט, און זיך אַ וואָרף געטון צו די אָרדאָנאַנץ-זעלנערס.

— אַ פערד! — האָט ער אויסגעשריען מיט אַ ווילדן קול.

וואָלאָדיאַ און קאָסאָבאָטשקאָ, וועלכע זײַנען אַרויסגעשפרונגען נאָך אים, האָבן אומזיסט אים אײַנגערעדט זיך אומצוקערן, דערווייזנדיק, אַז זײַן אָרט איז אין שטאַב אָנצופירן מיט די אָפּעראַציעס, און נישט אין דער געדיכטעניש פון שלאַכט, ווו מ׳קאָן זיך באַגיין אָן אים. טווערדאָווסקי האָט פון קיין זאַך

בישט געוואָלט הערן.

— צום טייוול! איך אַליין וועל זיי, די מנוולים, מיט די ציין דורכבייסן. אַ צעטומלונג? ביי מיר?

ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל און זיך אַוועקגע־טראָגן, ווי געיאָגט דורכן ווינט.

אונטערן דרוק פון באַרבאָוויטשעס פרישער, אויסגערוטער קאַוואַלעריע, האָבן די קאָרפּוס־טיילן פּאַמעלעך אָפּגעטראָטן, באַשאָטן מיט אַ האָגל גראַנאַטן פונם שונאס רייטער־אַרטילעריע, ווען אין דער געדיכטעניש פון שלאַכט האָט זיך באַוויזן טווערדאָווסקי.

ער איז אָנגעלאָפן אויף אַ פּאָלק־קאָמאַנדיר, וואָס איז אים אַנטקעגן אָנגעקומען.

— וואָס? וואָס איז דאָס? פאַרוואָס טרעט איר אָפּ? ווער האָט אייך געהייסן, אַ רוח אין אייער מאַמען אַריין? פאָרויס!

דער בלאַסער פּאָלקאָם, דעם קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַן אָפּגעריסענער שטיק העמד, האָט סאַלוטירט מיט די פינגער ביים אָפּוועזנדן דאַשעק.

— אוממעגלעך זיך צו האַלטן. די פערד גייען קוים. די אַרטי־לעריע שטיצט אונדז נישט אונטער, און זיי שיטן מיט גראַנאַטן, ווי מיט אַרבעס. דער פּאָלק האָט פאַרלאָרן דריי פערטל פון צוזאַמענשטעל...

— שווייגן! — האָט טווערדאָווסקי אַ געשריי געטון, — פּחדנים! פאָרויס! ווער וועט נישט גיין, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. איך וועל אַליין גיין צו דער אַטאַקע אין די רייען, וועלן מיר זען, ווער וועט ריזיקירן אָפּצושטיין פון מיר.

אויפגעמונטערט דורך דער אָנוועזנהייט פונם באַליבטן קאָרקאָם, האָבן די קאַוואַלעריסטן, אָפּטרעטנדיק, זיך צונויפגע־קליבן און זיך אויסגעשטעלט צו אַטאַקע. אָט האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער קייט איבערן פאַרשנייטן פעלד. טווערדאָווסקי האָט אַרומגענומען מיט די אויגן די שטרענגע אויסגעמאַטערטע פּנימער פון די נאָענטסטע, דעם שנייאיקן פאָר־האַנג פאַר דער קייט, ווו ס'האָבן יעדע מינוט אויפגעבליצט פייערן פון די אויפרייסן פון דעם שונאס גראַנאַטן, וועלכע זיינען פון אַ אָפּענער פּאָזיציע גלייך געצילט געוואָרן, און אויך

די שוואַרצע וואָקלדיקע קייט פון אָנגרייפנדיקן שונא. ער האָט אַרויסגענומען דעם שווערד און די אינדערהויך אויפגעהייבענע שטאָל האָט טונקל אַ בליץ געטון.

– חברים! צו אַטאַקע! מאַרש — מאַרש!

די רייטער-אַרטילעריע פון די ווייסע האָט בייזער אָנגעהייבן צו קלאַפּן, באַגיסנדיק די אַטאַקירנדיקע מיט אַ שטאָלענעם שלאַקסרעגן. דאָס האָט שוין אָבער נישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם האַסטיקן אָנגריף. הינטער די אונטערגעשניטענע רייען זיינען אויסגעוואָקסן פרישע.

ס'האָבן זיך שוין דייטלעך געזען די רייען פון די ווייסע, וואָס האָבן זיך אויך געטראָגן אַנטקעגן, אָבער ביי זיי האָט זיך שוין אָנגעהייבן אַ מהומה. אייניקע האָבן איינגעהאַלטן די פערד, אַנדערע האָבן זיך אומגעקערט אַהינטער.

אין דערזעלבער מינוט האָט אויסגעשאָסן צום הימל ביי די סאַמע פיס פון טווערדאָווסקיס לויפנדיקן פערד אַ פאָנטאַן טונקעלן רויך און פייער.

געזען, אַז ווי די אָפיצירישע רייטערס קערן זיך אום מיטן רוקן, האָבן די אַטאַקירנדיקע זיך פאַרבייגעטראָגן און אַריינגעהאַקט זיך אין די ווייסע עסקאַדראָנען. באַרבאָוויטשעס קאָרפּוס האָט גענומען פאַטאַל לויפן, אָן אַן אָפּהאַלט.

ווען דער רויך פונם אויפרייס איז זיך פונאַנדערגעשוווּמען, האָט דער פאָלק-קאָמענדיר, וואָס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אויך די נאָנטסטע רויטאַרמייער, צולויפנדיק צום אָרט פונם אומגליק, מיט גרויל זיך צוריקגעצויגן.

אויף דרערד איז געלעגן אינגאַנצן צעריסן ז'ער קערפּער פונם קאָרפּוס-קאָמאַנדירס געלן פערד, און אונטער אים האָט אומבאַוועגלעך זיך אויסגעצויגן טווערדאָווסקיס קערפּער, פון קאָפּ ביז די פיס באַגאָסן מיט בלוט.

דער פאָלק-קאָמאַנדיר האָט מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן. זיינע נערוון, וואָס זיינען דורכן גאַנצן טאָג געוואָרן אויסגעמאַטערט, האָבן נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך געזעצט אויף דרערד און אויפן קול, ווי אַ באַבע, זיך פונאַנדערגעיאָמערט.

---

## קאַפּיטל זעכצן־און־צוואַנציק

# וואַכעדיקע אַרבעט

איבערן גרויסן זוניקן פּלאַץ, וואָס איז באַוואָקסן מיט צערטלעך־גרינעם גראָז, איינער נאָכן אַנדערן, אין אַ ראָד, טראָגן זיך רויטאַרמייער אויף זאַטע, גלאַנצנדיקע פערד.

צוטופּענדיק מיט די פיס אין טאַקט צום פערדישן לויף, מושטירט דער רויטבאַקנדיקער אָנוואָנציקער רויטקאָם בקול רם:

— וואָ־אָלט רעכטס... וואָ־אָאָלט ל־לינקס!

די פערד קערן זיך געהאָרכזאַם, פאָלגנדיק די ציימלעך. די יונגע רייטערס, וואָס זיינען געקומען אין דער אַרמיי אויף שלום־דינסט, לערנען זיך מיט התמדה די חכמה פון רייטן און גרייטן זיך ווערן פּונקט אַזעלכע העלדישע קעמפער פאַר פריי־הייט, ווי ס׳זיינען געווען זייער פאָטערס און עלטערע ברידער, וואָס מיטן סוף פונם בירגערקריג זיינען זיי אַוועק אויף אָפּרו, אַריינלייגנדיק די שווערדן אין די שיידן, אויסטוישנדיק זיי אויף אַקעראייזנס און האַמערס, כדי צו מאַכן אַ סוף צום תהו ובהו און אויפבויען דעם וווילשטאַנד פון דער רעפּובליק מיט אומאויפהערלעכער און עקשנותדיקער אַרבעט.

אויפן באַנק אונטערן אַקאַציע־בוים, וואָס וואַקסט אינמיטן פּלאַץ, זיצט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, אַרומגערינגלט מיט יונגע קאָמאַנדירן, אָן אַ היטל, אַ גרויער מאַן, אויף וועמענס רעקל ס׳בלאַנקען צוויי אָרדנס פון דער „רויטער פאָן“.

זיין פּנים איז דורכגעשניטן פון שלייף ביזן מויל מיט אַ זיגזאַגאַרטיקן שראַם, וואָס מאַכט די לינקע זייט אומבאַוועג־לעך. די טיפע, לעבעדיקע אויגן קוקן אָבער לויטער און רויק, און די האַנט מאַכט ברייטע און ענערגישע באַוועגונגען אין

טאַקט צו די ווערטער.

— מיינע יונגע פריינט, ס׳איז אייך נאָר מקנה צו זיין, וואָס איר זענט געקומען זיך אויף אַנדערע לערנען אין אַן אמתער אַרמיי. דאָס האַרץ פרייט זיך, ווען מ׳קוקט אויף זיי, ער האָט געוויזן אין דער זייט פון די רייטנדיקע, — אונדז איז געווען שווערער. מיר האָבן מיט אייגענע כּוחות צונויפגעשלאָגן אַן אַרמיי פון גאָרנישט. פון רעשטלעך פון דער צאַרישער אַרמיי, פון אַ צוזאַמענלויף באָרוועסע, נאַקעטע, הונגעריקע און טויט-מידע מענטשן, ביי וועלכע ס׳איז געווען נאָר איין ווילן — זיגן. [illegible] מיר האָבן מיט זיי געזיגט. איצט איז אייער צייט צו דערציִען דעם נייעם דור פאַר נצחונות. זייט פאַרעקשנט אין דער אַרבעט, רוט נישט אויף קיין לאָרבערקרענץ! דער מאָרגן באַהאַלט נאָך אין זיך אַסאַך שטורעמס. נישט איין מאָל וועט מען אייך נאָך רופן צום געווער צו פאַרטיידיקן די מאַכט. פון אייך הענגט אָפּ, אַז איר זאָלט עס קאָנען אויספירן לייכט און בכבודיק.

אויפמערקזאַם הערן די יונגע קאָמאַנדירן דעם אָנזאָג פון אַלטן סאָלדאַט.

ער נעמט-אַרויס פון טאַש אַ זייגער און קוקט אויף אים.

— נו, צייט! איך האָב מיך פאַררעדט מיט אייך. צייט אָנצובייסן. לאָזט פונאַנדער דעם עולם. און איך וועל אויך גיין עפּעס איבערבייסן, ווייל כ׳דאַרף פאָרן אין פעלד.

ער שטעלט זיך אויף פאַמעלעך, אונטערגעהאַלטן דורך די קאָמאַנדירן, און געזעגנט זיך מיט זיי. הינקענדיק און אָנגעשפאַרט אויף אַ שטעקן, גייט ער דורכן פּלאַץ אין דער ריכטונג פונעם הויז, וואָס זעט זיך הינטער די גאָרטן-ביימער.

שווער פאַרוווּנדעט אין פערקאָפּ-שלאַכט, צו דער איבעראַשונג פון זיינע דאָקטוירים, וואָס האָבן נישט געהאָפט אויף קיין גינסטיקן אויסגאַנג, האָט טווערדאָווסקי מיט זיין שטאַרקן אָרגאַניזם גובר געווען אַלע וווּנדן, כאָטש ער איז אַרויס פון שפּיטאָל אַ פולשטענדיקער אינוואַליד מיט אַן אַ צעקאַלעטשעטן אויף שטענדיק פּנים און מיט אַ פאַרקירצטער אויף צען צענטי-

מעטער לינקער פוס.

כאָטש מ'האָט אים פאַרגעלייגט אַן ערן־דעמיסיע און אַ פּאַראַנטוואָרטלעכע ווירטשאַפטלעכע אַרבעט, האָט ער דאָך נישט געוואָלט אַוועקוואַרפן דעם היימישן קאָרפּוס, ווייטער אָנגעפירט מיט אים און ענערגיש זיך פאַרנומען מיט דערציען די נייע יאָרגענג רויטע רייטערס.

צוגלייך מיט דעם, האָט אים אַ צי געטון צו אַרבעטן אין זיין פריערדיקער ספּעציאַליטעט, אויפן באָדן. אין אַ גוט אויף דער דרומדיקער גרענעץ פון דער רעפּובליק, ווו דער קאָרפּוס איז געשטאַנען, האָט ער אָרגאַניזירט מיט דער הילף פון די רויטאַרמייער אַ מוסטער־ווירטשאַפט. זיין גאַנצע ענער־גיע און וויסן האָט ער אָפּגעגעבן דער אַרבעט, און די באַלע־באַטישקייט איז מיט יעדן יאָר געוואָקסן. דער קאָרפּוס האָט זיך שוין אַליין דערנערט און זיך נישט געניטיקט אין פּראָ־דוקטן מן הצד.

אין געוועזענעם פּריצישן הויז האָט זיך טאַקע באַזעצט טווערדאָווסקי, מיט זיין פרוי און זון, מיט וועלכע ער איז זיך צוזאַמענגעקומען נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון צעשיידונג.

נישט נאָר מיט פרידלעכן לערנען דעם קאָרפּוס און מיט דאָרפישער באַלעבאַטישקייט האָט זיך פאַרנומען דער באַרימטער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר. זיינע אויגן האָבן געקוקט ווייטער.

הינטערן גרענעץ פון דער ראַטנלאַנד, אין אַ פערציק וויאָרסט פונעם קאָרפּוס־שטאַב, האָבן שווער געקרעכצט אונטערן פּריצישן יאָך הונדערטער טויזנטער פויערן, וואָס זיינען מיט גוואַלט אָפּגעריסן געוואָרן בעתן בירגערקריג פונעם סאָוויעטישן פאָטערלאַנד, אין קאַמף פאַר וועמענס באַפרייונג טווערדאָווסקי האָט אָנגעהייבן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. דערשלאָגענע, פאַריאָגטע, פאַרשמיסענע מיט זשאַנדאַרמישע נאַגאַיקעס, האָבן זיי זיך אַלץ געצויגן צו זייערע חברים פון יענער זייט גרע־בעץ, וואָס זיינען געוואָרן באַלעבאַטים פון זייער אייגענעם לעבן. מיט דורשטיקער האָפענונג אויף הילף און באַפרייונג, האָבן דאָ דאָ, דאָ דאָרט, כסדר אויפגעפלאַמט סטיכישע פויערשע

אויפשטאַנדן, וואָס פּלעגן פאַרגאָסן ווערן מיט טייכן בלוט, נאָר האָבן דאָך נישט אויפגעהערט, נישט געקוקט אויף קיין שום רעפּרעסיעס.

וועגן זיי האָט טווערדאָווסקי כּסדר געקלערט. ער האָט זיך ענג צוזאַמענגעבונדן מיטן אונטערערדישן רעוווקאָם פון די פריערשע אָפּטיילונגען און געהאָלפן די קעמפנדיקע מיט וואָס ער האָט געקאָנט: מיט עצות, געווער, פּראָוויאַנט, באַהאַלטן די אַנטלאָפענע, געשפּייזט זיי, איינגעאָרדנט אויף אַרבעט ביז דער נצחון פונם אויפשטאַנד וועט זיי געבן די מעגלעכקייט זיך אומקערן אין די היימישע דערפער.

טווערדאָווסקי איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער הויז-טעראַסע, ווו אַנטאָנינאַ האָט אויף אים געוואַרט מיטן צוגעגרייטן פרישטיק. באַגריסט זי, האָט ער זיך געזעצט און מיט אַפּעטיט זיך גענומען צום עסן, דורכקוקנדיק די נאָר-וואָס געבראַכטע צייטונגען.

— פון די פּאַרטיזאַנער איז מען נישט געקומען? — האָט ער געפרעגט.

— ניין. היינט איז נאָך קיינער נישט געווען, — האָט אַנטאָנינאַ געענטפערט.

אין דערזעלבער מינוט איז אָבער פון הויז אַרויסגעלאָפן אויף דער טעראַסע אַ מאָגערער צוועלפיאָריקער אינגל, טווערדאָווסקיס זון, און מיט אַ סודותפולן פּנים געמאָלדן דעם פאָטער, אַז ס'זיינען צו אים געקומען „אָטאָ יענע פויערן"!

טווערדאָווסקי האָט שנעל אויסגעטרונקען די קאַווע און אַוועק אין זיין קליינעם אַרבעטס-קאַבינעט. אַנטקעגן אים האָבן זיך אויפגעהייבן אייניקע פויערן אין ווייסע סוויטקעס אויסגענייטע מיט פאַרביקע שניר.

— גוטמאָרגן, פריינט! — האָט טווערדאָווסקי געזאָגט, דריקנדיק זיי די הענט, — וואָס פאַראַ גוטס וועט איר זאָגן?

— צו דיר, פּאַטער, זיינען מיר געקומען, — האָט געענטפערט אַ גרויוואָנציקער, איינגעהויקערטער פויער, — נאָך הילף.

— נו, נו, זעצט זיך! דערציילט, וועגן וואָס גייט עס? די פויערן האָבן זיך געזעצט. אָפּגעהוסט, האָט דער גרוי-

וואָנציקער ווייטער גערעדט:

— אָט וואָס פּאַראַ ענין. אייערנעכטן זייַנען פון יענעם ברעג אַריבערגעשווומען דעם טייך צוויי אונדזעריקע. נו, און האָבן דערציילט, אַז בײַ זיי איז דאָרט אויף דער קומענדיקער וואָך אַלץ פאַרטיק קעגן די פּריצים, ס׳פעלט נאָר אויס געווער. מ׳דאַרף נאָך געווער, פונוואַנען ווען מיר עס אָבער באַקומען? אויף דיר, פאָטער, איז די גאַנצע האָפענונג. העלף!

טווערדאָווסקי האָט צו זיך צוגערוקט אַ נאָטיץ־בלאָק.

— וויפל עולם איז פאַראַן אין די אָפּטיילונגען?

— אין אַלע דערפער און ישובים וועט זיך אויפקלייבן אַ פיר טויזנט. ביקסן איז פאַראַן העכסטנס אויף אַכטהונדערט מאַן. פּאַטראָנעס איז אויך גאַנץ ווייניק.

טווערדאָווסקי האָט פאַרשריבן די ציפער אויפן נאָטיץ־בלאָק. די פויערן האָבן גיריק נאָכגעפאָלגט נאָך זיין שרייבן. ער האָט אַוועקגעלייגט די בלייפעדער.

— האָט קיין מורא נישט! מיר וועלן אייַנאָרדנען. הייסט עס, אויף דער קומענדיקער וואָך? גוט! געדענקט־זשע, וואָס איך האָב אָנגעזאָגט! אַלע מיטאַמאָל זאָלן נישט קריכן זיך שלאָגן. כל־זמן די סאָלדאַטן פאָלגן זייערע דעה־זאָגערס, וועט איר אַלץ איינס אין אַן אָפענער שלאַכט זיי נישט גובר זיין. שלאָגן דאַרף מען צוביסלעך, אַמאָל נאָך אַמאָל, אין פאַרשידענע ערטער, פון הינטער אַ ווינקל, כדי אָנצעיאָגן אַ מורא. אָנגעפאַלן, געמאַכט אַ מהומה און אַנטלויף, כדי אומזיסט־אומנישט קיין מענטשן נישט פאַרלירן. דערעיקר, נישט לאָזן די טייוולאָנישע פּריצים זיך אָפּרוען, שלאָג אין פאַרשידענע ערטער, אָבער אָן אָפּרו!

דער אַלטער פויער האָט אָפּגעזיפצט.

— אַי, האַרציקער, ס׳איז אונדז שווער אַליין. ווען דו וואָלסט געוואָרן אונדזער קאָמאַנדיר און גענומען אַ פּאָלק רויט־אַרמייער, וואָלטן מיר פון די פּריצים קיין שריד ופליט נישט געלאָזן.

טווערדאָווסקי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— דאָס איז אמת, אַלטער, ס׳איז אָבער נאָך צו פרי. מיר

האָבן איצט מיט קיינעם קיין מלחמה נישט. אויב מ׳זאָל זיך פאַרפלאָנטעון, ויעט זיך דערפון פאַרקאָכן אַזאַ מין קאָשע, אַז די פריצישע מנוולים פון דער גאַנצער וועלט וועלן אויף אונדז זיך אַ לאָז טון. און אייך וועלן מיר נישט העלפן און אַליין וועלן מיר דורכפאַלן. אָט, ווען איר וועט אייערע פריצים אַ שטיק טון, ווי געהעריק, כדי כאָטש אויף דריי טעג זיי אַרונ־טערוואַרפן דעם הונט אונטערן עק, דעמאָלט כ׳לעבן, וועלן מיר אייער ראַטנרעפּובליק מיט אונדזער ברוסט פאַרטיידיקן.

— דאָס וואָלט געווען גוט, — האָט דער אַלטער געזאָגט, — מיר וועלן זיך באַמיען.

די פויערן האָבן זיך אויפגעהייבן און געזעגנט.

— און וועגן געוועזער זייט רויק. וואָס ס׳וועט מעגלעך זיין, וועל איך טון, — האָט זיי טווערדאָווסקי באַגלייט. פאַר־מאַכט די טיר, האָט ער אָנגקלונגען. ס׳איז אַריינגעקומען דער אָרדאָנאַנץ־זעלנער.

— אָט וואָס, חבר. פירט אַוועק דעם צעטל צום אינטענ־דאַנט און זאָגט, אַז איך וועל אויף אים וואַרטן פיר אַזייגער. און איצט הייסט, מ׳זאָל מיר געבן אַ קאַבריאָלעט, איך וועל פאָרן באַקוקן דעם שניט אויף די פעלדער. איילט־צו.

## קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

# „לוקס-האָטעל"

אין דער טומלדיקער און שמוציקער הויפּטשטאָט פון דער קליינער מלוכהלע, ווו דאָס רוב באַפעלקערונג באַשטייט פון רעסטאָראַן-מוזיקאַנטן, פּראָצענטניקעס און פון אַלערליי מדרגות און מינים שווינדלערס, קען יעדער איינגל דעם „לוקס-האָטעל".

אויסגעבויט אויפן אייראָפּעישן שטייגער, האָט דידאָזיקע זיבנשטאָקיקע געביידע אַמאָל געדינט אַלס גאַסטהויז פאַר אינטערנאַציאָנאַלע אַפעריסטן, וואָס פלעגן קומען אין דערדאָזיקער לאַנד מאַכן אַלערליי טונקעלע עסקים.

איצט האָט זיך אין דעם האָטעל פונאַנדערגעלייגט דער אויספאָרשונג-אַמט פון גענעראַל-שטאַב פון דערדאָזיקער לעכער-לעכער מדינה, וואָס איז אויף קעסט ביי די אייראָפּעישע גרויסמאַכטן.

דער נאָמען פון דעמדאָזיקן אַמט ווערט דורך די בירגער דערמאָנט מיט יראת הכבוד, און קיינעם פון זיי ווילט זיך נישט, אַז די באַאַמטע פון דערדאָזיקער איינריכטונג זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט זיין באַשיידענער פּערזאָן, ווייל אַזאַ מין אינטערעס שמעקט מיט טויט-שטראָף.

דער נאָמען פונם נאַטשאַלניק פון אויספאָרשונג-אַמט, פּאָל-קאָווניק מענאַר, ווערט אַרויסגערעדט נאָר אויפן אויער און דאָס אויך פריער זיך אַרומקוקנדיק אין אַלע זייטן, צי הערט נישט אונטער עפּעס אַ שפּיאָן.

אַלע פאַרברעכנס, אַלע שווינדעלייען, וועלכע קומען פאָר אין דערדאָזיקער הויפּטשטאָט, אין דעמדאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן באַזאַר פון שוחד און געמיינהייט, נעמען זייער שורש אין דער

זיבנשטאָקיקער געביידע „לוקס-האָטעל", וועלכע ווערט טאָג און נאַכט אָפּגעהיט דורך אַן אַ צאָל וועכטערס.

. . . . . . . . . . . . . . . .

פּאָלקאָווניק מענאַר האָט אַ ריס געטון און צעקנוילט אין די קורצע רויטע פינגער אַ שיפרירטע טעלעגראַמע. זיינע געפּאַרבטע גרין-בראָנזענע וואָנצעס האָבן זיך אויפגעשטעלט, ווי צוויי פּיקעס, און דער פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן ווי מיט בוראַק-קוואַס.

— דאָס טאָר מען מער נישט דולדן, — האָט ער אַ געשריי געטון צו זיין געהילף, דעם לייטענאַנט מיט דינע פּיסלעך, אָנגעפּאַרבט ווי אַ קאַבאַרעט-זינגערין. פון נאַטשאַלניקס געשריי האָט ער אַ פּינטל געטון מיט די אונטערגעפּאַרבטע קעלבערנע אויגן און פונאַנדערגעלאָזן די אַראָפּהענגענדיקע גראָבע ליפּן.

— מ'טאָר, זאָג איך, נישט דולדן. דערדאָזיקער פּאַסקודניאַק וועט אונדז סוף-כל-סוף גובר זיין. לויט די ידיעות פון דער גרענעץ-וואַך האָט טווערדאָווסקי מיט אייניקע טעג צוריק ווידער אַריבערגעשיקט דורך דער גרענעץ אַ טראַנספּאָרט געווער און אַפילו פיר פעלד-האַרמאַטן. וואָס איז דאָס אַזוינס? האָ?

דער לייטענאַנט האָט צוזאַמענגעקליבן די ליפּן און נאַיוו געזאָגט:

— פאַרוואָס עפּעס מעלדט די גרענעץ-וואַך וועגן דורכפירן דורך דער גרענעץ געווער און מענטשן שטענדיק לאחר המעשה? וואָלט דען נישט געווען בעסער, ווען זיי וואָלטן וועגן דעם וויסן פריער...

— איר זענט אַ נאַר, מיין ליבער, — האָט מענאַר געגעבן זיין געהילף אַ פּסק, — איר זענט אַן אומגליקלעכער נאַר! משטיינס געזאָגט, סאַראַ חכמה איר האָט געזאָגט. אַנטדעקט אַמעריקע! איך ווייס דאָס אָן אייך אויך און ווייס, וואָס בעסער איז. צום אומגליק, האָב איך דאָך דריי מאָל איבערגעטוישט דעם גאַנצן קאָמאַנדע-צוזאַמענשטעל פון דער גרענעץ-וואַך, כדי צו פאַרטוישן די מנוולים מיט אָרנטלעכע מענטשן, אָבער יעדן מאָל נאָכן טויש האָבן די אָפיצירן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נאָך

גרעסערע טויגעניכטסן, ווי די פריערדיקע. אַפילו מיט מיין פערזענלעכן ביישפיל קאָן איך אין זיי נישט איינפלאַנצן די פרינציפן פון ערלעכקייט און געטרייער דינסט דער רעגירונג. פאַר געלט דערלויבן זיי די פאַרטיזאַנער ברענגען אַלץ וואָס זיי געפעלט און מעלדן מיר נאָר די געשעענע פאַקטן. פאַרקויפטע נשמות, וואָס זיינען גרייט פאַר געלט דינען יעדן איינציקן...

דער פאָלקאָווניק האָט זיך אַזש געשטיקט פון כעס. דער לייטענאַנט האָט קוים צו באַמערקן אַ שמייכל געטון ביי דער לעצטער באַשולדיקונג-פראַזע פון זיין פאַטראָן. ער האָט געוווסט, אַז בסך-הכל פאַר אַ האַלבער שעה האָט דער פאָלקאָווניק באַקומען אַ שפּאָר פעקל פאַפיר-געלט פונם ענגלישן מיליטערישן אַטאַשע פאַרן צעטל פון די מיליטער-מכשירים, וואָס די פראַנצויזן האָבן פאַרקויפט זיין לאַנד, און אַז איינצייטיק איז דער פאָלקאָווניק פאַר אַ שפּאָרער אַפּותיקי געווען אויף געהיימער דינסט פון די פראַנצויזן.

דעריבער איז ער געווען לחלוטין גערעכט, ווען ער האָט געטענהט, אַז מיט זיין פערזענלעכן ביישפיל קאָן ער נישט איינפלאַנצן אין זיינע באַאַמטע די פּרינציפּן פון ערלעכקייט און געטריישאַפט. דעם לייטענאַנטס לויפיקער שמייכל האָט אָבער ביי אים אַרויסגערופן אַ נייעם שטורעם פון צאָרן.

— וואָס? שטיל זאָל זיין! — האָט ער אַ ריטש געטון, כאָטש דער לייטענאַנט האָט נישט אַרויסגערעדט קיין איין וואָרט, — איר זענט אַלע ביי מיר צעלאָזן געוואָרן. שיקט מיר אַהער ליקסן.

דער לייטענאַנט האָט זיך אויסגעדרייט לינקס אַהינטער און איז אַרויסגעשפּרונגען, צופרידן, אַז דאָסמאָל איז עס אַדורך בחסד.

אין אַ מינוט אַרום האָט אין פאָלקאָווניקס קאַבינעט זיך אַריינגעשליידערט דער נאַטשאַלניק פון דער אָפּעראַטיווער טייל פון אויספאָרשונג-אַמט ליקס.

ער איז געגאַנגען פון טיר צום טיש, שווער געטראָטן מיט די קרומע פיס, די ריזיקע גאָרילישע אונטערשטע ליפּ האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס, און ביי די זייטן פונם פלאַכן

נאָז האָבן טעמפּ געפינקלט די חיהשע אָנרחמנותדיקע אויגן.

מיט אַ רעוועדיקן קול האָט עם באַגריסט דעם פּאָלקאָוו־ניק און, אונטערגעבויגנדיק די פּיס, האָט ער נישט־געשיקט זיך אַ וואָרף געטון אין דעם ווייכן לעדערנעם פּאָטעל. דער פּאָלקאָוו־ניק האָט אויפגעהייבן פון פּאָדלאָגע די איינגעקנוילטע טעלעגראַמע.

— האָט איר געלייענט, קאַפּיטאַן? — האָט ער געפרעגט.

— געלייענט, — האָט ליקס אַרויסגעברומט.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן אויף דעם?

ליקס האָט שווייגנדיק געביילט זיינע האָריקע פויסטן.

— מ'דאַרף מאַכן אַ סוף, — האָט ער הייזעריק אַרויס־גערעדט, — איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרענדיקן. אַנדערש וועלן מיר שלעכט אָפּשניידן.

— פאַרענדיקן? — האָט דער פּאָלקאָווניק זיך אויפגעקאָכט, — גרינג צו זאָגן פאַרענדיקן, ווי אַזוי? קיין קויל נעמט אים נישט, און מיר קאָנען צו אים נישט דערלאַנגען. ווען מ'וואָלט געקאָנט...

— וואַרט־צו, — האָט אים ליקס איבערגעשלאָגן, — פון דערפרי אָן האָב איך אַן איינפאַל. איך וויל אים פטרן דאָרטן, אויפן אָרט.

דער פּאָלקאָווניק האָט מיט מיטלייד אָנגעקוקט ליקסן.

— אַן אַטענטאַט? אויך אַן איינפאַל! נאָר אויב איר וועט אים דערהרגענען מיט דער הילף פון וועמען ס'איז פון אונ־דזערע טויגעניכטסן, — וועט דאָס, שוין אָפּגערעדט פון אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס, נאָר נאָך מער פונאַנדערברע־נען דעם פלאַם פון פּויערן־אויפשטאַנדן, וועלכע וועלן זיך נוקם זיין פאַר זייער העלד.

ליקס מיט זיין מאַלפּישן פּרצוף קוים־קוים אַ שמייכל געטון.

— איך בין נישט אַזוי נאַריש. איך וועל אים אויף אַן אַנדער אופן פטרן. קיין פליג וועט קיין פּיפּס נישט טון.

ער האָט נאָכאַמאָל שרעקלעך אַ שמייכל געטון און צוגע־רוקט דעם פּאָטעל צום טיש.

## קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

# אַ טונקעלער עסק

— זיידע, דו קומסט צו מיר? — האָט טווערדאָווסקי געפּרעגט, אומקערנדיק זיך פון דער דרעשמאַשין, אין וועלכער ער האָט זיך געפּאָרעט צוזאַמען מיטן מעכאַניק.

— צו דיר, גנעדיקער. זיי מוחל, וואָס איך באַאומרויק דיך. ס'איז אַזאַ מין ענין, — האָט געענטפערט דערזעלבער פויער מיטן הויקערדיקן נאָז, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט די איבעריקע פויערן בעטן געווער.

— וואָס פאַר אַן ענין?

— אָט וואָס, איין פאַראָבעק אונדזערער איז אַריבערגעשווומען דעם טייך. ער איז קוים אַ לעבעדיקער אַנטלאָפן פון פאַרפלוכטן מענטאַר. ווילן מיר דיך דעריבער בעטן, זיי אַזוי גוט און נעם אים צו זיך אויף אַרבעט. זאָל ער אַביסל צו זיך קומען, ווייל איצט זיך שלאָגן קאָן ער נישט. ער איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

— ווו איז ער?

— דאָ הינטער דער טיר. איך האָב אים געבראַכט צופירן.

— זאָל ער אַריינגיין, — האָט טווערדאָווסקי געזאָגט.

אויפן אַלטנס רוף איז אין שטאַל, ווו ס'זיינען געשטאַנען לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, אַריינגעגאַנגען, איינגעבויגן און קוים שלעפּנדיק די פיס, אַ יונגער שוואַרצאויגיקער יונג און טיף זיך פאַרנויגט פאַר טווערדאָווסקין.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט אים טווערדאָווסקי געפרעגט.

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט דער יונג מיט טרייסלענדיקע פינגער אויפגעקנעפּלט די סוויטקע, זי אַראָפּגענומען און זיך

אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו טווערדאָווסקין. טווערדאָווסקי איז פון גרויל אַזש אָפּגעטרעטן אויף הינטער. אָנגעשוואָלן און רויט, האָט די פּלייצע מיט זיך פאַרגעשטעלט איין דורכויסיקע פוילנדיקע ווונד.

— ווו האָט מען דאָס דיך אַזוי באַארבעט? — האָט טווערדאָווסקי שטיל געפרעגט.

— זשאַנדאַרמען. זיי האָבן מיך געכאַפּט אויפן וועג, צוגעשטאַנען: „דו ביסט אַ באָלשעוויק". איך שווער זיך, אַז ניין, האָבן זיי מיך פונאַנדערגעלייגט אויף אַ וואָגן און גענומען שלאָגן מיט די נאַגאַיקעס. דערנאָך האָבן זיי מיך אַוועקגעפירט מיט זיך, פאַרשפּאַרט אויף ביינאַכט אין אַ כאַטע, כּדי אינדערפרי צו דערשיסן, איך האָב אָבער מיט די לעצטע כּוחות אויסגעהאַקט די פענצטער-ראַם און אַנטלאָפן.

— מ'דאַרף דיך באַלד אַוועקפירן אין לאַזאַרעט. גיי.

דער יונג האָט זיך נאָכאַמאָל טיף פאַרנויגט.

— ס'וועט אַזוי אויך זיך פאַרהיילן. טוט מיר אַ טובה, גיט מיר וועלכע ס'איז אַרבעט. כ'וויל נישט בעטלען.

— גוט. מירן געבן. פריער הייל זיך אָבער אויס, — האָט טווערדאָווסקי געענטפערט און אָנגעזאָגט דעם מאַשיניסט, ער זאָל אַוועקפירן דעם יונג אין לאַזאַרעט.

— וואָס פאַר אַן אַרבעט קענסטו? — האָט ער אים געפרעגט פאַרן אַוועקגיין.

— איך בין אַ מאָנטער, — האָט דער יונג גאַוווהדיק געענטפערט.

— נו, וועט זיין פאַר דיר אַרבעט. חבר אַרטעם, פירט אים אָפּ און קערט זיך אום וואָס שנעלער, ווייל אָן אייך וועל איך זיך נישט געבן קיין עצה. דער אַלטער מיטן יונג און דער מאַשיניסט זיינען אַרויסגעגאַנגען. טווערדאָווסקי האָט העכער פאַרשאַרצט די אַרבל און מיט אַ פראַנצויזישן שליסל אין די הענט איז ער אַרונטערגעקראָכן אין די סאַמע אינגעווייִנטס פון דער דרעשמאַשין.

• • • • • • • • • • • • • • • • •

אין אַ וואָך אַרום האָט דער יונג אינגאַנצן זיך אויסגע־היילט און איז ווידער געקומען צו טווערדאָווסקין נאָך אַרבעט. ער האָט אים געשיקט אין אַ צוקער־פֿאַבריק, ווו מ׳האָט אים באַשטימט פֿאַר אַ מאָנטער. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ געשיקטן און פֿאַרשטענדיקן אַרבעטער, און זיינע ידיעות אַלס מאָנטער האָבן אַפּילו פֿאַרוווּנדערט דעם פֿאַבריק־פֿאַרוואַלטער. אויף זיין פֿראַגע, פֿונוואַנען האָט ער אַזוי פֿיל ידיעות, האָט דער יונג געהערט געענטפֿערט, אַז ער האָט געענדיקט אַן עלעקטראָטעכנישע מיטלשול און געטרוימט אָנצוקומען אין אַן אינזשיניערן־שול, נאָר זיין אָרעמקייט האָט עס נישט דערלויבט. דער פֿאַרוואַלטער האָט גוטמוטיק אים אַ קלאַפּ געטון איבערן אַקסל.

— נו, זאָרג נישט. ביי אונדז איז עס נישט קיין שטע־רונג. וועסט דאָ אָפּאַרבעטן אַ יאָר, דערנאָך וועלן מיר דיך אַוועקשיקן אין פּאָליטעכניקום און לערן זיך געזונטערהייט.

דעם נייעם מאָנטער האָט מען איינגעאָרדנט אין איין דירה מיטן נאַטשאַלניק פֿון דער פֿאַבריק־וואַך.

דאָס איז געווען אַ מענטש, אומבאַוווּסט פֿון וואָס פֿאַראַ נאַציאָנאַליטעט, מיט אַ קרומען רוקן און נידעריקן שטערן, מיט אַ בעלעם אויף איין אויג. זיין צונאָמען — ניידאַ. מיט דריי יאָר צוריק איז ער אַריינגעטראָטן אַלס פֿרייוויליקער אין איי־נעם פֿון די פּאָלקן פֿון דער דיוויזיע, מיט וועלכער טווער־דאָווסקי האָט אָנגעפֿירט. אינגיכן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין העלדישקייט. גלייכצייטיק האָט ער אָבער אַרויסגע־וויזן אַ חיהשע אכזריות און חוצדעם איז ער נישט געווען קיין נקי־כפּים. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט טווערדאָווסקי, וועלכער האָט נישט געליטן אַזעלכע לייט, אויף דער הייסער מינוט שיר ניידאַן נישט דערשאָסן, דערנאָך האָט ער, פֿון רחמנות וועגן, זיך באַגרענעצט דערמיט, וואָס ער האָט אים אַרויסגעטריבן פֿון דער דיוויזיע. ניידאַ איז שפּורלאָז פֿאַר־שווּנדן. אַרויסגעשווומען איז ער שוין נאָכן סוף פֿונם ביר־גערקריג און געקומען צו טווערדאָווסקין אַן אַרומגעריסענער, שמוציקער און אומגליקלעכער בעטן עפּעס אַ פּאָסטן. טווער־

דאָווסקי האָט לכתחילה אַנטשיידן אָפּגעזאָגט, זענדיק אָבער ניידאַס פּאַרצווייפלונג, האָט ער זיך מישב געווען.

— כאַפּט אייך דער טייוול, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל נישט נעמען אויף זיך קיין אחריות פאַר אייער אומקומען. כאַטש נישט ערלעך, נאָר דאָך האָט איר געדינט ביי מיר. איך גיב אייך איבער די וואָך פון אַ צוקער-פאַבריק. דאָס איז פאַר אייך דער פּאַסיקסטער און אומשעדלעכסטער פּאָסטן. אין אייער רשות וועט נישט זיין קיין געלט, וועט אויך נישט זיין קיין יוצר-הרע. אויב איר וועט זיך אָבער נאָכאַמאָל פאַרזינדיקן, האָט קיין פאַריבל נישט — וועל איך אייך נישט שענקען און וועל נאָך די אַלטע עבירה דערמאָנען.

ווען טווערדאָווסקי וואָלט דערזען, מיט וואָס פאַר אַ רשעות ס'האָט אַ בליץ געטון ניידאַס געזונטע אויג ביים דער־מאָנען וועגן דער אַלטער עבירה, וואָלט ער אפשר אים נישט אָנגענומען, טווערדאָווסקי האָט אָבער גאָרנישט נישט באַמערקט.

במשך אַ יאָר האָט ניידאַ געהעריק אויסגעפילט זיינע פליכטן און אויף טווערדאָווסקיס אָנפרעג האָט דער פאַבריק-פאַר־וואַלטער צעשטרויט געענטפערט:

— אַן אַרבעטער ווי אַלע. נישט בעסער און נישט ערגער פון אַנדערע. קיין שלעכטס האָט מען ביי אים נישט באַמערקט.

אָט ביי דעם ניידאַ האָט זיך טאַקע באַזעצט דער נייער מאָנטער. ווי פאַרוואונדערט איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער, וואָס האָט געקענט ניידאַן, אַלס בייזן און מענטשנפיינטלעכן, וועלכן קיינער האָט נישט געקענט באַוועגן זיך דורכצושמועסן, ווען דער מאָנטער האָט זיך שנעל באַפריינדעט מיטן וואָך-נאַטשאַל־ניק. שטענדיק האָט מען זיי געזען צוזאַמען.

דעם יונגן מאָנטערס פריילעכער און לעבנסלוסטיקער כאַ־ראַקטער האָט, ווייזט אויס, געווירקט אויפן פאַראומערטן און פאַרחשכטן ניידאַן. ער איז געוואָרן באַרעדעוודיקער און אַפילו אָנגעהייבן צו שמייכלען, וואָס פריער פלעגט ער קיינמאָל נישט טון. אין די אָוונטן פלעגן זיי ביידע פריינטלעך זיצן ביי טיי ביז שפּעט אין דער נאַכט און לעבעדיק שמועסן.

איינמאָל, טרינקענדיק טיי, האָט דער מאָנטער מיט אַ גוט-מוטיקער פאַרוווּנדערונג געזאָגט ניידאַן.

— איך וווּנדער מיך, קוקנדיק אויף אייך. איר זענט אַ קלו-גער מענטש און אַ פעיקער און איר זיצט אויף אַזאַ קליינעם פּאָסטן. אַזש אַ רחמנות אויף אייך.

ניידאַ האָט זיך אָנגעבּרוגזט, און דער מאַנטער האָט פאַרגעזעצט.

— איר וואָלט געבּעטן ביי טווערדאָווסקין, ער זאָל אייך איבּערפירן אויף אַן אַנדער אַרבּעט. ער איז אַן אויסגעצייכנ-טער מענטש, אַ גוטע נשמה, פאַרשטייט זיך אויף מענטשן, און וועט זיכער מיט פאַרגעניגן אייך העלפן געפינען אַן אַרבּעט צוגעפּאַסט צו אייערע פעיקייטן.

ניידאַ האָט זיך נאָך מער אָנגעבּרוגזט און געוואָרפן אַ זידלוואָרט. דער מאָנטער האָט פאַרוווּנדערט אים אָנגעקוקט מיט זיינע טיפע, אויפמערקזאַמע, שוואַרצע אויגן.

— וואָס זידלט איר זיך? צי האָב איך אייך געזאָגט עפּעס אומאָנגענעמעס? — האָט ער צעתּמט געפרעגט.

ניידאַ האָט שטרענג געשוויגן. דער מאָנטער האָט אָבּער נישט אויפגעהערט צו פרעגן און לסוף געגנויט זיין פריינט דערציילן אים די געשיכטע פון זיין פריערדיקער דינסט ביי טווערדאָווסקין.

— נו, אָט וואָס פאַר טפּשות, — האָט ער געזאָגט, ווען ניידאַ האָט געענדיקט דערציילן, — ס'איז געווען און פאַרגעסן געוואָרן. איצט זעט דאָך טווערדאָווסקי אַליין, אַז איר האָט זיך פאַרבּעסערט, און האָט זיכער גאָרנישט קעגן אייך. ווען איר וואָלט אים אַליין דערמאָנט וועגן זיך, וואָלט ער מיט פאַרגע-ניגן אייך געגעבּן אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבּעט, צוגעפּאַסט צו אייערע פעיקייטן.

— איך האָב מורא מיט אים זיך אויסטענהן, — האָט ניידאַ געענטפערט, קריצנדיק מיט די ציין, — פאַר קיין זאַך אין דער וועלט האָב איך קיין מורא נישט, אָבּער אָט זיין בּליק קאָן איך נישט פאַרטראָגן.

— נו, אויב אַזוי, — האָט דער מאָנטער איינגעטענהט, — שרייבט אים אָן אַ בריוו. בנאמנות, איך האָב צו אייך אַ פריינט־לעכע באַציונג און מיר וואָלט זיך זייער געוואָלט אייך העלפן. קומט, לאָמיר צוזאַמען צונויפשטעלן און אָנשרייבן אַ בריוו. איך בין זיכער, אַז חבר טווערדאָוסקי וועט נישט אָפּזאָגן.

ניידאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין. ער וועט מיר פאַר אַזאַ בריוו אַזוי אָנרייבן די די אויערן!

אויפן מאָנטערס פנים האָט אויף אַ רגע זיך באַוויזן אַ אומצופרידענע און אומגעדולדיקע מינע, ער האָט זי אָבער אַראָפּגעטריבן און גענומען ווידער ליבלעך איבערצייגן זיין פריינט אין דער זיכערער פעולה פונם פאַרטראַכטן פּלאַן.

לסוף האָט ניידאַ אַ מאַך געטון מיטן האַנט.

— אַך, ווי איר האָט זיך צוגעטשעפּעט! כאַפּט אייך דער טייוול, לאָמיר אָנשרייבן. ס'זאָל נאָר נישט ערגער מאַכן.

דער מאָנטער האָט אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר און צוגערוקט דעם טינטער.

פון מזרח־זייט האָט שוין אָנגעהייבן צו טאָגן, ווען זיי האָבן פאַרענדיקט אָנשרייבן דעם בריוו. דער מאָנטער האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט און פאַרחתמעט.

— מאָרגן וועלן מיר עס אָפּגעבן דעם קוריער, וואָס וועט פאָרן אין שטאַב, ער וועט עס אָפּפירן. אין אַ צוויי טעג אַרום וועלן מיר זיכער באַקומען אַן ענטפער.

אין צוויי טעג אַרום איז אָבער קיין שום ענטפער נישט אָנגעקומען. ס'איז אַדורך אַ וואָך און קיין ענטפער איז אַלץ נישט געווען. ניידאַ האָט זיך אויפגערעגט און דער מאָנטער האָט אים געטרייסט.

— האָט נישט קיין עגמת־נפש! קנאַפּ געשעפטן האָט חבר טווערדאָווסקי! און חוצדעם, קאָן ער דאָך נישט מיטאַמאָל צו־טראַכטן, וויהין אייך באַשטימען. מ'דאַרף דאָך אַלץ נעמען אין אַכט. אַפילו גלייכער, וואָס ער האָט תיכף נישט געענטפערט.

צום סוף פון דער צווייטער וואָך האָט טווערדאָווסקי

בכבודו ובעצמו זיך באַוויזן אין פאַבריק אויף זיין אינספּעק־ציע־רייזע אינם גאַנצן ראַיאָן פונם קאָרפּוס. ער איז אַריינגע־קומען אין קאַנטאָר צוזאַמען מיטן פאַרוואַלטער. סאַלוטירנדיק און אויפגערעגט, האָט ניידאַ אים ראַפּאָרטירט, אַז אין פאַבריק איז אַלץ אין אָרדענונג.

אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט, האָט טווערדאָווסקי נישט דער־לאַנגט דעם וואַך־נאַטשאַלניק קיין האַנט און, אָנקוקנדיק אים פון דער נאָנט מיט אויגן, אָנגעצונדענע פון גרימצאָרן, האָט ער געזאָגט הויך און שאַרף, אַז אַלע האָבן געהערט יעדן וואָרט:

— איר האָט מיר אָנגעשריבן אַ חוצפּהדיקן און נאַרישן בריוו. איר בעט, אַז איך זאָל אייך געבן אַ מער פאַראַנטוואָרט־לעכע אַרבעט און שטיצט זיך אויף אייערע פריערדיקע פאַר־דינסטן. איר האָט פאַרגעסן, אַז דידאָזיקע פאַרדינסטן באַשטייען אין דעם, וואָס איר האָט אין אַ שווערער צייט צעגנבעט פאַר־האָרעוועטע פאָלקס־געלטער. איך טרייב אייך גלייך נישט אַרויס, ווייל איר האָט אַ יאָר געדינט אָרנטלעך, נאָר אויב איר וועט נאָכאַמאָל זיך דערוועגן צו פּרעטענדירן אויף וועלכע ס׳איז העכערונג, וועט איר איינס־צוויי אַרויספליען אויך פון דאַנען.

ניידאַ איז געשטאַנען אַ בלאַסער. די איבעריקע מיטאַר־בעטער האָבן שווייגנדיק אויסגעהערט און געפילט זיך אומבאַ־קוועם. קיינער האָט אָבער נישט באַמערקט, ווי דעם מאָנטערס שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ העלן פלעמל פון נישט איינגעהאַלטענער פרייד און נחת־רוח.

## קאַפּיטל נײַנאונצוואַנציק

# אין דער פֿינצטערער נאַכט

געענדיקט די אַרבעט און געקומען אין זײַן צימער, האָט דער מאָנטער דעמזעלביקן טאָג אײַנאָוונט געטראָפֿן נײַדאַן אַ ליגנדיקן אין בעט, מיטן פּנים אין דער פֿאַרשמירטער קישן.

ער האָט אים אַ ריר געטון פֿאַרן אַקסל.

— היי, וואָס איז דאָס?

נײַדאַ האָט פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אָנגעקומענעם. אין דער פֿינצטערניש פֿונם צימער האָבן זײַנע אויגן אַ בליץ געטון מיט אַ פֿינצטערן בייזן פֿײַערל.

— גיי צו אַלדי טײַוואָל! — האָט ער אַ געשריי געטון, — צוליב דײַן נאַרישער עצה האָט מען מיר הײַנט אָנגעשפּיגן אין פּרצוף. אידיאָט!

— פֿאַרוואָס בייזערסטו זיך אויף מיר? — האָט געפֿרעגט דער מאָנטער, אָפּטרעטנדיק, — איך האָב דיר געגעבן אַן עצה זיך ווענדן צו טווערדאָווסקין, ווײַל איך האָב אויף זיך אויסגעפּרוווט זײַן גוטסקייט און צוגעלאָזנקייט. ווײַזט-אויס, אַז דו האָסט אים נישקשה אָנגעפּאַסקודזשעט, אַז ער קאָן נישט פֿאַרגעסן דײַנע קונצן.

נײַדאַ האָט בייז זיך אויסגעזידלט. דער מאָנטער האָט שטילערהייט אַ פֿײַף געטון.

— אָהאָ, ווי איך זע, האָסטו זיך אינגאַנצן צעווייקט. לאָמיר אויסטרינקען צו טראָפּן. פֿון בראָנפֿן פֿאַרשווינדן אַלע צרות, ווי מיטן רויך, מאָרגן וועסטו זיך אויפֿכאַפּן ווי אַ נײַ-געבוירענער, און אַלע עוולות וועט פֿון קאָפּ אַרויסשלאָגן. פּונקט האָב איך אין קאָפּער אַ פֿײַן ביסל שנאַפּס. פֿאָריקע וואָך בײַ אַ קאָנטראַבאַנדיסט געקויפֿט. ער האָט געשוואָרן, אַז ז״

שטייט שוין דרייסיק יאָר. באַהאַלטן אויף יאַמטעוו, נאָר כּדי דיך צו טרייסטן איז מיר נישט קיין שאָד אויסצוטרינקען.

ניידאַ האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט.

— גיב־אַהער, מנוּוול! שלעפּ־רויס! כּל־זמן איך וועל זיך נישט אָנשיכּורן — ווען איך נישט פאַרגעסן. אין אַלעמענס אָנוועזנהייט אַזעלכעס אויסהערן — איז דאָך דאָסזעלבע, ווי מ'וואָלט דיך פּאַר מענטשן מיט דזשעגעכץ אויסגעשמירט!

— יאָ, — האָט זיך אָפּגערופן דער מאָנטער און אַרויס־באַקומען פון קאָפער צוויי פלאַכע פלעשער, — ער האָט דיך געזונט באַארבעט. כּלומרש, איר זענט אַ גנב, אַ הינטישער זון און איר זאָלט שווייגן, אַנדערש וועט ער אייך אַרויסטרייבן, אַלע האָבן געהערט.

— מאַך זיך צו, — האָט ניידאַ, קריצנדיק מיט די ציין, אַרויסגעבּרויזט, — גראַבל נישט, גיס־אָן! אַלץ שרפעט אין מיר אינעווייניק. ווען ער קומט אונטערן האַנט איצט, — אַ קלאַפּ און אַ סוף. בלוט וואָלט זיך פאַרגאָסן.

דער מאָנטער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעקוקט ניי־דאַן מיט אַ מאָדנעם שמייכל. דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן פון פלעשל אַ פולן פאָרצעלאַיענעם טעפל און דערלאַנגט ניידאַן.

— קער־איבער מיטאַמאָל! פאַרקוועטש נאָר דעם נאָז.

ניידאַ האָט זיך פאַרקרימט און אויסגעקערט דעם טעפל אין מויל אַריין. דער שטאַרקער אויסגעשטאַנענער שנאַפּס האָט האָט אים אַ שלאָג־געטון אין קאָפּ, ווי מיט אַ פלאָקן. אייניקע סעקונדעס איז ער געזעסן, שווער אָטעמענדיק. דער מאָנטער האָט פון דער זייט אים אָנגעקוקט.

— בראָנפן! — האָט ניידאַ געבורטשעט, — פייער! כ'האָב געדאַרפט אינדערפרי עס אויסטרינקען, וואָלט איך אים דעמאָלט נישט געשענקט. איך וואָלט אים דעמאָלט געוויזן.

— בהמה, וואָס וואָלסטו אים געוויזן, — האָט פלוצים דער מאָנטער בייז געזאָגט, — נאָר מיטן צונג ביסטו אַ בריה צו קלאַפּן. „בלוט וואָלט זיך פאַרגאָסן”. אויף אַ וואַנץ ביסטו אפשר אַ בריה, אויף טווערדאָווסקין אָבער האָסטו צו קורצע הענט, פאָנפאַטש!

ניידאַ האָט זיך אויפגעהייבן און זיך אויפגערעגט.

— גלויבסט נישט? גלויבסט נישט? דו מיינסט, איך באַ־רים זיך? דו זאָגסט, אַז איך בין אַ פּחדן? רעד, נבלה! — האָט ער אַ געשריי געטון און אָנגעכאַפּט דעם מאָנטער פאַרן ברוסט. יענער האָט זיך אָבער לייכט אַרויסגעדרייט.

— וואָסזשע כאַפּסטו מיך אָן? איך בין אַ שוואַכער מענטש. אָט, טווערדאָווסקין כאַפּ אַזוי אָן. אויף אים וואָלסטו, כ'לעבן, מיט אַ האַרמאַט אויך נישט געגאַנגען.

ניידאַ האָט אויפגעציטערט און, אַ כאַפּ טוענדיק די צווייטע פלאַש, האָט ער אַ פּאָר מאָל אַ זופּ געטון גלייך פון פלעשל און עס אַ וואָרף געטון אויף דער פּאָדלאָגע.

— עך, דו, — האָט ער געזאָגט, ביטער באַליידיקט, — איך בין איינער אַליין געגאַנגען אויף הונדערט. טווערדאָווסקי אַליין האָט געזען. און איך וועל פאַר אים אויך זיך נישט דערשרעקן. זאָל ער אַרויסגיין איינער אויף איינעם.

— לייג זיך שלאָפן, באַבע. ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט! — האָט דער מאָנטער שאַרף אים איבערגעריסן.

ניידאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. זיין פּנים איז גרוי געוואָרן און זיך פאַרקרימט.

— אַ, אָט ווי דו רעדסט! וועל איך דיר דערווייזן. אָט וועל איך אַ קלאַפּ טון און אים דערהרגענען.

— הער־אויף צו קלאַפּן מיטן צונג! ווער ס'וויל באמת פאַרטיידיקן זיין כּבוד, דער שווייגט. כ'לעבן, דו קאָנסט אפילו קיין רעוואָלווער אין האַנט נישט האַלטן, פּיפּערנאָטער. — האָט דער מאָנטער חוזק געמאַכט.

— אַך, דו, פּאַסקודניק! — האָט ניידאַ אויסגעשריגן און, אָפּשטופנדיק דעם מאָנטער, איז ער צוגעגאַנגען צום בעט. דער מאָנטער האָט אים נאָכגעקוקט מיט פּלוצלונג אָנגעצונדענע אויגן און מאָדנע אַ שמייכל געטון, ווען ער האָט דערזען, אַז ניידאַ שלעפּט אַרויס פון אונטערן קישן אַ מויזער. ניידאַ האָט זיך צו אים אויסגעדרייט.

— אָט... געזען... כ'על פאָרן און... אַ סוף. ער וועט ביי

מיר נישט אויפשטיין, — האָט ער געריטשעט און אַריינגעשטופּט אַ לאָדונג.

— טשעפּע זיך אָפּ! — איז צוגעגאַנגען דער מאָנטער, — ביסט פון זינען אַראָפּ. לייג זיך שלאָפן!

ניידאַ האָט אים אַ שטופּ געטון מיטן קולאַק אין זייט.

— קריך נישט... איך וועל דיר ווייזן, וואָס פאַראַ פּחדן איך בין. איך וועל אַלעמען ווייזן!

ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר און אָנגעהייבן צו קלאַפּן מיט נישט-גלייכע טריט איבער די טרעפּ פונם גאַנעק.

דער מאָנטער האָט אויפגעהייבן די פלעשער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט, און זיי אַריינגערוקט אין קאָפּער. דערנאָך האָט ער פאַרלאָשן די ליכט, געעפנט דעם פענצטער און גענומען זיך צוהערן. ער האָט דערהערט די טופּעריי פונם אַרויסגעפירטן פון שטאַל פערד און ניידאַס שיכורע ברומעריי. דערנאָך האָט ער פאַרקלאַפּט דעם פענצטער, זיך געלייגט אויפן בעט און בייזוויליק זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

* * * * * * * * * * * * * * * * *

די לאָמפּ האָט געוואָרפן אויפן טיש אַ קרייז געלבע ליכט. טווערדאָווסקי איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויפן טיש, געהאַלטן די קראַנקע פוס אויף אַ שטול און באַטראַכט די צייכענונגען פון אַ נייער מיליטערישער שפּיל, איבערשטעלנדיק די פענדלעך, וואָס זיינען געווען אָנגעשטאָכן אויף שפּילקעס. מאָרגן דאַרף ער אויספירן די שפּיל מיט זיין שטאַב. בעתן איבערשטעלן די פענדלעך, האָט ער דערהערט עפּעס אַ שאָרך און אַ לייכטן קלאַפּ אויף דער טעראַסע. ער האָט זיך אויפגעהייבן און זיך איינגעקוקט אין פענצטער. אַלץ איז אָבער געווען שטיל. גענומען דעם שטעקן, איז טווערדאָווסקי שטיל צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ביים זייל פון דער טעראַסע שטייט עפּעס אַ שאָטן. ער האָט אַ רוף געטון. פון זייל האָט זיך אָפּגעטיילט אַ מענטש און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. טווערדאָווסקי האָט דערזען ניידאַס פּנים מיט אַ פאַרביסענער ליפּ. ער האָט אויפגעבראַזט:

— וואָס פאַראַ טייוול דאַרפט איר דאָ? וואָס איז דאָס פאַראַ חוצפּה? איר ווילט מ...

ניידאַ האָט האַסטיק אויפגעהייבן די האַנט. איידער טווערדאָווסקי האָט באַוויזן זיך אָפּצובויגן, האָט אַ שווינדל געטון אַ בלווילעכער בליץ, הילכיק האָט אַ קנאַל געטון אַ שאָס און, אומזיסט זיך סטאַרענדיק אָנכאַפּן מיט די פינגער ביים ברעג פענצטער, איז טווערדאָווסקי אומגעפאַלן אויפן רוקן. פון מיטן שטערן האָט אַ פלייץ געטון אַ שטראָם בלוט. אין הויז האָבן זיך אָנגעצונדן פייערן, ס'האָט זיך דערהערט אַן אויפגערודערט לויפעניש.

און איבער דער נאַכטיקער וועג, הינטער די טויערן פונם גאָרטן, האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אין אַ ווילדן גאַלאָפּ אַ פאַרסאָפּעטער פערד מיט אַ צוגעבויגענעם צום זאָטל רייטער.

און אין דער סאַמעטענער פינצטערניש, באַזילבערט מיטן טונקעלן שיין פון די נידעריקע זומערדיקע שטערן, האָבן דאָס פערד מיטן רייטער אויסגעזען ווי אַ געשפּענס פון אַ פינצטערער קראַפט, וואָס טראָגט זיך אין אָפּגרונט פון די דורות.

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַן אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים צופאָר פון „לוקס-האָטעל", און פון פאָדערשטן געזעס איז אַראָפּגעשפרונגען אַ קליינינקער זעלנערל אין גרינע וויקלערס און געעפנט דאָס טירל. אונטערהאַלטנדיק דעם שווערד, איז אַ יונגער אָפיציר אַרויסגעקראָכן פון דער קאַרעטע און שנעל פאַרשוווּנדן אין פאָרהויז. מיט די שטיגן איז ער אַרויפגעגאַנגען אויפן צווייטן שטאָק און אָנגעקלאַפּט אין איינער פון די טירן אין לאַנגן און אומעטיקן קאָרידאָר. ווען מ'האָט זיך אָפּגערופן, האָט ער גלייך געמאַכט זיין פּאַס און אַריינגעגאַנגען.

פון הינטערן שרייבטיש האָבן אים אויפמערקזאַם אָנגעקוקט די מאַלפּישע אויגן פון קאַפּיטאַן ליקס.

— כ'האָב דעם כבוד זיך צו מעלדן, הער קאַפּיטאַן!

ליקס האָט אים אָנגעברוגזט דערלאַנגט אַ האַנט.

— זענט איר נישט צופרידן, הער קאַפּיטאַן? איך האָב אויסגערעכנט אויף אַ בעסערן ברוך-הבא. דער ענין איז אויס-

געפירט געוואָרן אויסערגעוויינלעך גלענצנד. די גאַנצע שולד איז אויף דעם אידיאָט, וועלכן איך האָב אָנגעגליט ווי אַן אייזן. אים האָט מען אַרעסטירט, מיך איז אָבער קיינער נישט חושד, און איך האָב אין אַ וואָך אַרום זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און אָנגעגעבן אַלס סיבה, אַז איך קאָן נישט אַרבעטן דאָרט, ווו מ׳האָט מיין בעל-טובה געהרגעט. נישט שלעכט, אמת? דערעיקר, אַז אונדזער אינסטיטוציע איז אינגאַנצן ריין, און ריינע הענט מיט אַ ריינעם געוויסן דאָס איז קודם כּל, הער קאַפּיטאַן.

ליקס האָט אַ שמייכל געטון און אַ שטופּ געטון דעם באַרעדעוודיקן געהילף אַ בויגן פּאַפּיר.

— בעסער גיט דאָ אַ קוק.

דער אָפיציר האָט אָנגעטון אויפן אויג אַ מאָנאָקל און צוגעטראָגן דעם בויגן פּאַפּיר צו די אויגן.

„אָפיציעלער באַריכט פון דער אָפּעראַטיוו-פּאָליטישער אָפּטיילונג. לויט די צונויפגעקליבענע ידיעות, האָט דער טויט פונם באַקאַנטן פירער פון דער רויטער קאַוואַלעריע טווערדאָווסקי אַרויסגערופן אין ראַטנפאַרבאַנד נישט קיין מוטלאָזיקייט און פאַרלוירנקייט, נייערט אַן אַלגעמיינעם אויפברויז פון צאָרן. אין אַלע קרייזן פון דער באַפעלקערונג איז צוגלייך מיטן מיטלייד צום דערהרגעטן שטאַרק דער האַס צו די מערדערס. דער שטאַב און די סאָלדאַטן פונם קאָרפּוס האָבן געגעבן אַ שבועה, אַז פאַר זיין טויט וועלן זיי אָפּצאָלן אין די קומענדיקע שלאַכטן. קיין שום צעמישונג אָדער ענדערונג אין דער פּאָליטיק האָט טווערדאָווסקיס טויט נישט אַריינגעבראַכט”...

דעם אָפיצירס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם פּאַפּיר אויפן טיש.

— נו, וואָס וועט איר איצט זאָגן? — האָט ליקס געפרעגט.

דער אָפיציר האָט זיך פאַרלוירן. זיין בעגרענעצטער מוח האָט אומזיסט געזוכט אַן ענטפער און נישט געקאָנט געפינען. ער האָט פּשוט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען און נאַכלעסיק געזאָגט:

— אַ [illegible]רנע פאָלק אָט די באָלשעוויקעס!